STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02529

DER YUNGER MENTSH UN ZAYN ANTVIKLUNG

Israel Rubin Rivkai

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד ר. ישראל רובין

דער יונגער מענטש און זיין אנטוויקלונג

פון וויג ביז צום זעלבסשטענדיקן לעבן

אָפּהאַנדלונגען וועגן פּסיכאָלאָגיע און דערציונג

ערשטע טייל:
די ערשטע קינדהייט

פ אַ ר ל אַ ג   ח.   ב ז ש אָ ז אַ
ו אַ ר ש ע,   1 9 2 7

Printed in Poland.

Der junger mensz un zajn entwiklung

הילע געצייכנט י. טיקאטשינסקי

געדר. ביי שיקאָרא און מילנער נאָוואָליפּקי 6.

WYDAWNICTWO
CH. BRZOZA
Warszawa, Leszno № 27.

Druk. Sikora i Milner, Nowolipki 6.

איין טייערן חזילען
צו זיין ווערן אכט יאר אלט
א מתנה.

קאַפּיטל 1

אונזער קינד איז אונזער גליק

— פאַרוואָס האָבן מיר ליב אונזערע קינדער?

— אָדער צי האָבן מיר ליב אונזערע קינדער?

וועלכע פון די ביידע פראַגן איז ריכטיקער? געוויס נישט די ערשטע, געוויס נאָר די צווייטע. ווען ס'האַנדלט זיך וועגן ליבע, פאַלט ממילא אָפּ, ווי אַן אָפּגעדאַרטע און אויסגעטרוקנטע צווייג, די עצם נויטיקייט פון לאַנגע חקירות, פון איבעריקע דערקלערונגען.

ליבע — און ליבע צו קינדער איז די העכסטע, די ערהאַבנסטע מדרגה פון ליבע! — איז יענער „מקום־קדוש", פון וועלכן ס'טראָגט זיך כסדר דער שטאַרקער באַפעל: „טו אויס דיינע שיך פון דיינע פיס" — מיט גראָבע שיך פון טרוקענער חקירה קען מען דעם הייליקן באָדן פון ליבע נישט באַטרעטן.

צי האָבן מיר ליב אונזערע קינדער?

ווער וועט וואַגן אויף דער פראַגע „ניין" צו ענטפערן? אין דעם פּרט הערשט די פולסטע, די ריינדיקסטע איינשטימונג צווישן אַלע מענטשן פון אַלע צייטן און אַלע ערטער.

אומעטום און אַלעמאָל איז איין נאָמען געווען פאַר דעם גרעסטן גליק פון מענטשלעכן לעבן, דער נאָמען האָט געהייסן, הייסט און וועט הייסן: אונזערע ליבע קינדער!

נויטיק צו אַן אויער און הערט זיך צו צו דער וואונדערלעך־ריינדיקער שפּראַך פון דער מוטער, ווען זי צערטלט איר ליב קינד!

קיין איינאיינציקע שפּראַך פון דער וועלט, מעג זי אפילו שוין שבעים שבעים לשונות פאַרמאָגן, וועט זיך נישט פאַרגלייכן מיט דערדאָזיקער איינג־אַרטיקער שפּראַך פון דער אם־הבנים.

דער מאמעס שפּראַך, וואָס איז אין אַלע צייטן פון דיכטער באַזונגען געוואָרן און פון דענקער מיט באַגייסטערונג אויפגענומען, פאַרמאָגט צוויי מעלות, וועלכע קיין איינאיינציקע אַנדערע שפּראַך פאַרמאָגט נישט.

רייכקייט און אויפריכטיקייט!

און ווי אומענדלעך גרויס איז די צאָל פון טיטל-ווערטער, מיט וועלכע די ליבנדע מוטער דריקט אויס איר שטאַרקע ליבע צו איר קינד, איר טיפן דאַנק פאַר יענעם גרויסן גליק, מיט וועלכן דאָס קינד האָט איר לעבן אָנגעפּולט! —

טרייסט און אוצר, נחת און שוואַרצאַפּל פון אויג, ליכט און זון — דאָס זענען אַלץ נישט קיין געקינסטלטע ווערטער, קיין אויסגעטראַכטע טייטשן— דאָס איז דער אמת, דער מאַמעס אמת, דער גרעסטער אמת אין אונזער וועלט.

פאַראַן אַן אַלטע לעגענדע. וועגן משה רבינו — די זעלביקע לעגענדע ווערט אויך איבערגעחזרט און צוגעגעבן צו די געשיכטעס וועגן אַ סך, אַ סך צדיקים: איידער דאָס קינד משה איז געבוירן געוואָרן, איז געקומען אַ ליכט-שטראַל פון גאָטס-פייערדיקער קרוין אַרויס און האָט זיך אָנגעהאַנגען אָן דאַך פון משהס עלטערן-הויז. ס׳איז נישט בלויז קיין שיינע מליצה און נישט נאָר צו משהן און צו צדיקים צוגעפּאַסט: ביי דער געבורט פון י ע ד ן קינד קומט אַ געטלעכער שטראַל אין עלטערן-הויז אַריין.

און עס ווערט ליכטיק!

מעג דאָס הויז אָרעם זיין, מעג עס דורכגעזאַפּט זיין מיט פּיין און צער — קומט דאָס קינד ווערט די אָרעמקייט פאַרגעסן, באַקומט די אָרעמקייט גופא אַ תיקון, און די שאָטנס פון פּיין ווערן בטל אין ים פון ליכט.

אַ סך, זייער אַ סך לידער און אַקאָרדן קלינגען און בלאָנדזשען אין אונזער לעבן אַרום, צווישן זיי וו י י נ י ק פרייל עכע אין מונטערע און אַ ס ך טרויעריקע, פאַרביטערטע. זיי אַלע אָבער, די טרויעריקע ווי די פריילעכע, זענען גאָרנישט און ווערן פאַרשלונגען אין דעם מעכטיקסטן, אין דעם הייליקסטן ליד, אין דעם „שיר השירים” פון אונזער לעבן — „אונזערע קינדער” הייסט דאָס דאָזיקע ליד!

און מעגן זיך געפינען אַזעלכע וואָס קומען, באַמיען זיך צו קומען מיט זייער טרוקענעם, חקירהדיקן „פאַרוואָס” און „צוליב וואָס” צו דער פראַגע פון קינד. —

אַזעלכע מענטשן פאַרדינען מיטגעפיל און רחמנות צו זיך.

ווייל זיי זענען טויב צו הערן די אומפאַרגלייכלעכע קלאַנגען פון שיר השירים אין מענטשלעכן לעבן, ווייל זיי זענען בלינד צו זען דעם מערק-

ווירדיקן ליכט, וועלכער פאַרטרייבט שאָטנס פון יאוש און אומגלויבן אין זין פון לעבן. זיי זענען אומגליקלעך — ווייל צי קען נאָך זיין אַגרעסערער אומגליק, ווי צו פאַרלירן דאָס פאַרשטענדניש פאַר גליק?! —

אונזער צייט איז שוין אַזאַ, אויף איר אומגעזונטן באָדן פאַראומרייניקט פון די מלחמה קאַשמאַרן און עלענט פון די לעצטע תוכחה־יאָרן, וואַקסן כסדר שעדלעכע שוועמלעך פון סם און פון וואַנזין. זענען דאָך פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וואָס לייקענען אין דער נויטיקייט פון לופט צום אָטעמען, וועלכע זאָגן זיך אָפּ פרייוויליק פון לופט און פאַרשפּאָרן דעם מלאך־המות זיין אַרבעט איבער זיי — איז פון דעם דען געדרונגען, אַז לופט איז טאַקע איבריק?

ווער ס'איז קראַנק וויל לעבן. ווער ס'וויל לעבן מוז לופט האָבן. און ווער ס'וויל, אז זיין לעבן זאָל האָבן אַ זין, אַ באַרעכטיקונג, זאָל דורכגעשטראַלט פון ליבע זיין — דער מוז קינדער האָבן.

„אם הבנים שמחה“ די מוטער פון קינדער איז פריילעך — זי פאַרדינט די דאָזיקע פרייד.

צען מאָס פרייד און גליק זענען אויף דער וועלט אַראָפּ, און ביי מאָס פון זיי — טאַטע־מאַמעס פון קינדער!

קאַפּיטל II

צי קענען מיר אונזערע קינדער און ווי אַזוי זאָלן מיר זיי קענען לערנען?

ס'איז איינע פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען: דוקא דאָס באַנטסטע צווישן נאָענטע און דאָס ליבסטע צווישן ליבע איז אונז אַממערסטן פרעמד און אומבאַקאַנט, דוקא דאָס, וואָס פעלט אָן אונזער לעבן מיט גרויסן און שטאַרקן ליכט בלייבט פאַר אונז ווי אין פינסטער פאַרהוילן:

מיר קענען נישט אונזערע קינדער, מיר קענען נישט די קינדהייט! אַמאָל זענען מיר אַליין געווען קינדער, איצט זענען מיר שטענדיק אַרומגערינגלט מיט קינדער און דאָך האָבן מיר אַזאַ שוואַכע אנונג וועגן אמתן תוך פון קינדער און קינדהייט. אונזערע בעסטע, ליבסטע זכרונות, וועלכע ברענגען אונז היילונג און אָפּפרישונג אין די שווערסטע מינוטן, זענען מיט אונזער אייגענע קינדהייט געבונדן. די קינדהייט פאַרנעמט אַזוי אַרום דעם שענסטן פּלאַץ, דעם אויבנאָן אין אונזער פאַרגאַנגענהייט. ווען מיר ווילן זיך אָפּרייסן אויף אַ רגע פון דעם שווערן און איינמאַטערנדיקן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, ווען מיר ווילן אַ ביסל אָפּרוען פון טאָג־טעגלעכן פאָרעגיותן דאַן קומען מיר אין קינדער־צימער אַריין, קוקן זיך צו פאַרגאַפט צום לעבן און שפּילן (זייער לעבן איז דאָך כסדר שפּילן און זייער שפּילן איז דאָך כסדר לעבן!) פון אונזערע ליבע קינדער, און מיר באַקומען אַ גענעזונג, ס'קומט אַ דערפרישנדיקער שטראָם פון קינדס פּרימיטיוון ווינקעלע אַרויס און ווישט אָפּ ביז נישט צו דערקענען, דעם קאַלטן שווייס פון זאָרג אויף דעם געראונצלטן שטערן פון זיין טאַטע־מאמע. דאָס קינד און די קינדהייט איז אונזער עיר־מקלט, אין וועלכן מיר, ווי די אומשולדיקע פאַרברעכער

אַמאָל, געפינען שוין און רעטונג אין אונזער געגנוואַרט. אין אז אונזערע בעסטע האָפנונגען אויך אויף ווייטער, אויף דער צוקונפט זענען ווידעראַמאָל פאַרבונדן מיט קינדער און קינדהייט איז דאָך איבריק צו דערמאָנען. אונ-זערע קינדער זענען דאָך אונזער צוקונפט.

און אזוי זענען מיר מיט אלע אונזערע צייט-טיילן געקניפט און גע-בונדן מיטן קינד: „אונזער נעכטן" „אונזער הייַנט" „אונזער מאָרגן" — אַלע געהערן זיי דעם קינד. —

און דאָך קענען מיר אזוי ווייניק אונזערע קינדער און זייער קינדהייט.

אַ גרויסער געלערנטער קינדער-קענער האָט אַמאָל געזאָגט:

די קינדהייט איז אַ ברייטער און אַ טיפער ים. און די דערוואַקסענע, וועלכע רינגלען ארום די קינדער — טאטע-מאמע אויך בתוכם — זענען זייער שלעכטע שווימער. האַלטן זיי, די דערוואַקסענע, זיך נאר ביים ברעג, ביים נידריקן און פלאַכן ברעג פון ים, קענען זיך אין זייַנע ווייט-קייטן נישט לאָזן און זענען נאך מער נישט ביכולת אין זייַנע טיפענישן אַראָפּ-צוגרונטעווען.

און גערעכט איז ער. דערדאָזיקער קינדער-קענער!

דאס וואס מיר ווייסן יאָ וועגן אונזערע קינדער איז נאר דער „בראשית", דער אָנהייב פון דער תורה, און די תורה איז אַ גרויסע און אַ שווערע, און מיר מוזן זי לערנען כסדר. אָן אויפהער, ווי יעדע און נאכמער פון יעדער אנדער תורה, איז די דאָזיקע תורה פון קינד פול מיט מצוות, וועלכע ווערן אויף אונז דערוואַקסענע אַרויפגעוואָרפן זיי מקיים צו זיין, אום כדי מיר זאָלן קענען ווי געהעריק דורכצופירן די שווערע און פאראַנטוואָרטלעכע דערציונג פון אונזער קינד. פאראַן צווישן די מצוות פון דער תורה „קינד" „מצוות-עשה": וואָס מיר דאַרפן יאָ טון, אום כדי צו זיכערן אַ דערפאָלג אין דער דערציונג, ווי אויך „מצוות לא תעשה", וואס מיר דאַרפן נישט טון אום כדי צו פאַרמיידן דעם אומדערפאָלג, כדי מיט אונזערע אייגענע הענט נישט אָנצעוואַרפן שטרויכל-שטיינער אויפן וועג פון קינד, אָן וועלכע ער קען נאך חלילה געניזוקט ווערן.

און ס'איז דאָך קלאָר:

אום כדי צו קענען די מצוות מקיים זיין, מוז מען פריער די תורה קענען, אום כדי צו זיין גוטע דערציער פון אונזערע קינדער מוזן מיר פריער קענען אונזערע קינדער.

די אַלע וואס האָבן מיט קינדער צו טון — און ווער האָט נאך אַזוי צו טון מיט קינדער ווי טאַטע-מאַמע? — דאַרפן געדענקען:

פון זיי איז אָפּהענגיק דער גורל פון קינד נישט בלויז איצט, ווען עס

איז נאָך קינד, נאר אויך אויף זיין גאַנצן שפּעטערדיקן לעבן, ווען ער וועט ווערן אַ דערוואַקסענער.

דער קלענסטער פעלער אין באַגיין זיך מיטן מענטשן אין זיין קינדהייט לאָזט זיך פילן אויך אין שפּעטערן לעבן פון מענטשן, ווען די קינדהייט איז שוין ווייט הינטער אים.

פון אַלעם אין לעבן פון זעלבסטשטענדיקן מענטשן, פון גוטן און פון שלעכטן, פון מעלות ווי פון חסרונות, ציען זיך שטאַרקע פעדים צו יענעם וואָרצל, פון וועלכן דאָס מענטשלעכע לעבן ציט זיין יניקה, צו יענער צייט, ווען דער מענטש איז נאָך געווען נ י ש ט ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ק און איז אינגאַנצן אָפּהענגיק געווען פון זיינע דערציער, די פעדים ציען זיך צו דער מענטשלעכער קינדהייט. לייענט די ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן וועגן זייערע גרויסע אויפטוען און פאַרדינסטן און איר וועט שטענדיק געפינען אַ אָנווייזונג, וועלכע פירט צוריק צו זייער קינדהייט. דער אָדער יענער גרויסער מענטש האָט געהאט אַזאַ און אַזאַ טאַטע, און אַזאַ און אַזאַ מאַמע, אַזאַ און אַזאַ משפּחה, וועלכע האָבן געווירקט אויף זיין גרויס ווערן. טאַטע-מאַמע זענען שותפים פון דעם גרויסן מענטשן אין זיין גרויסקייט, און נישט נאר דערפאַר, ווייל זיי האָבן אים אויף דער וועלט ג ע ב ר אַ כ ט, נאר אויך מיט דעם, וואָס זיי האָבן אים ווי ג ע ה ע ר י ק אויף דער וועלט ג ע פ י ר ט און דערצויגן.

און פונקט אַזוי וועט איר לייענען אין די לעבנס-באַשרייבונגען פון ש ל ע כ ט ע, נידריקע מענטשן. פונקט אַזוי וועט איר הערן אין די באַשולדיקונגס אַקטן ביי פּראָצעסן איבער די שרעקלעכסטע פאַרברעכער אנווייזונגען, וועלכע פירן ווידער אַמאָל צוריק צו דער קינדהייט, דער פאָטער פון שלעכטן מענטשן איז געווען אַזא און אזא, די מוטער פון פאַרברעכער פלעגט זיך אין זיין קינדהייט מיט אים אזוי און אזוי באַגיין. דאָ אויך זענען טאַטע-מאמע שותפים צו זייער זונס פאַרברעכן, און נישט דורך דעם, וואס זיי האָבן אַ פערברעכער אויף דער וועלט געבראַכט (קיין פאַרטיקע פאַרברעכער ווערן נישט געבוירן!), נאר דורכדעם, וואס זיי האָבן מיט זייער נישט-ריכטיקער דערציונג מיטגעווירקט, ער זאָל ק ע נ ע ן ו ו ע ר ן א פאַרברעכער.

עס איז קיין ספק נישט:

טאַטע-מאמע טוען זייערע קינדער נישט קיין שלעכטס, ב כ ו נ ה. טאַטע-מאמע זענען דאָך גרייט זיך מקריב צו זיין פאר דעם, אז זייערע קינדער זאָלן ווערן גוטע און נוציקע מענטשן. אלא וואס דען? זיי קענען זייערע קינדער שלעכטס טון שלא בכונה. קעגן זייער אייגענעם ווילן. זיי קענען אַמאָל ברענגען זייערע קינדער שאָדן אפילו דאַן, ווען זיי מיינען זיי גוטס

צו טון. דאס נעמט זיך איינאונאיינציק פון נ י ש ט ק ע נ ע ן ד אָ ס ק י נ ד.

און מ׳מוז דאָס קינד קענען כדי צו קענען טאקע זיין זיכער, אַז דאָס גוטס, וואָס מ׳וויל טון איז גוטס און אז דאָס שלעכטס, פון וועלכן מ׳וויל פארהיטן איז באמת שלעכטס. מ׳מוז זיין גרייט צו דער ראָל פון אַ דערציער. ביי איינעם פון די גרעסטע ליטעראטור־מייסטער פון אלע צייטן, ביי שעקספירן, זאָגט זיינער אַ העלד, האמלעט, ארויס אזא געדאנק: שפילן אויף א מענטשלעכער נשמה, ווען מ׳קען נישט די קונסט פון שפילן, איז אַ סך ערגער ווי צו שפילן נישט צוגעגרייטערהייט אויף אַ פלייט.

און מאַכט אַ קל־וחומר, א צווייענדיקן קל־וחומר:

„מה דאָך אַ פלייט, דער געוויינלעכער כלי־זמרישער הילצערנער אינ־סטרומענט קען נישט אַלע מאָל אריבערטראָגן אומגעשעדיקט דאָס פאַלשע שפילן און אָפט פלאצן זיינע סטרונעס אונטער די אומגעניטע פינגער, היינט ווי דאַרף שוין ליידן פון אַ אומגעניטער האַנט יענער עמפפינדלעכער און לעבעדיקער אינסטרומענט, דער נאָמען פון וועלכן ס׳איז מענטש”! און מה־דאָך א מענטש סתם, א מענטש א דערוואקסענער, א מענטש א זעלבסטשטענדיקער, וועלכער דאַרף שוין נישט כסדר אָנקומען צו פרעמדער הילף, מוז ליידן, ווען צו ווירקן אויף אים נעמט זיך א פאַלש געשטעלטע, אומגעניטע האַנט, היינט ווי שרעקלעך מוז שוין זיין די סכנה, וואָס דער ערב־מענטש, דאס צארטע און הילפלאָזע קינד, וואס איז אויסגעשטעלט בעיקר אויף פרעמדער הילף, אויף פרעמדער אונטערשטיצונג, קען דערוואַרטן פון דער האַנט פון א אומגעניטן דערציער!

און ס׳איז נישט נאר א מליצה:

דאס קינד איז דער עמפפינדלעכסטער פלייט. מ׳קען פון אים ארויסבאַ־קומען די צארטסטע קלאנגען, מ׳קען אבער אויך ארויסבאקומען די גריל־צנדיקסטע דיסאנאנסן. ס׳קענען אמאָל אויך פלאַצן סטרונעס אין זיין נשמה. און געפלאצטע סטרונעס אין נשמה איז שוין שפעטער אוממעגלעך צו פאר־ריכטן.

אלץ איז אָפהענגיק פון דעם, ו ו י אַ ז ו י דער דערציער שפילט אויף דעם קינדס נשמה־פלייט. צי איז דער דערציער באקאנט מיט דעם איבער־געגעבענעם אין זיין רשות אינסטרומענט. צי קען דער דערציער דאס קינד! —

אָבער ס׳קענען קומען טענות:

יאָ, מ׳דאַרף טאקע, מ׳מוז קענען דאס קינד אום זיין דערציער צו זיין. אבער דאס איז דאך אזאַ ש ו ו ע ר ע א ו י פ ג אַ ב ע און נישט אלע זענען בכוח זי צו דערגרייכן!

טאטע מאַמע זענען דאָך אַזוי פאַרנומען, אַזוי איבערגעלאַדן מיט כּל ערליי דאגות, און זיי זענען דאָך געצוואונגען אָפּצוגעבן זיך כּסדר מיט דעם שווערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, זיי מוזן זיך דאָך כּסדר באַמיען, אַז דעם קינד זאָל חלילה אויסערלעך גאָרנישט פעלן. ווי אַזוי זשע קענען זיי עס אויף זיך נעמען אַזאַ שווערע לאַסט ווי דאָס קענען לערנען דאָס קינד?

און אפשר איז בעסער טאַקע די דערציִונג פון קינד, ווייל זי איז אַזוי שווער און פאַראַנטוואָרטלעך, פון אָנהויב אָן איבערצוגעבן אין פרעמדע הענט. אפשר איז בעסער דער „ברוך שפּטרני מענשו של זה״ מקדים צו זיין אַ סך־אַ סך פאַר דעם בר־מצוה־ווערן פון קינד און תּיכּף אים אָפּגעבן אין אַ דערציִונגס־אַנשטאַלט אונטער דער השגחה — הגם פון פרעמדע, — דער־פאַר אָבער געניטע דערציִער? רייכערע עלטערן, למשל, קענען זיך דער־לויבן איינצולאַדן צו זיך געניטע דערציִער שוין פון ערשטן טאָג פון קינדס געבורט אָן (פאַרשידענע באָנעס). די אָרעמערע עלטערן, וועלכע זענען עס נישט בכּוח צו טון, זאָלן דערפאַר זייערע קינדער אָפּגעבן אין אַנ־שטאַלטן פאַר זויג־קינדער, שפּעטער אין קינדער היימען, און שולן און דאָס געוויסן וועט בלייבן ריין״.

זענען אַזעלכע און ענלעכע טענות פאַרשטענדלעך, זיי זענען אָבער נישט גערעכט. און באַזונדערס נישט גערעכט און אפילו העכסט־שעד־לעך איז דער אויספיר: לאָמיר זיך אָפּזאָגן פון קינדער־דערציִונג לאָמיר זי איבערגעבן אין פרעמדע געניטע הענט.

כּסדר:

ווי באַשעפטיקט מ׳זאָל נישט זיין קען מען געפינען געלעגנהייטן און צייט אום צו קענען לערנען דאָס אייגענע קינד.

ס׳איז טאַקע שווער, אָבער „ווייל ס׳איז שווער זאָל מען זיך פון דעם אָפּזאָגן״ איז אַ פאַלשער אויסוועג. שוין דאָס אַלטע פאָלקסווערטל זאָגט אונדז:

„שווער איז קינדער צו האָבן. נאָך שווערער איז קינדער מגדל צו זיין״.

נעמט מען אויף זיך דאָס ערשטע, דאַן מוז מען אויף זיך נעמען אויך דאָס צווייטע.

און „מגדל זיין״ הייסט נישט בלויז זאָרגן פאַר דעם אויסערלעכן וואוילשטאַנד פון קינד. עס זאָל זיין זאַט, אנגעקליידט און אנגעשיכט, נאָר אויך פאַר זיין איבערלעכן וואוילשטאַנד. עס זאָל זיין גוט דערצויגן.

און מ׳טאָר זיך נישט אָפּזאָגן אַליין צו זיין דער דערציִער פון

אייגענעם קינד, ווייל קיינער, דער בעסטער און געניטסטער פרעמדער דער־ציער וועט **נישט פערבייטן טאטע־מאמע.**

ווי גוט די פרעמדע סביבה זאָל נישט זיין איינגעריכטעט, וועט זי נישט זיין ביכולת צו ממלא־מקום זיין די היים, די משפחה.

רייכע מאמעס, וואָס „שענקען"ו זייערע קינדער „באָנעס", טוען דערמיט דאס ערגסטע דעם קינד. זיי רויבן אליין אפּ ביי אים דאס נויטיקסטע, זיי רויבן ביי אים אפּ זיין מאמען.

און באַגיין אַרויב איבער אַן אומבאַהאָלפן באַשעפעניש, ווי דאָס נייגע־בוירן קינד, איז שוין אַליין אַ גרויסער פאַרברעכן.

ארימערע עלטערן, וועלכע געבן אָפּ זייערע קינדער אין אַנשטאַלטן פאר זויג־קינדער, למשל, טוען דעם זעלביקן פאַרברעכן. אמת צוליב נויט, אָבער נויט איז נאָר אַ מילדערונגס־אומשטאַנד פאר דעם פאַרברעכער. דאס פאַרברעכן גופא פאַרבלייבט דורך דעם נישט געמינדערט.

אונז וועט נאָך אויסקומען צו שמועסן וועגן דער ראָל פון טאטע־מאמע אין דערציונג פון קינד, מיר ווילן נאָך האָבן די געלעגנהייט צו דערווייזן, ווי אַזוי נויטיק דעם קינד איז דווקא זיין טאטע־מאמע.

דא זאָל נאָר פעסטגעשטעלט ווערן:

די שטאַרקסטע און וויכטיקסטע דערציונג פון קינד זענען טאטע־מאמע. און ס'איז אַ קעגנזייטיקע עולה פאר ביידע צדדים: פאר דעם קינד, ווען מ'נעמט ביי אים אָפּ זיין טאַטע־מאמע און פאר טאטע־מאמע גופא, ווען מ'נעמט ביי זיי אָפּ, ווען זיי אַליין נעמען דאָ זיך אָפּ — זייער קינד!

דער בעסטער **פרעמדער** דערציער און די **ערגסטע** אייגענע טאטע־מאמע זענען נאָך נישט גלייך! וואס'זשע זאָלן אבער טאטע־מאמע דאָך טון, אום כדי צו קענען אויספילן די אויף זיי אַרויפגעלייגטע, וויכטיקע אויפגאַבע? ווי אַזוי זאָל מען דאָך קענען לערנען דאָס קינד?

דאס ערשטע און דאָס וויכטיקסטע אין דעם פרט איז די **אנער־קענונג גופא**, אז מ'דאַרף דאס קינד קענען לערנען.

די אנערקענונג, אז „מ'ווייסט נישט" ברענגט אלע מאָל ארויף אויף די וועגן, וועלכע פירן צום „מ'ווייסט יאָ".

ווען מ'וויל כסדר געדענקען די וויכטיקייט פון קענען דאס קינד, וועט מען שוין ממילא אַן גלייכגילטיקייט אונטערנעמען דעם אָדער יענעם טריט בנוגע דעם קינד, וועט מען ממילא זיך פריער פאַרטראַכטן, איידער מ'טוט עפּעס, צי איז עס גוט אָדער שלעכט, שטענדיק איבערלייגן, ארומ־טראַכטן יעדע האנדלונג בנוגע דעם קינד — דאס איז דער וויכטיקסטער געבאָט, וועלכן דערציער בכלל און טאַטע־מאמע בפרט דאַרפן שטענדיק געדענקען.

און דאַן — באָאָבאַכטן דאָס קינד, צוקוקן זיך צו אים, צו אַלע זיינע האנדלונגען און אויסערונגען, זען צו פאַרשטיין די פאַרבינדונג צווישן איינצלנע אזעלכע האנדלונגען און אויסערונגען פון קינד, פאַרגלייכן פרי־ערדקע אזעלכע האנדלונגען מיט די שפּעטערע, אויסגעפונען די קעגנזייטיקע שייכות צווישן זיי, זייער צוזאַמעסיקייט.

באָאָבאַכטעט אייערע קינדער! — דאָס איז דער צווייטער וויכטיקער געבאָט פאַר קענען־לערנען דאָס קינד און ממילא אויך פאַר דער ריכטיקער דערציונג. געוויינלעך קוקן זיך טאַטע־מאַמע צו צו זייערע קינדער (די מאַמע אין דעם פּרט איז אַן אויסנאַם, ווייל זי איז דאָך פיזיש מיטן קינד פאַרבונדן און געפינט זיך נעבן אים מער און אָפטער ווי דער טאַטע) נאָר דאַן ווען, יענע ציען צו זיך מיט געוואַלט זייער אויפ־מערקזאַמקייט. דאָס נייגעבוירענע קינד. למשל, כאַפּט זיך מיט אַמאָל אויף פון שלאָף און הייבט אָן צו שרייען, גייט מען צו אים צו און מ׳זוכט די סיבה פון זיין שרייען (און אַז מ׳זוכט, געפינט מען: אַמאָל איז די סיבה: דעם קינדס וועלן עסן, אַמאָל — זיין אומגינסטיקע לאַגע אין וויגעלע, זיין נאַס הערן וכדומה), אָבער ווען דאָס קינד צווינגט נישט דערצו, ווען דאָס קינד איז רויק ליגט מען אויף אים ווייניק אַכט.

איר קענט, למשל, פון פילע מוטערס (אפילו מוטערס!) אַפּט הערן אַ לויב מיינונג וועגן איר קינד:

— אַ גאָטס בענטשונג איז דאָס, נישט קיין קינד. פון זויגן ביז זויגן איז עס רויק, ווי אַ מלאך, און איך קוק אים אפילו נישט אָן.

די רויקייט פון אַ קינד איז טאַקע אַ גרויסע מעלה (כאָטש די גרויסע רויקייט איז שוין אַגב, פאַרקערט, גאָר קיין מעלה נישט!), אָבער, אַז מ׳זאָל אים פאַר אַזאַ מעלה „באַצאָלן” מיט „נישט אָנקוקן אים” אין משך פון לאַנגע שעהן, איז שוין געוויס אַ גרויסער חסרון, אַ חסרון מצד טאַטע־מאַמע.

אַ ביישפּיל פון עלטערע קינדער. טאַטע־מאַמע וועלן אייך קענען דער־ציילן מאַסן מעשיות—און זיי דערציילן עס מיט נאַטירלעכן שטאָלץ—וועגן די חכמות פון זייערע קינדער. וואָס איז אָבער אַ קינדס אַ „חכמה”? זיין אַקטיוו אַרויסווייזן זיך, זיין וואַרפן זיך אין אויג, זיין נישט לאָזן זיך נישט באַמערקן, זיין רופן: קום און קוק, קום און באָאָבאַכט!

צי קענען אָבער טאַטע־מאַמע באַריכטן וועגן זייערע קינדער דאַן ווען יענע ווייזן נישט אַרויס קיין חכמות? ווען זיי זיצן זיך און פאַר־ברענגען אין זייערע ווינקעלעך די לאַנגע, לאַנגע שעהן? חכמות אין טאָג אפילו ביים געראָטנסטן קינד זענען דאָך געציילטע אין די שעהן פון טאָג, ווען דאָס קינד לעבט און דריקט אויף כלערליי אופנים אויס זיין לעבן זענען,

פארקערט, לאנגע, אומצייליקע, וואס קענען טאטע=מאמע וועגן די דאזיקע אומצייליקע שעהן באריכטן?

און אַ שאד, כלעבן: אַ קינד ווייזט געוויינלעך ארויס אין זיינע, אזוי צו זאגן חכמה׳לאזע שעהן אַ סך, אַ סך חכמות, אפשר אינטערעסאַנטער פון די, וועלכע די עלטערן באמערקן שוין יא, ווייל זיי קענען זיי נישט באמערקן. און דורך באאבאכטן דאָס קינד אין די דאזיקע לאַנגע אומצייליקע שעהן קען מען זייער פיל וויכטיקעס און נוציקעס פון קינד גופא קענען לערנען דאָס קינד.

און דאס איז טאקע די עיקר מעלה פון באַאָבאכטן: דאס קינד אליין לערנט זיין באאבאכטער וועגן זיך.

דאס קינד ווערט דורך דעם אליין דער לערער. דער בעסטער לערער, וועלכער ווייזט אָן זיין דערציער, ווי אזוי אים צו דערציען.

און איינער פון די גרעסטע קינדער=פריינט און קינדער=קענער, דער גרויסער פרעבל איז גערעכט, ווען ער ווענדעט זיך צו די מאמעס מיט דעם רוף:

„מוטער, ווילסטו וויסן: ווי אזוי דאס קינד צו פירן, ווי אזוי אים צו דערציען? דאס קינד גופא לערנט עס דיך!" *)

אפילו ווען דאס קינד איז שוין עלטער, ווען עס באזוכט שוין א שול בלייבט ער נאך א מוסטער פאר זיין לערער. מ׳דארף אפילו דאַן נאך זיך צוקוקן צום קינד, כדי צו וויסן ווי אזוי אמבעסטן צו געפינען דעם וועג צו אים.

אזוי, למשל, הערשט אין דער שול=דערציונג (פעדאגאגיק) דער כלל: „פון קינד געגומען" — א כלל וואס איז זייער געלונגען פארמולירט געווארן פון א גרויסן דערציער בערטאלד אָטטאָ. בפרט ווען דאָס קינד איז נאָך גאָר קליין, אין דער פריסטער קינדהייט זייבער. עס איז גוט, ווען עלטערן זעען צו פארפיקסירן, דאָס, וואָס זיי באמערקן, וואָס זיי באַאָבאַכטן ביי זייערע קינדער.

מ׳פארגעסט דאָך אזוי שטארק דעם קינדס פאַרגאַנגענהייט. גיט דער איבערגעגעבנסטער מוטער אַן אויפגאַבע, זי זאָל אייך שילדערן, געגוי שילדערן דאָס לעבן פון איר איצט 5 יאָריקן קינד, ווען עס איז נאָך א יאָר אַלט געוועזן— און זי וועט עס נישט זיין בכוח, און ס׳איז אָפט אזוי וויכטיק דוקא ביים שפעטערן עלטער פון קינד זיך צו דערמאָנען וועגן זיין אנטוויקלונג אין די פריערדיקע יאָרן. דורך פאַרגלייכן דאָס פריערדיקע מיט דעם איצטיקן קען

*) Die Menschenerziehung § 37

מען אַ סך בעסער און ריכטיקער סיי דאָס איצטיקע פאַרשטיין און סיי פּלענער פאַר דער ווייטערער דערציונג צו שאַפן.

אַ זייער גוטער, וואַרים רעקאָמענדירטער מיטל איז צו פירן אַ טאָג בוך פון קינד (אויספירלעכער וועגן דעם אין אַ באַזונדער בריוו), צו פאַרשרייבן אַלעס מערקווירדיקעס אין לעבן פון קינד.

שפּעטער, ווען דאָס קינד וועט עלטער ווערן און וועט זיין בכוח צו לייענען די דאָזיקע פאַרשרייבונגען, וועלן זיי אים פאַרשאַפן אַן אומגעהויער גרויסן אינטערעס. אבער נאָך מער אינטערעס, פּראַקטישן אינטערעס, מיט בולטע נוצן, וועלן די נאָטיצן שפּעטער געבן דעם שרייבער אַליין, דעם טאַטן און נאָך בעסער דער מאַמען.

אַזאַ טאָג-בוך דאַרף כּלל נישט אַפּנעמען קיין סך צייט, מ'קען די פאַר-שרייבונגען פירן פון צייט צו צייט (נאָר אין באַשטימטע טערמינען, כּדי ס'זאָל ווי ווייט מעגלעך זיין נישט צופעליק), זיך דערמאַנענדיק, וואָס ס'איז אין משך פון פאַרלאָפענעם פעריאָד באַמערקט געוואָרן מערקווירדיקעס, אינטערע-סאַנטעס און באַלערנדיקעס.

און די נאָטיצן דאַרף מען פון צייט צו צייט לייענען, כּדי צו פאַר-גלייכען די פריערדיקע באַאָבאַכטונגען מיט די שפּעטערע, כּדי אויסצוגעפינען די קעגנזייטיקע שייכות צווישן זיי.

עס איז זייער געוואונטשן צו מאַכן פעריאָדיש יענע מעסטונגען וועלכע מ'קען אַליין אָן פרעמדער הילף, דורכפירן, למשל: צו באַשטימטער צייט וועגן דאָס קינד, מעסטן זיין וואוקס, היקף פון ברוסט א. א. וו. די רעזול-טאַטן פון די אַלע מעסטונגען זאָלן, פאַרשטייט זיך, פאַרשריבן ווערן און געהיט ווערן.

ס'איז נישט בלויז קיין זאַך פאַר דעם אייגענעם פאַרגעניגן אויך דאָס אָפטע, — ווידערמאַל פעריאָדישע, — פאָטאָגראַפירן דאָס קינד. אַ קאָלעקציע פון קינדס פאָטאָגראַפיעס אין פאַרשידענעם עלטער קען אַ סך מיטהעלפן דער פאַר-ברייטערונג פון אַנונג וועגן קינד, קענען געבן אַ קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן קינדס אַנטוויקלונג.

און דאָס לעצטע און זייער וויכטיקע איז דאָס לייענען פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע און בעלעטריסטישע ליטעראַטור וועגן קינדער און זייער לעבן. מ'דאַרף זיך צו אַזאַ לייענען באַציען, ווי ס'דאַרף צו זיין:

ס'איז נישט בלויז אַ זאַך פון פאַרגעניגן, פון אייגענעם געניוס (אויב צוליב געניוס קען מען אפשר לייענען פּאַסיקע זאַכן), ס'איז אַ חוב, אַ זאַך פון אומבאַדינקטער פליכט.

טאַטע-מאַמע דאַרפן געדענקען—ס'איז אָן איבערטרייבונג געזאָגט, — אַז

מיטן מאמענט ווען זיי ווערן טאטע—מאמע ווערן זיי און מוזן ווערן גלייכ־צייטיק אויך תּלמידים. טאטע־מאמע מוזן זיך כּסדר גרייטן צו דער פאר־אנטווארטלעכער דערציערישער ארבעט, וועלכע איז אויף זייער גורל אויס־געפאלן, מוזן סיסטעמאטיש זען זיך צו פארפולקאמען אויף דעם נייעם פאר זיי דערציונגס־געביט, מוזן זען כּסדר צו פארגרעסערן זייערע קענטעניש.

מ׳טאר זיך בלויז אויף דעם אייגענעם חוש נישט פארלאָזן, מ׳דאַרף זען, ווי אזוי אַנדערע, געניטערע באַגייען זיך אין דער דערציערישער אַרבעט, מ׳דארף פון די דאָזיקע געניטערע לערנען.

„נישטאָ קיין צייט” איז קיין תּירוץ נישט. ס׳מוז זיין צייט. זאָלן דעם לייענען אָפּגעגעבן ווערן געציילטע שעהן אין וואך — שעהן פאר דעם מוזן זיך אָבער געפינען (אין אַ שבת־טאָג א. א. וו.) אויף יידיש איז לידער אויף דעם געביט זייער ווייניק פאראן, זאל אָבער דאס ווייניקע זיך געפינען אין הויז פון יעדע טאַטע־מאַמע *). און די וואָס קענען אויסער יידיש נאך אנאַנדער שפּראַך, דאַרפן זייערע שפּראך־קענטעניש אויסנוצן אויך אין דעם פּרט.

לייענען וואָס מער וועגן קינד. קענענלערנען דאס קינד און זיין קינדהייט!

---

*) א רשימה פון דער פּאסיקער ליטעראַטור, וויסנשאַפטלעכער ווי בעלעטריסטישער, ווערט געגעבן באַזונדער

קאַפּיטל III

וואס איז קינדהייט
איר דויער און איר פארטיילונג.

וואס איז אַזוינס קינדהייט? וועלכע צייט אין מענטשלעכן לעבן קענען מיר געבוי אָנרופן קינדהייט? קינדהייט איז בכלל די צייט פון ערב־דער־וואַקסנקייט אין מענטשלעכן לעבן. ד. ה. די צייט פון געבוירן און ביז דעם פולשטענדיקן רייף ווערן פאר אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן, ביז דעם אַרייַנטרעטן ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע אין דער געזעלשאפט פון דערוואַקסענע מענטשן.

קינדהייט איז אלזאָ די צייט, ווען דער מארגנדיקער דערוואַקסענער גרייט זיך צום פאָרשטייענדיקן לעבן, יענער קאָרידאָר — אויב צו באַנוצן זיך מיט שוין אַ פריער געמאַכטן פארגלייך — ווי דער ערב־דערוואַקסענער, דער נאָך נישט דערוואקסענער גרייט זיך אריינצוטרעטן אין לעבנס זאַל פון גאנצע, דערוואקסענע. קינדהייט איז אַ לאנגע שול, וואו מ׳לערנט זיך פלייסיק און אומאויפהערלעך אָפּצוגעבן עקזאמען אויף דעם טיטול פון אַ רייף געוואָרענעם מענטשן. דאס פאָרשטייענדיקע לעבן פון זעלבסטשטענדיקן מענטשן איז דאָך אַ מלחמה־פּלאַץ, וואו מ׳שטויסט זיך אָן אויף אָפענע און באַהאלטענע שוועריקייטן. צו דערדאָזיקער מלחמה דאַרף מען זיין גרייט, כדי מ׳זאָל קענען זיכער ארויסטרעטן אויפן קאַמפּס־פעלד מוז מען זיין באוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס.

און אָט איז די קינדהייט טאַקע די צייט פון אַזא צוגרייטונג „צום פאָרשטייענדיקן קאמף, וואו מ׳באוואָפנט זיך און מ׳מאַכט זיך ווידערשטאנדס־פעיק לגבי אַלע מעגלעכע שוועריקייטן. פאר אַ זעלנער וואס מאכט זיך

גרייט צו דער קומענדיקער שלאכט, ווערן איינגעארדנט מאנעוורן. פאר דעם קינד זענען אזעלכע מאנעוורן, ביי וועלכע ער מאכט זיך גרייט צום קומענדיקן זעלבסטשטענדיקן לעבן, זיין קינדהייט.

אלץ, וואס ס'איז פאראן אויף די מאנעוורן פון זעלנער, איז ענלעך צו דעם, וואס ס'ווערט דערווארטעט אין דערווירקלעכער שלאכט. אלעס, וואס מיר טרעפן אין דער מענטשלעכער קינדהייט, איז אויך ענלעך צו דעם, וואס ס'וועט שפעטער אנפילן און בילדן דעם אינהאלט פון ווירקלעכן לעבן.

דאס קינדערשע שפיל, למשל, אין זיין קינדהייט, איז נישט אנדערש ווי א אנזאג, ווי א צוגרייטונג צו דער ערנסטער באטעטיקונג אין שפעטערן לעבן. א מיידעלע שפילט אין ליאלקעס און גרייט זיך, אזוי ארום, צו איר שפעטערער מוטער-ראל.

קינדער האבן נייטיק חברים — א אנזאג און א צוגרייטונג צו זייער שפעטערן לעבן אין אייגענער משפחה, אין מענטשלעכער געמיינשאפט.

און דעריבער געפינען מיר אין דער קינדהייט פון אלץ, וואס איז פאראן אין שפעטערן לעבן, מער נישט, דא אין דער קינדהייט איז עס פאר-טרעטן בלויז צו ביסלעך, בלויז אין די אנהייבן און נישט אין גאנצן פארנעם.

די קינדהייט איז אלזא דאס קומענדיקע לעבן, ווי מ'זאגט, אין מיני-יאטור, אין פארקלענערטער פארם, די קינדהייט איז, אזוי צו זאגן, א מין „תיקון שבועות" פון שפעטערן לעבן, אלץ איז דא פאראן פון דער שפע-טערער תורה, אבער בלויז אין קורצע פסוקים, בלויז אין אנהייבן. און וואס איז דער מעכטיקסטער כלי-זין מיט וועלכן דאס קינד ווערט בא-וואפנט אלץ מער און מער אין משך פון זיין קינדהייט?

דאס איז די דערפארונג.

דאס קינד קומט אויף דער וועלט אינגאנצן אן דערפארונג. אויף אים ווערט אזא גרויסע און אזא פרעמדע וועלט, וועלכע ער קען נישט און צו וועלכער ער איז נישט גרייט.

די אלע מיליאנען געגנשטאנדן און דערשיינונגען אין פרעמדן לעבן קענען שטעלן אין סכנה זיין קיום, אויב ער זאל זיך מיט זיי נישט באקאנען, איידער ער זאל נישט קענען-לערנען זייערע אייגנשאפטן, אויב ער זאל זיך צו זיי נישט צופאסן.

און אט האלט טאקע דאס קינד, אין משך פון זיין גאנצער קינדהייט, אין איין באקענען זיך מיט דער רייכער, פרעמדער וועלט, אין איין שטודירן די וועלט ארום אים און אין זיך צופאסן צו איר.

אויב מ'קען זיך אזוי אויסדריקן, איז טאקע די גאַנצע קינדהייט זיינע דאס קינד פארנומען מיט געבן תקיעת־כפ'ן די מילי מיליאָסן אומבאַקאַנטע געגנשטאנדן און דערשיינונגען, און שליסן באַקאַנטשאַפט מיט די אומצייליקע געסט, וועלכע ער טרעפט שוין פארטיקע ביים געגרייטן טיש פון לעבן און מיט וועלכע ער מוז אויך — פריער — שפעטער האָבן צו טון. און די אַלע תקיעת כפ'ן קומען דעם קינד אָן לייכט. אמאָל דרייט זיך אָפּ פון אים יענער, צו וועלכן ער שטרעקט אויס זיין האַנט, ווייל ער ווייסט נאָך נישט די אַלע בייטיקע און אָנגענומענע געזעצן פון שליסן באַקאַנטשאַפט אין לעבן אמאָל כאפט ער אַצו שטארקן דרוק אין האַנט, אַזא אז אים פליען אַזש פונקען פון די אויגן.

שווער גיט זיך דעם קינד די דערפאַרונג. כדי צו דערגרייכן איין דערפאָלג, מוז ער דורכמאכן אַסך אומדערפאָלגן, פאר א'ין נצחון קומען צענדליקער מפּלות, אבער אים איז בייטיק די ג א נ צ ע דערפאַרונג און ער שטעלט זיך נישט אָפּ אין מיטן וועג, פאלט און הויבט זיך אויף און גייט ווייטער — ווי יענער ייד צווישן די זעלנער, אין פרץ'ס „דריי מתנות", ביז ער דערגרייכט זיין צוועק, ביז ער ווערט געניט גענוג רייף, ביז ער באַקומט גע־נוג דערפאַרונג און קען שוין אריין אין זעלבסטשטענדיקן לעבן.

מיר האָבן אָפּט א פאלשע פאַרשטעלונג וועגן דער מענטשלעכער קינד־הייט. מיר מיינען, אז ס'איז איין לוסטיקע צייט־פאַרטרייב, איין גרויסע שמחה. מיר מיינען, אז דער גליקלעכסטער און זאָרגלאָזסטער צווישן די מענטשן איז דאָס קינד, אַז די גליקלעכסטע און הערלעכסטע צייט אין מענטשלעכן לעבן איז די קינדהייט. מיר קענען אָפּט מקנא דעם קינד: אָט ווער ס'איז פריי פון דאַגות, פון צרות, פון שוועריקייטן!

מיר בענקען שטאַרק נאָך אונזער פאַרגאַנגענער קינדהייט, מיר וויקלען ארום אונזער אמאָליקע קינדהייט מיט די בונטפארביקסטע לענטעס פון ליוב און באוואונדערונג, מיר זענען זיך מצער, וואס דער וועג פון אונזער שווערן לעבנס־מדבר צום פארגעניגן־פולן גרינעם אינזל פון דער גליקלעכער קינדהייט איז פארשטעלט און פארמאכט.

מיר קוקן אויך אויף אונזערע קינדער און שאָקלען אַמאָל מיטן קאָפּ צו פון רחמנות: זיי וויסן, נעבעך, נישט, ווי גליקלעך זיי זיי זענען איצט און ווי שווער עס וועט זיי ווערן שפּעטער! —

צי איז אונזער פאַרשטעלונג וועגן דער קינדהייט, ווי וועגן אַ גאָר גליקלעכע און זאָרגלאָזע צייט ריכטיק?

יאָ און ניין צוזאַמען.

אויב גליק הייסט שאַפן, כסדר און אָן אויפהער זיין דורכגענומען

דורך און דורך מיטן הייליקן ציטער פון שאַפן, איז קינדהייט די גליקלעכסטע צייט.

וואָרום וואו איז נאָך פאַראַן אזוי פיל שאַפן, ווי אין דער קינדהייט? ווער רוט נאָך נישט אַזוי קיין רגע, ווער איז נאך אַזוי כסדר אין באַוועגונג, ווי דאָס קינד? וואס וואָס, נאָר יענע צרה, וואס מיר דערוואַקסענע האָבן אלס אָפטע מתנה: די לאַנגווייליקייט, דאָס נישט האָבן וואָס צו טון פעלט דעם קינד אין דער קינדהייט לחלוטין.

אַ קינד האט אלע מאָל וואָס צו טון, אים קלעקט אפילו נישט די צייט פאַר אַלע זייגע אומצייליקע ארבעטן. און וואו ס'איז דאָ שטענדיקע ארבעט, וואו ס'איז דא די שטענדיקע באדערפעניש אין טעטיקייט, אין שאפן דאָרטן רוט טאקע די שכינה פון גליק.

מ'דארף אָבער זען אויך די צווייטע זייט פון דער מטבע:

ביים שאַפן איז אויסער פרייד פאראַן אויך יסורים. און ביים שאַפן אָן דערפארונג, ביים לערנען זיך שאפן דורך דעם שאפן גופא, ווי די זאך איז ביים קינד, זענען די יסורים נאך פיל שטארקער, נאָך פיל אומברחמנות'דיקער.

מיר זענען קורצזיכטיק, ווען מיר קוקן אויף דעם קינד און די קינדהייט און מיר זעען נאָר די בעליכטענע שפיצן און נישט די פארפלאָנטערטע וואָרצלען. מיר זעען נאָר דעם העלשיין פון אָפגעהאַלטענעם נצחון און נישט די פינסטערע שאָטנס פון געליטענע מפלות. מיר הערן נאָר דעם יובלדיקן פרייד-געשריי און הערן נישט די טיפע זיפצן ביי דערפאַרונגסלאָזער אָנשטרענגונג. מיר הערן אויך נישט נאָר געלעכטער פון קינד, נאָר אויך געוויין: ווער ווייגט נאָך אַזוי פיל ווי דאָס קינד און וועמענס טרערן זענען נאָך אַזעלכע ריינדיק—אמתע און אויפריכטיקע ווי ביים קינד? דאָס קינד וויינט דאָך אַ סך מער — אין זיין פריסטער קינדהייט, באַזונדערס — ווי ער לאכט. אדרבא: זאָלן טאַטע-מאמע אַמאָל מאכן אַ פּרואוו און פערצייכנען אין משך פון איין טאָג כאָטש ביי זייער 2—3 יאָריקן קינד: וויפיל מאָל האט עס אין טאָג געלאַכט און וויפיל מאָל געוויינט. צי וועט די צאָל פון וויינען נישט זיין פיל מאל גרעסער ווי די צאָל פון לאַכן?

מיר לייגן אויף דעם קינדס צער נישט קיין אַכט, מיר פאַרשטייען אפילו נישט זיין צער. און דאס איז אונזער גרויסער טעות, איינער פון די גרעסטע פעלערן אונזערע, וואָס מיר באַגייען בנוגע דעם קינד.

אַ קליינער ביישפיל:

אַ קינד הייבט אָן צו גיין. ער הויבט אָן צו גיין נישט מיט אַמאל, ווייל גיין איז אַ גרויסע און אַ שווערע חכמה. מ'מוז אויף דעם האָבן אַ סך,

ייער אַ סך דערפאַרונג. פּרואווט דעם קינד ביסלעכווייז: אַ פריער לערנט ער זיך שטיין, שפּעטער הייבט ער אָן צו קריכן, נאָך שפּעטער פאַרבעסט ער זיך שוין אויף גיין גופא.

ביי טאַטע-מאַמע איז אַ שמחה:

יענקעלע גייט שוין! דבורהלע שטעלט שוין פיסלעך!

אָבער:

וויפיל מאָל פאַלט דאס קינד ביי זיינע פּרוואוון צו שטיין, פאַלט און צעקלאַפּט זיך? וויפיל מאָל שטויסט זיך דאָס קריכנדיקע קינד, וועלכע קען זיך נאָך נישט היטן פאַר סכּנות און אויף שוועריקייטן, וועלכע רופן ארויס זיין פאַרביטערונג, וויפיל מאָל הייבט די מאַמע אויף איר קריכנדיק קינד מיט אַ צעבלוטיקט נעזל, מיט צעראַצטע הענטלעך, אַ וויינענדיקן, אַ שרייענדיקן? וויפיל מאָל דערכאַפּט דאס קינד, ביי זיין ערשטן נישט זיכערן גיין, נישט דעם אָנלען (עס קען נאָך נישט אויסרעכענען דעם שטח צווישן זיך און דעם נויטיקן אָנלען) און ציט זיך אויס אויף דר'ערד ווי לאַנג ער איז?

וואָס איז דאס אַלץ — פרייד אָדער צער, גליק אדער אומגליק?

ביי זיין פאַלן, ביי זיין געשטרויכלט ווערן — כ'האַלט זיך אַלץ ביי דעם אָנגעוויזענעם משל, פון אנהייב גיין — וויינט דאס קינד, נישט נאָר דערפאַר, וואס עס האט זיך צעקלאַפּט, נישט נאָר דערפאַר, וואס עס האט געליטן אַ פיזישן ווייטיק. אַ סך ערגער איז דער גייסטיקער צער, אַ סך שווע-רער איז דער גייסטיקער ווייטיק. ווארים וואס קאָן נאָך זיין שווערער און ערגער — זאלן זיך דערוואַקסענע פון זיך אַליין אראפּנעמען אַ ביישפּיל — פון דעם, אַז מ'ליידט אַ מפּלה ערב דעם געהאָפטן נצחון?

און ווען דאס קינד פּרואווט דאס ערשטע מאל צו שטעלן זיך, צו קריכן, צו גיין, ווייסט ער דאך נאָך נישט די אַלע שוועריקייטן, וואס זענען מיט דעם פאַרבונדן, ער מיינט, ער איז זיכער, אַז ווי נאר ער וועט זיך שטעלן וועט ער שטיין בלייבן, ווי ער וועט נאר מאכן די ערשטע באַ-וועגונג צו קריכן, וועט עס תּיכּף אַוועק מיט דערפאָלג, ווי נאר ער וועט שטעלן אַ פיכל, אַזוי איז ער שוין אַ גייער, ווי זיין טאַטע, ווי זיין מאַמע, ווי אַלע דערוואַקסענע מענטשן ארום אים, און מיט אַמאָל, אין רעכטן ברען פון גלויבן, ווייזט זיך אַרויס די מניעה, די אומפעיקייט.

וואס קען נאך אזוי מצער זיין, ווי דאס אנטוישן זיך אין די אייגענע מעגלעכקייטן, ווי דאס אפּנארן זיך אין דער אייגענער אמונה? —

און דאס קינד אין זיין קינדהייט האלט דאך אין איין אנטוישן זיך אין די אייגענע מעגלעכקייטן, אין איין איבערצייגן זיך, אַז פאַלש, ווי אַפּ-נאַרעריש ס'איז זיין אמונה אין די אייגענע כּוחות.

דאָס שטעלט, אמת, נישט אָפּ זײַנע באַמיאונגען — דאָס פֿאַרשאַפֿט דאָך אָבער צער!

און נאָך אַ זאַך דאַרף גענומען װערן אין אַכט, װען מ׳טראַכט װעגן דער לײַכטקײַט אָדער שװערקײַט פֿון דער קינדהײַט:

„הזמן קצר והמלאכה מרובה”, די קינדהײַט איז אַזױ קלײן און די װעלט, מיט װעלכער מ׳מוז זיך באַקענען, איז אַזױ מוראדיק גרױס.

װי אַזױנע זאָל מען אַזאַ גרױסע װעלט אין אַזאַ קורצע קינדהײַט אױסלערנען?

און דעריבער כאַפּט דאָס קינד, דעריבער איז ער שטענדיק באַשעפֿטיקט, רוט זיך נישט אָפּ אױף קײן מינוט. די קינדערשע אױסערגעװײנלעכע באַװעגלעכקײַט, איז נישט קײן אױסדרוק פֿון זאָרגלאָזיקײַט, פֿון סתּם לוסטיקן צײַט־פֿאַרטרײַב, נאָר פֿון שװערער אָנשטרענגונג.

דאָס קינד רוט נישט, װײַל עס האָט אײגנטלעך קײן צײַט נישט צו רוען!

און װידעראַמאָל אַ משל פֿון זיך אַלײן: מיר, דערװאַקסענע, װעמען ס׳קומט שױן אָן אַלץ, אַ דאַנק אונדזער דערפֿאַרונג אַ סך לײַכטער, איז עס גוט, װען מיר מוזן אין אַ קורצער צײַט אױספֿילן אַ לאַנגע און גרױסע אַרבעט? װי אַזױנע דאַרף שױן זײַן שװער דעם קינד, דעם אומדערפֿאַרענעם קינד, װעלכעס דאַרף אין משך פֿון זײַן קורצער קינדהײַט דורכמאַכן אַזױ פֿיל װי דאָס באַקענען זיך מיט אַ גרױסער פֿרעמדער װעלט?

און ס׳איז דערבײַ נאָך נײטיק צו געדענקען אָט װאָס: דאָס קינד—זאָגן די געלערטע—מאַכט דורך אין משך פֿון זײַן קינדהײַט דאָס, װאָס די גאַנצע מענטשהײַט האָט דורכגעמאַכט אין משך פֿון דער גאַנצער געשיכטע. דאָס קינד, הײסט עס, הױבט אָן זײַן קינדהײַט פֿון ששת ימי בראשית און מאַכט צוריק—בקיצור פֿאַרשטײט זיך, װײַל אַנדערש װאָלט אים דאָך נישט געקלעקט נישט נאָר זײַן קינדהײַט, נאָר אַפֿילו אַ גאַנץ לעבן, אַפֿילו אַ סך לעבנס, אַלע מענטשלעכע אָנשטרענגונגען און דערגרײכונגען ביז הײַנטיקן טאָג און אין דער פּרט איז, װאָס שפּעטער דאָס קינד קומט אױף דער װעלט אַלץ שװערער איז זײַן קינדהײַט װײַל אים קומט דאַן אױס דורכצומאַכן אַ גרעסערע צאָל דערגרײכונגען, דאָס קינד, למשל, פֿון אוראַלטן מענטשן האָט געקענט האָבן אַ קורצע און אַ לײַכטערע קינדהײַט, װײַל די צאָל פֿון דערגרײכונגען אין לעבן, פֿון דערװאַקסענע איז נאָך געװען אַ קנאַפּע, אַ קינד, אָבער פֿון אונדזער צײַטן אונטער װעלכער עס ציט זיך אַזאַ לאַנגע, אַזאַ רײַכע געשיכטע, מוז האָבן אַ לענגערע און אַ אומגעהײַער שװערע קינדהײַט, כּדי כאָטש אין קורצן איבערצוחזרן דעם קורצן נסיון פֿון דורות. װי שנעל און װי אָנגעשטרענגט דאַרף זײַן די אַרבעט פֿון יענעם מעכאַניקער אין קינעמאַטאָגראַף װעלכער

באקומט די אויפגאבע צו דעמאָנסטרירן אַ אומענדלעך לאנגע לענטע אין אַ קורצער צייט?

און ווען אפילו די גאנצע מענטשלעכע געשיכטע ביז היינטיקן טאָג לויפט דורך אין דער קינדהייט ווי אַ קינאָ-לענטע, דארף דאך אומגעהויער שווער זיין די אַרבעט פון קינד, פון דעמדאָזיקן אומדערפארענעם קליינעם מעכאניקער, וועלכער מוז די גאנץ לאנגע לענטע דורכדעמאָנסטרירן אויף דעם צאַרטן עקראַן פון זיין אייגענער נשמה? — צי איז דאָס קינד גליק-לעך? — מ׳דארף, אלנפאלס, זיך נישט איילן די פראַגע צו פאַרענטפערן מיט אַ זיכערן „יא״, ס׳לוינט זיך אויף דער פראגע צו פארטראכטן און פון דעם איז אָפּהענגיק אנ׳אנדער, גאר אנ׳אנדער קוק אונזערער אויף דעם קינד און אנ׳אנדער באציונג צו זיינע מעשים און האנדלונגען: צערטלעכקייט און ליבע, ווערעמע בייטייליקונג און מיט הילף פאָדערט פון אונז דער אומדערמידיקסטער ארבעטער, דער שווערסטער ארבעטער צווישן אונז, דאָס קינד!

ווי לאַנג דויערט די קינדהייט?

זי דויערט אזוי לאַנג ביז דאָס קינד ווערט באוואָפנט מיט דער בויטיקער דערפארונג, ביז עס דערקאָנט אין אַ גענוגנדיקער מאָס דאס ארומיקע לעבן, ביז עס ווערט צוגעגרייט צום זעלבסטשטענדיקן לעבן.

ווי ס׳איז שוין אויבן געזאָגט, איז דער דויער פון דער קינדהייט נישט אומעטום און נישט אין אלע צייטן גלייך.

ביי נידריקערע פעלקער, ביי ווילדע און אפריקע, למשל—איז די קינד-הייט פיל קורצער, ווי ביי אונז—מענטשן פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאציע. אמאָל, אין די אוראַלטע צייטן, איז די קינדהייט ווידעראמאָל געווען אַ סך קורצער, ווי אין אונזער צייט איצט, און וואָס דארף מען ווייטע ראיות? מיר קענען עס גוט באגרינדן מיט ביישפילן פון אונזער אייגענעם יידישן לעבן.

מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, ווען אונזער יידיש לעבן איז געווען א אידיליש פרימיטיוו קליין-שטעטל לעבן, פלעגן די קינדער — אונזערע זיידעס און עלטער זיידעס — האָבן א קליינע, אסך אַ קלענערע קינדהייט, ווי מיר איצט, אין אונזער שווערן און קאמפליצירטן מאָדערנעם לעבן. מיט אַ הונדערט יאָר צוריק פלעגן קינדער שוין נאך בר-מצוה זיין זעלבסטשטענדיקע מענטשן, מענטשן פון אנ׳אייגענעם משפחה-לעבן (מ׳פלעגט דאָך דאַן אַזוי פרי חתונה האָבן — און פרי חתונה האָבן איז נישט קיין זאך פון קאַפּריז אליין, — אנ׳אָנגעשטעלטער מנהג דארף קיינמאָל נישט פערענטפערט ווערן מיט קאפריז און מיט צופעליקייטן, נאָר דוקא מיטווירקלעכע און אָביעקטיווע סיבות), און ווער האָט אויפגעהויבן אַ פּראטעסט קעגן אָט דער אַמאָליקער

פריצייטיקער פאַרוואַנדלונג פון קינדער אין זעלבסטשטענדיקע דערוואַקסענע? דוקא די יעניקע, וואס זענען פון איינפאכן יידישן לעבן אַוועק, דוקאַ די משכּילים, וועלכע האָבן איבערגענומען דאָס פיל קאָמפּליצירטע לעבן פון אייראָפּע: פאר זיי איז טאקע די דעמאָלדיקע קינדהייט געווען שוין צו קורץ, פאר דעם איינפאכן יידישן לעבן אָבער, כּלל נישט קיין אומנאטירלעכע זאך. ביי אַ איינפאַכן לעבן מוז אויך קורץ זיין די קינדהייט! און איצט? ווען טרעטן אַריין אונזערע קינדער אין זעלבסטשטענדיקן לעבן? ווען וואָלטן זיי בעדארפט אריינטרעטן אין זעלבסטשטענדיקן לעבן? (אמאָל, ליידער, טרעטן אונזערע קינדער פאר דער צייט אריין אין דעמדאָזיקן לעבן צוליב מאַטעריעלער נויט און דאס איז געוויס טיף שעדלעך.) חתונה האָבן און אָנהויבן פירן אַן אייגענעם פאמיליען-לעבן איז אלע מאל גערעכנט געוואָרן אלסווירקלעכער סימן פון אָנגעהויבענער רייפקייט, פון ענדגילטיקער זעלבסטשטענדיקייט. ווען האָט מען ביי אונז געוויינלעך חתונה? איצט דאַרף מען שוין נישט קעמפן מיט פריצייטיקע חתונות, ווי ס'איז געווען דער פאל אַמאָל באר פארקערט: מיט צו שפּעטע חתונות (צו שפעט חתונה האָבן איז אַ אומגליק סיי פאר זיך, סיי פאר די געבוירענע קינדער, ווי מיר וועלן שפּעטער זען אין אייגענעם פון די ווייטערדיקע בריוו) און וואָס באַווייזט עס? די קינדהייט אין אונזער צייט איז געוואָרן אַסך אַסך לענגער ווי זי איז געווען אַמאָל, ווייל אונזער איצטיק לעבן איז געוואָרן אַסך אַסך ענטוויקלטער און קאמפּליצירטער, ווי עס איז געווען פריער. איצט ענדיקט זיך געוויינלעך די קינדהייט מיט דעם 18—20 יעריקן עלטער — אַזוי, לכל הפחות, באשטימט די פראגע וועגן סוף פון קינדהייט די מלוכה, די געזעצגעבונג. צו 20 — 18 יאָר באקומט מען דאָס רעכט חתונה צו האָבן, רעכט פון שטימען ביי וואַלן ד. ה. רעכט פון באטייליקן זיך אקטיוו אין מלוכה-לעבן א. א. וו.

אבער אַסך פון די געלערנטע האלטן די דאָזיקע, פון דער מלוכה באשטימטע צייט פאר צו קליין, זיי האלטן, אז די קינדהייט ציט זיך פאקטיש פיל לענגער. *)

ווי אַזוי ווערט די קינדהייט פאַרטיילט?

אויב מ'זאָל אָננעמען דעם דויער פון דער קינדהייט לויט דער פון דער מלוכה באשטימטער מאָס, ד. ה. 18 יאָר, דאן ווערט די קינדהייט פאַרטיילט גראַד אויף דריי גלייכע הויפּט-חלקים: א) די פריסטע קינדהייט — די ערשטע 6 יאָר פון מענטשלעכן לעבן; ב) די צווייטע קינד-

*) דער באקאנטער רוסישער געלערנטער: זענקאָווסקי, למשל, האלט, אז די קינדהייט דויערט צו הייגטיקער צייט פארענדיקט ערשט צו 25 יאר!

הייט — די אַנדערע 6 יאָר — פֿון 6 ביז 12 יאָר און ג) דער יוגנטלע־כער עלטער — די דריטע 6 יאָר — פֿון 12 ביז 18 יאָר.

די דאָזיקע פֿאַרטיילונג איז נישט קיין צופֿעליקע, נאָר באַגרינדעט אויף ווייניקער — מער אויסגעהאַלטענע יסודות אין דער פֿיזישער און פּסיכישער אַנטוויקלונג: פֿ י ז י ש איז די גרענעץ צווישן דער ערשטער און צווייטער סטאַדיע — דאָס באַהערשן מצד דעם קינד זיין אייגענעם קערפּער און באַוועגונגען, צווישן דער צווייטער און דריטער סטאַדיע, דער אָנהויב פֿון געשלעכטלעכער רייפֿקייט און צום סוף פֿון דער דריטער סטאַדיע — די פֿאַרענדיקטע פֿיזישע רייפֿקייט *) פּ ס י כ י ש **) — די ערשטע סטאַדיע צייכנט זיך אויס צווישן אַנדערס, קודם כּל, דערמיט, וואָס אין איר ווערט די שפּראַך צו אַן אמתן מיטל פֿון דענקען, (פֿריער האָט דעם קינדס שפּראַך, ווי מיר וועלן ווייטער זען אַסך גרינגערע און איינפֿאַכערע פֿונקציעס) און צווייטנס — ווערט אין איר, אין דער דאָזיקער סטאַדיע, די גאַנצע וועלט דורך דעם קינד נאָך דורכגענומען מיט דער אויסשליסלעכער הילף פֿון שפּילן. ס׳איז אַזוי צו זאָגן, דער אינטענסיווסטער ש פּ י ל ־ פּ ע ר י אָ ד אין מענטשלעכן לעבן. אין דער צווייטער סטאַדיע ווערט שוין די אַרומיקע וועלט דורכגענומען פֿון קינד און איר ווי ר ק ל ע כ ק יי ט. די דריטע סטאַדיע פֿאַרענדיקט די פּסיכישע אַנטוויקלונג פֿון קינד. דאָס אַלץ פֿון פּסיכישן לעבן: אינטערעס, אויפֿמערקזאַמקייט, פֿילן, דענקען א. א. וו. וואָס איז פֿריער געווען פֿאַרטרעטן אין אַ לייכטער פֿאָרם פֿון התחלות, ווערט צום סוף פֿון דער דריטער סטאַדיע אויסגעקריסטאַליזירט, פֿאַרענדיקט.

מיר וועלן דאָ נישט אַריינגיין גענוי אין די איינצלהייטן פֿון דער אָנגעוויזענער קינדהייטס־פֿאַרטיילונג. די פֿראַגע איז, ערשטנס, אַצו שווערע, אַ צו ספּעציעלע, און צווייטנס וועלן מיר נאָך אין די ווייטערדיקע בריוו האָבן די געלעגנהייט אויף פֿערשידענע קאָנקרעטע פֿראַגן, וועלכע זענען פֿאַרבונדן מיט דער פֿאַרטיילונג, זיך אָפּצושטעלן אויספֿירלעכער. אָבער וואָס ס׳פֿאָדערט שוין דאָ באַטאָנט צו ווערן — דאָס איז די נ י ש ט אײ נ הײ ט ל ע כ ק יי ט פֿון דער ערשטער סטאַדיע גופֿא. דאָס יי נ ג ס ט ע לעבן פֿון קינד איז דער וויכטיקסטער טייל פֿון דער גאַנצער קינדהייט, און די ערשטע סטאַדיע פֿון דער קינדהייט איז בעצם אַליין אַ זאַמלונג פֿון מערערע באַזונ־

*) פּאַקטיש ווערט די געשלעכטלעכע רייפֿקייט פֿ אַ ר ע נ ד י ק ט שפּעטער, — ביי מיידלעך פֿריער ווי ביי יינגלעך.

**) די פּסיכישע יסודות פֿאַר דער איינטיילונג דערוועקן ביי די געלערנטע פֿיל מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן. פּסיכיש איז בכלל שווערער צו טיילן דאָס מענטשלעכע לעבן ווי פֿיזיש.

דערע סטאַדיעס. די *ערשטע* קינדהייט האָט אַלזאָ איר אייגענע, איר באַזונדערע פּאַרטיילונג, אויף וועלכער מ׳דאַרף זיך אָפּשטעלן.

אַ גאַנץ באַזונדערע און וועזנטלעכע באַדייטונג האָט אין דער פריסטער קינדהייט פון קינד זיין *ערשטער* יאָר לעבן. אין *דעם* יאָר ווערן אָנגעקניפּט אַלע מערערע גייסטיקע קנייטלעכלעך, וועלכע וועלן און דאַרפן אין משך פון דער גאַנצער ווייטערער אַנטוויקלונג פון קינד אויפגעוויקלט ווערן.

אין משך פון אָט דעם ערשטן לעבנס־יאָר זיינעם טוט דאָס קינד אויף *אַזוי פיל*, אַז פאַרהעלטניסמעסיק שטייט דאָס דאָזיקע *ערשטע* יאָר *העכער* פון *אַלע* יאָרן אין ווייטערדיקן לעבן פון מענטשן.

אַ באַקאַנטער געלערנטער, העלער, זאָגט:

ווען מ׳קוקט זיך צו צו די אומגעהויערע פּעולות, וואָס דאָס קינד טוט אויף אין זיין ערשטן לעבנס־יאָר, מוז מען נישט נאָר באַוואונדערן דעם אומדערשעפּלעכן פלייס, וועלכן דער מענטש, אין דער צייט פון זיין גרעסטער אומבאַהאָלפנקייט, איז באַשאָנקען, נאָר עס מוז זיך אַפילו ביי דעם פריינזיניקסטן מענטשן שאַפן אַ גלויבן אין אַן׳איבערנאַטירלעכער האַנט, וואָס פירט אָן מיט דעם מענטשן.

כ׳האָב דעם זאַץ געבראַכט בכוונה, כדי צו דערווייזן, ווי גרויס איז די באַגייסטערונג, וואָס דאָס ערשטע יאָר פון קינד רופט אַרויס אַפילו ביי אָביעקטיווע געלערנטע.

ווען מ׳זאָל זיך צוקוקן בעסער און זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון וועגן די אומצייליקע דערגרייכונגען וואָס דאָס קינד מאַכט דורך אין זיין ערשטן יאָר. ווען מ׳זאָל פאַרגלייכן, למשל, וואָס איז דאָס קינד געווען ביי זיין געבוירן ווערן און צו וואָס ער איז געוואָרן צום סוף פון ערשטן יאָר, וועט מען מוזן פאַרשטיין, אַז דאָס ערשטע יאָר איז טאַקע דער וואונדערלעכסטער פּעריאָד אין גאַנצן מענטשלעכן לעבן, אַז דאָס ערשטע יאָר פון קינד פאַרדינט טאַקע דעם אויסרוף „אצבע אלהים".

דאָס ערשטע לעבנס־יאָר פון קינד איז אַ נס, אפשר דער גרעסטער נס, וואָס מיר ווייסן נאָר.

גענוג צו מאַכן אַ קליינעם חשבון:

ביים געבוירן ווערן איז דאָס קינד *אינגאַנצן אומבאַהאָלפן*, באַהערשט נישט זיינע אייגענע גלידער (געוויס — גלידער באַהערשט עס יאָ, אָבער זייער שוואַך). און וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר שוין צום שלוס פון זיין ערשטן יאָר! עס איז שוין אַ בעל הבית אויף זיינע חושים, קען שוין אין אַ סך פאַלן זיך אַליין העלפן, קלויבט זיך פאַנאַנדער אין דער סביבה, קען שוין אָפּטיילן נוציקעס פון שעדלעכן, אומווירקלעכעס פון

ווירקלעכן. אין זיין צווייטן געבורטס־טאג טרעט דאס קינד שוין אריין מיט אַ פולשטענדיקן פארדינטן אטעסטאט וועגן ערשטן און שווערסטן בלענבדן אויסגעהאַלטענעם עקזאמען, אין דעם אטעסטאט איז שוין מיט גאָלדענע בולטן שריפט ארייגעטראָגן זיין ערשטער פארדינטער טיטל: נאָך דעם ערשטן יאָר איז דאָס קינד שוין אַ ש ט י ק מ ע נ ט ש, אַ מענטש מיט ווילן, מיט כאראקטער (פארהעלטניסמעסיק — פארשטייט זיך), מיט אַ קלאָרן פסיכישן פנים. דאס ערשטע יאָר ווערט אויך אָנגערופן „דאס זויג יאר", ווייל אין דעם יאָר דערנערט זיך דאָס קינד! — דארף זיך דער־נערן מיט דער מילך פון זיין מאַמען. געוויינלעך דויערט די זויג־צייט נישט קיין גאַנץ יאָר, בלויז ניין חדשים, אין געוויסע פאלן ווערט זי אבער פארלענגערט. *)

ס׳דארף דאָ אבער, אגב, באמערקט ווערן, אז די צו ג ר ו י ס ע פ אַ ר ל ע נ ג ע ר ו נ ג, דאס האלטן דאָס קינד ביי דער מוטערס ברוסט מ ע ר ו י אַ י אָ ר א י ז ז י י ע ר ש ע ד ל ע ך. ס׳איז אין דער וויסנשאפט פעסטגע־שטעלט געוואָרן, אַז וואס לענגער ביים קינד דויערט זיין זויג־צייט (לענגער ווי אַ יאָר), אַלץ מער איז עס א סימן, אז דאָס קינד איז אַן אָפּגעשטאַנענס, א פסיכיש און פיזיש נישט נאָרמאַלעס.

מאמעס טוען זייערע קינדער, אַלזא, אַ קנאפּע טובה, ווען זיי פראָ־לאנגירן זיין קעסט־צייט מער ווי מ׳דארף, ווען זיי פארציען זיין אנטוויינונג איבער אַ יאר!

אין דעם ערשטן יאָר גופא איז צו אונטערשיידן באזונדערע פאזן, די ערשטע דריי חדשים זעענען די חדשים פון דער ש ט א ר ק ס ט ע ר א ו מ־א נ ט ו י ק ל ו נ ג. געלערנטע רופן עס אפילו מיטן נאָמען: „דאָס דומע פערטל יאָר" **) דאן קומט אָן די צייט פון ערשטן קינדערשן — שוין מיט דעם שיין פון מערערן באוואוסטזיין—שמייכלען און פרואוון צו ז ע צ ן ז י ך. דאס ערשטע שמייכלען איז א בפירושער באווייז, אז דאָס קינד האָט האָט שוין אַנ׳אנונג וועגן גוטס און שלעכטס, אז עס קען אויסדריקן צופרידנהייט פון פארגעניגן, פון לוסט. גלייכצייטיק אויך צופרידנהייט פון אומלוסט. דער ערשטער קינדערשער פרואוו צו ז ע צ ן ז י ך (פריער זעלבסט־שטענדיק זיך אויפצוהויבן, באוועגן מיטן קעפל א. א. וו. איז אַ ראיה, אז די קינדהייט האָט שוין דערגרייכט די מדרגה פון ווען זיך אליין ארויסהעלפן, פון זיין אַליין דער בעל הבית איבער זיינע סיטואַציעס, דאַן קומט די צייט

---

*) דר. טאלקער העלער: איבער פסיכאָלאָגיע און פסיכא־פאטאלאָגיע דעס קינדערס. ווין 1925.

**) סיגיזמונד: איינער פון די ערשטע פאָרשער פון דער פריסטער מענטשלעכער קינדהייט־

פון פרווון צו גיין, צו זעלבסטשטענדיקן בייטן דעם פלאַץ (שטעלן זיך, קריכן־גיין) אַ באַווייז פון אַ באַקומענער אנונג וועגן רוים און דאָס אָנהויבן זיך באַנוצן מיט דעם מעכטיקסטן און וויכטיקסטן מיטל אין דער גאַנצער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, מיט יענעם, אייגנטלעך, מיטל, וועלכער טיילט אָפּ דעם מענטשן בכלל פון אַלע אַנדערע באַשעפענישן, כ׳מיין דאָס אָנהויבן באַנוצן זיך מיט דער שפּראַך.

די ווייטערדיקע יאָרן פון דער פּריסטער קינדהייט (ביז צום שלוס פון זעקסטן יאָר) זענען נאָך אַן איבערחזרונג און אַ פאַרטיפונג, אַ ווייטער טערמין, נאָר מיט מער בקיאות און חריפות, פון יענער תורה, וואָס איז פון קינד אויסגעלערנט געוואָרן אין זיין ערשטן לעבנס־יאָר.

דאָס איז די אַלגעמיינע סכעמע פון דער קינדהייט אין אירע באַזונדערע טיילן. איינצלנע מאָמענטן אין קינדס־אַנטוויקלונג בכלל און אין משך פון זיין פּריסטער קינדהייט בפרט וועלן מיר זיך נאָך אויספירלעך אומקערן אין די ווייטערדיקע בריוו.

קאַפּיטל IV.

דאָס נייגעבוירענע קינד.

דאָס נייגעבויר'ענע קינד! דאס עופה'לע!

אויב מקען נאך ווייניק, זייער ווייניק דאס קינד בכלל, קען מען נאך אין הונדערט מאל ווייניקער דאס נייגעבוירענע קינד. ס'איז אַ גרויסע רעטעניש אפילו פאר געלערנטע און פאר טאטע-מאמע, ווען דאס דאזיקע קינד איז אממערסטן נאענט, נאך מער. און טאטע-מאמע מוזן וויסן וועגן זייער נייגעבוירענעם לכל הפחות דאס וואס ס'איז מעגלעך, וואס פאר זיי איז צו-געגנגלעך צו וויסן. ווייל ווען זיי ווייסן עס נישט קענען זיי באגיין אזעלכע טעותן, וועלכע ס'איז שווער, אפט אוממעגלעך, שפעטער צו פאררריכטן. אזעלכע פעלערן, וועלכע שטעלן אפט דעם קינדס לעבן אין סכנה. אַ קינד איז ווי אַ געוויקס: וואס עלטער דאס געוויקס איז, אלץ שטארקער ווערט ממילא זיין אייגענע פעיקייט זיך ווידערצושטעלן סכנות, אלץ הארטער און פעסטער ווערט דאס הייטל, וואס ס'פארדעקט אים, אלץ ווייניקער מורא האט עס פאר אַ נישט פארזיכטיקן ריר. וואס יינגער דאס געוויקס איז אבער אַלץ מער איז עס אפהענגיק פון צופעליקייטן, וועלכע קענען ווערן די סיבה פון זיין פארוועלקן פאר דער צייט. פאַר דעם פארוועלקן איידער ס'האט זיך נאך אויפגעבליט און פאנאנדערגעוואקסן.

ווען אַ קינד איז עלטער קען ער זיך שוין אליין היטן, קען ער מודיע זיין—איידער עס איז גאך אפילו באוואוסטזיניק וועגן דעם וואס ס'איז אים גוט און שלעכט, ס'קען פאָדערן, וואס אים פעלט און ווערן זיך קעגן סכנות אבער דאָס נייגעבוירענע קינד? ס'איז דאָך די אומבאַהאָלפנסטע צווישן אלע באַשעפענישן, ס'קומט אריין אין אַ וועלט וואס איז אים אינגאנצן

פרעמד. פון דער ערשטער מינוט אָן איז עס אָנגעוויזן אויף סכנות, אויף אים לויערן יעדע רגע טויזנט אויגן פון פרעמדע, שווערע באדינגונגען, וועלכע קענען פארוואנדלט ווערן אין זיין מלאך־המות.

אט שוין דער ערשטער קלאַנג, וואס מיר הערן פון אים, פון נייגע־בוירענעם קינד תיכף ווען ער קומט אין אונזער וועלט אריין — דאס ערשטע געוויין פון קינד. אַ סך געלערנטע באמיען זיך צו דערקלערן די סיבה פון דעם־דאָזיקן געוויין און אַ סך זעגען זיך משער: דאס ערשטע קינדערשע געוויין איז דער נאטירלעכער אויסדרוק פון מורא פאַר סכנות, דאס ערשטע געוויין זאל אנדערש גערעדט, דינען אלס סיגנאַל געווענדעט צו די עלטערן:

היט מיך, זייט פארזיכטיק!

און טאטע־מאמע דארפן טאַקע זיין פארזיכטיק, זיי דאַרפן זייער פאר־זיכטיקייט בנוגע זייער נייגעבוירענעם קינד פארטאָפּלען, פארפילפאכן. זיי מוזן קענען לערנען אַלץ, וואָס ס'איז נאר מעגלעך צו קענען וועגן נייגעבוירענעם קינד און וועגן דעם, ווי אַזוי זיך מיט אים צו באגיין.

געדענקט איר די מעשה פון צוויי מוטערס אין שלמה המלך'ס משפט? די אומגליקלעכע מוטער האָט איר נייגעבוירן קינד דערשטיקט אין שלאָף, ווייל זי איז נישט געווען פארזיכטיק, ווייל זי האט נישט געוואוסט, ווען מ'דארף וואך צו זיין. דורך אומפארזיכטיקייט, דורך נישט קענען וואך זיין, ווען מ'דארף, קען מען אבער דאס נייגעבוירענע קינד אוועקברענגען פון דער וועלט נישט בלויז אין שלאָף, נאָר כסדר, מיט יעדער נישט ריכטיקער האנדלונג.

און דעריבער איז דער געבאָט:

טאטע־מאמע זייט וואַך!

טאטע־מאמע פון נייגעבוירענע קינדער זענט כפל־כפלים וואַך!

עס איז אַ מערקווירדיקע ערשיינונג, וואס גראד אויף דעם גורל פון מענטשן, פון בחיר־היצורים, איז אויסגעפאַלן די דויערנדיקסטע קינד־הייט. ס'קומט אין דער הינזיכט פאר פונקט אַ פארקערטער סדר: וואָס העכער די חיה—און אַ מענטש איז אויך אַ חיה, אמת, די העכסטע פון אלע חיות—שטייט אויפן לייטער פון אנטוויקלונג, אלץ לענגער דויערט איר קינדהייט, ווארים קינדהייט איז דאָך בעיקר די צייט פון אומבאהאָלפנקייט, קינדהייט איז עס דער גורל, וואס טיילט אָפּ דאס וועזן פון דעם מאָמענט, ווען עס איז ביכולת צו שטעלן זיך אויף די אייגענע פיס, צו ווערן זעלבסטשטענדיק און נישט דארפן אָנקומען צו פרעמדער הילף, קינדהייט איז די צייט, ווען דאס קינד לערנט זיך צו ווערן אַ דערוואקסענער.

אויב דאס זיין אַ דערוואקסענער איז אַ „יום־טוב" (דאס קינד מיינט

אזוי אלנפאלס), איז די קינדהייט דער „ערב יום־טוב", ווען דאס קינד מאכט זיך פארטיק און גרייט זיך צו זיין פארשטייענדיקן זעצן זיך ווי א גלייכער צווישן גלייכע, ביי דעם אלגעמיינעם טיש פון די דערוואקסענע.

אויב דאס זיין א דערוואקסענער איז דער זאל, איז די קינדהייט דער קארידאר, וואו מ'ברענגט זיך אין ארדנונג, מ'רייניקט אפ די פיס פון יעדן קינדישן שפור, פון יעדער איבערגעבליבענער שטויבעלע, פון מאנגל אין זעלבסטשטענדיקייט אין דערפארונג, איז אבער מערקווירדיק: וואס שטארקער דער „יום טוב איז, אלץ לענגער און שווערער דער ערב־יום־טוב, וואס גרעסער און פיינער ס'איז דער זאל, אלץ מער צייט מוז מען פארברענגען אין צוגרייטונגען און אין ברענגען זיך אין ארדנונג און קארידאר.

די מענטשלעכע קינדהייט איז די לענגסטע. א הינדעלע פיקט זיך אויס פון איי און קען שוין אין א קליינער צייט נאך דעם אליין פיקן, אליין זוכן זיך דערנערונג, אליין זארגן וועגן זיך, א קעצעלע אדער א הינטעלע וערן טאקע געבוירן בלינד, אבער זייער בלינדקייט פארשווינדט אין געציילטע טעג און זיי זענען ביכולת אויסצוקומען, ווען ס'איז נייטיק, מיט אייגענער הילף. און ס'ה אין עטלעכע וואכן איז דאס קעצעלע אדער הינטעלע שוין פולשטענדיק א קאץ אדער א הינט. אנדערש, גאנץ אנדערש איז עס אבער ביים מענטשן. ביי דעם הינדעלע דויערט די קינדהייט שעהן, ביים קעצל און הונט—וואכן, ביים מענטשן קינד דויערט די קינדהייט אבער גאנצע יארן.

און אפילו די ערגסטע, די ערשטע פאזע אין דער מענטשלעכער קינדהייט, די פאזע פון דער גרעסטער אומבאהאלפנקייט דויערט א זייער לאנגע צייט.

א גאנץ יאר איז דעם נייגעבוירענעם קינד, למשל, נייטיק, ער זאל זיך קענען אויסלערנען צו הערשן איבער זיין קערפער און גלידער.

לאמיר—זייער קורץ־זען, וואס דאס נייגעבוירענע קינד שטעלט מיט זיך פאר לכתחילה און וואס עס מאכט דורך אין דער פריסטער, אין דער שווערסטער צייט פון זיין קינדהייט.

א ניי געבוירן קינד וועגט, געווייגלעך (אויב ס'איז פארשטייט זיך, געבוירן א געזונטס) אנ'ערך דריי קילאגראם (עפעס מער פון זיבן פונט).

אויף דעם וועג פון נייגעבוירענעם קינד האט א ווירקונג די עלטער פון זיין מאמען: וואס עלטער ס'איז די מאמע (דער חשבון איז אבער גילטיק ביז נאך דעם 40 יאריקן עלטער פון דער מאמען, שפעטער איז שוין פארקערט: וואס עלטער ס'איז די מאמע אלץ ווייניקער וועגט דאס נייגעבוירן קינד) אלץ מער וועגט דאס נייגעבוירן קינד.

פאָלגנדיקע רשימה ווערט דאָס געזאָגטע מאַכן קלערער:

ווען די מאַמע איז אַלט	וועגט דאָס קינד (אַנ׳ערך)
19 — 15 יאָר	3241 גראַם
24 — 20 „	3299 „
2[illegible] — 25 „	3342 „
34 — 30 „	3375 „
39 — 35 „	3428 „
און 44 — 40 „	3326 „

אין דער לענגהייט איז דאָס געזונטע נייגעבוירענע קינד אַנ׳ערך 50 — 51 סענטימעטער, אַ ייִנגל איז געוויינלעך מיט איין סענטימעטער לענגער פון אַ מיידל. אין משך פון די ערשטע זיבן יאָר וואַקסט די לענג פון קינדס קערפּער אויף אַזאַ אופן:

ווען דאָס קינד איז אַלט:	איז זיין לענג (וואוקס) — ביי ייִנגלעך	ביי מיידלעך
2 יאָר	74,2 צענ.	77,2 צענ.
3 „	85,3 „	83,5 „
4 „	91,9 „	90,0 „
5 „	96,6 „	96,1 „
6 „	103,2 „	100,6 „
7 „	106,5 „	104,9*) „

ביים נייגעבוירענעם קינד איז די פּאַרהעלטניש צווישן די איינצלנע גלידער צום גאַנצן קערפּער און באַזונדערס די פּאַרהעלטניש פון קאָפּ צום קערפּער אַ גאַנץ אַנדערע, ווי ביים דערוואַקסענעם און אפילו ווי ביים קינד אין די שפּעטערע יאָרן. דאָס קינד און זיין וואַקסן, און זיין עלטער ווערן, גלייכט זיך בכלל ביסלעכווייז, בהדרגהדיק אויס מיט דעם דערוואַקסענעם אויך אין דעם פּרט פון דער באַשטימטער פּאַרהעלטניש צווישן די איינצלנע גלי־דער צום גאַנצן קערפּער.

ביים נייגעבוירענעם קינד פאַרנעמט דער קאָפּ אליין אַ פערטל פון דער לענג פון דעם גאַנצן קערפּער. ווען ביים דערוואַקסענעם קינד פאַר־

*) ווי ס׳איז צו זען פון דער רשימה שטייגט די וואוקס פון ייִנגלעך שטענדיק אַריבער די וואוקס פון מיידלעך, אַן אויסנאַם איז נאָר דאָס צווייטע יאָר.

נעמט דער קאָפּ בלויז אַנ׳אָרט פון קערפּער-לענג *). די פיסלעך ביים נייגעבוירענעם קינד פאַרנעמען אַ דריט-חלק, ווען ביים דערוואַקסענעם פאַרנעמען די פיס כמעט אַ העלפט פון קערפּער-לענג.

דאָס געזאָגטע וועגן דער פאַרהעלטניש פון קאָפּ און פיס צו דער גאַנצער קערפּער-לענג ביים נייגעבוירענעם און ביים דערוואַקסענעם ווי די בהדרגה׳דיקע דערנענטערונג פון קינד צום דערוואַקסענעם. אין דעם פּרט איז קלאָר צו זען פון פאָלגנדיקע בילדער.

*) די ציפערן ווי די בילדער זענען געגעבן לויט שטראַץ.



דער אונטערשייד אין דער
פראפארץ, וואס די קערפער־
גלידער האבן באם נייגעבוירע־
נעם און באם דערוואקסענעם.

דער אונטערשייד אין דער פּראָפּאָרץ.
די קערפּער-גלידער האָבן באַם נייגעבוירענעם און באַם דערוואַקסענעם.



עס איז נאָך אויך אינטערעסאַנט צו פארגלייכן די פארהעלטנישן פון מארך צום גאַנצן קערפער ביים נײַ געבוירענעם און ביים דערוואקסענעם מענטשן: געלערנטע האָבן פעסטגעשטעלט, אז די וואָג פון מאַרך ביים קינד איז אין פארגלייך מיט דער וואָג פון זיין קערפער אַסך גרעסער, ווי עס איז ביים דערוואקסענעם. ביים נײַגעבוירענעם, למשל, וועגט דער מארך געוויינלעך כמעט איין אַכט-חלק פון גאַנצן קערפער (360 גראַם), אין דער צייט, ווען ביים דערוואקסענעם איז די וואָג פון מארך נאר א דרייסיקסט חלק (אפט אפילו א פינף און דרייסיקסט חלק) פון קערפער. *)

עס הערשט געוויינלעך א מיינונג, אז די וואג פון מארך האָט אַ גרויסע השפעה אויף דער אנטוויקלונג. ס׳זאָל הייסן: וואס גרעסער ס׳איז די וואג פון מארך אין זיין פארהעלטניש צו דער וואג פון קערפער, אלץ שטארקער איז די אנטוויקלונג. גאונים זאָלן, אלזא, האבן די גרעסטע וואג פון מאַרך (מ׳זאגט דאך אויף אַ געלערנטן מענטשן: „ער איז א בעל-מוח״, אדער „ער איז כלו מוח״), אידיאָטן, פארקערט, די קלענסטע וואָג פון מארך.

און א יסוד צו אזא מיינונג איז טאקע פאראן, געלערנטע האָבן טאקע פעסטגעשטעלט, אז וואס נידריקער דאָס באשעפעניש איז אין איר אנטוויקלונג אלץ קלענער איז די וואָג פון איר מארך. אזוי, למשל, איז ביי א פיש, (וואס שטייט גאר נידריק אין זין פון אנטוויקלונג) די וואג פון מארך $\frac{1}{5568}$ פון איר קערפער-וואָג, ביי אַ פויגל (וואס שטייט שוין א ביסל העכער) $\frac{1}{180}$, ביי א מענטשן (וואס שטייט אמהעכסטן — ווי געזאגט, $\frac{1}{30}$ $\frac{1}{35}$ פון גאנצן קערפער. קומט אבער דער געבראכטער פאקט וועגן דעם וועג פון מארך ביים נײַגעבוירענעם קינד און קערט אום דידאָזיקע גאנצע מיינונג: מיר זעען, אז די מארך-וואָג ביים קינד איז די גרעסטע, א סך גרע-סער ווי ביים דערוואקסענעם מענטשן און דאָך איז דאָס קינד דאָס אממערסטן אומבאהאָלפנסטע, דאס אממערסטן אומאנטוויקלטסטע צווישן אלע באשעפענישן. וואס זאָל עס הייסן? איז דער תירוץ:

נישט די וואָג פון מארך אַליין איז וויכטיק פאַר דער אלגעמיינער אנטוויקלונג נאר אויך און בעיקר די געהעריקע אנטוויקלונג פון מארך און אַזאַ געהעריקע אנטוויקלונג פון מארך פעלט גראד דעם נײַגע-בוירענעם קינד!

כ׳האָב דא געבראַכט בכונה די שווערלעכע ציפערן און פאַרגלייכונגען

*) אינטערעסאַנט איז נאָך דאס, וואס די וואג פון קינד אין זיין פריסטער קינד-הייט האלט כסדר אין איין וואַקסן און אין פארגרעסערן זיך. צו אַכט חדשים איז שוין די וואג פון קינדס מארך אין צוויי מאָל מער. צום סוף פון דריטן לעבנס-יאָר איז ער אפילו אין דריי מאָל מער.

װעלכע קענען, געװײנלעך, (פֿאַר אַ דורכשניטלעכן מענטשן, װאָס האָט מיט אַזעלכע זאַכן נישט צו טון) אױסװײזן נישט אינטערעסאַנט, אום צו געבן אַ באַגריף װעגן אמתן װעזן פֿון נײַגעבױרענעם קינד.

און אין דעם פּרט איז אומגעהױער װיכטיק באַזונדערס דאָס געזאָגטע װעגן קינדס מאַרך.

מ׳דאַרף זיך קלאָר מאַכן, אַז דער מאַרך האָט די גרעסטע באַדײַטונג פֿאַר דער אַנטװיקלונג. דער מאַרך איז יענער װאונדערלעכער אַפּאַראַט פֿון װעלכן עס איז אָפּהענגיק די גאַנצע טעטיקײט פֿון באַװאוסטזיניקן מענטשן. דער מאַרך איז געגליכן צו יענעם מאָטאָר אין דער פֿאַבריקגעבײדע, װעלכע לאָזט אין באַװעגונג די גאַנצע פֿאַבריק מיט אירע אומצאָליקע מאַשינען.

איז דער מאָטאָר נישט אין אָרדנונג, דאַן בלײַבט שטײן די גאַנצע פֿאַבריק, דאַן אַרבעטן די מאַשינען נישט װי ס׳דאַרף צו זײַן.

דער מענטש, װי יעדע חיה, איז אַ גרױסע, אפֿילו גרעסערע װי די חיות, מוראדיקע פֿאַבריק. דער מענטש האט אַ אומגעהױערע צאָל פֿון מאַשינען װעלכע זענען כּסדר טעטיק און שאַפֿן אונזער לעבן.

די הענט, די פֿיס — אַלע אונזערע גלידער זענען אַזעלכע מאַשינען. איז אָבער נױטיק, אַז דער מאָטאָר, דער מאַרך זאָל זײַן אין זײַן פֿולסטער אָרדנונג, אום כּדי אלע אונזערע מאַשינען זאָלן אַרבעטן װי סדאַרף צו זײַן.

אין װאָס פֿאַר אַ צושטאַנד איז אָבער דער מאָטאָר בײַם נײַגעבױרענעם קינד?

ער איז טאַקע גרױס, פֿיל גרעסער פֿאַרהעלטניסמעסיק, װי בײַ אונז. ער איז אָבער נאָך נישט אין אָרדנונג. דעם קינדס מאַרך איז געגליכן צו יענעם מאָטאָר, װעלכן מ׳ברענגט אין דער פֿאַבריק ערשט פֿון באַן. ער איז נאָך נישט אױפֿגעשטעלט, װי ס׳דאַרף צו זײַן, ער איז נאָך פֿאַרפּאַקט אין די קאַסטנס, און אַזאַ נישט אױפֿגעשטעלטער מאָטאָר פֿאַרנעמט טאַקע אַ סך אַ גרעסערן פּלאַץ, װי ס׳פֿאַרנעמט דער מאָטאָר נאָכדעם װי ער איז אױפֿגעשטעלט, צוגעשרױפֿט רינדעלע צו רינדעלע, אַרײַנגעטון שרײַפֿל אין שרײַפֿל. אַלע באַזונדערע טײלן פֿון דעם מאָטאָר זענען פֿאַראַן, װען דער גאַנצער מאָטאָר איז נאָך נישטאָ. אײנצלנע טײלן פֿון מאָטאָר, די װאָס זענען שױן אױפֿגעשטעלט, זענען בכּח צו אַרבעטן. די איבעריקע טײלן אָבער, די װאס זענען נאָך נישט אױפֿגעשטעלט, זענען נאָך נישט בכּוח צו אַרבעטן. מ׳דאַרף האָבן אַ גוטן מאַנטיאָר, װעלכער זאָל דעם מאָטאָר אױפֿשטעלן, װעלכער זאָל טאַקע פֿאַרקלענערן זײַן גרױס, אָבער דורכדעם גופֿא מאַכן טעטיק אַלע זײַנע טײלן.

אַזאַ מאַנטיאָר פאַר דעם קינדס מאָטאר, פאַר דעם קינדס מאַרך — איז טאַקע ד י צ י י ט.

אין משך פון די ערשטע יאָרן פון קינדס לעבן אַרבעט דער גלענצנ־דער מאַנטיאָר פון דער צייט, טאָג־איין, טאָג־אויס איבער דער אויסשטע־לונג, איבער דאס ברענגען אין אָרדנונג דעם קינדס מאַרך.

און דאָס קינד באַקומט ביסלעכווייז יענע אַלע פעיקייטן, וועלכע האָבן אים פריער אינגאַנצן אדער טיילווייז געפעלט און וועלכע זענען אים נייטיק, אום כדי צו ווערן אַ פולקאָם־באַוואוסטזיניקער מענטש.

דאס דאַרפן טאַטע־מאַמע באַזונדערס אין אַכט נעמען, דאס דאַרפן זיי שטענדיק געדענקען.

קאַפּיטל V

די גייסטיקע אנטוויקלונג פון נייגעבוירענעם.

(אלג. איבערזיכט)

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן אז דאָס נייגעבוירענע קינד ברענגט שוין מיט זיך יענע אַלע וויכטיקסטע אָרגאנען, וועלכע זענען גייטיק פאר דעם שפעטערדיקן זעלבסטשטענדיקן לעבן, פאר דער שפעטערדיקער פולער פסיכישער אנטוויקלונג. דאס וואקסן פון קינד, זיין בהדרגה'דיקע פאר־וואנדלונג אין אַ דערוואקסענעם מענטשן באשטייט אלזאָ נישט אין דעם, וואס אים קומען צו נייע אָרגאנען *), נאָר אין דעם, וואס די אלטע, די געבראכטע אָרגאנען באקומען מיט דער צייט אלץ מער נייע פונקציעס, וואס זיי ברייטערן אויס זייערע מעגלעכקייטן און ווייזן ארויס אלץ גרע..ערע פעיקייטן.

נעמען מיר, למשל, דעם אלערוויכטיקסטן אָרגאן (אייגנטלעך א גאנצע ריי פון אָרגאנען) פון וועלכן ס'איז נישט נאָר אָפּהענגיק נאר באדינגט ... גאנצע גייסטיקע אנטוויקלונג פון מענטשן, זיין גאנץ גייסטיק לעבן, דעם מארך.

האָבן מיר שוין געהאט אָנגעוויזן, אז ביים נייגעבוירענעם איז דער מארך אין זיין גאַנצקייט פאראן, האט אפילו פארהעלטניסמעסיק אַ גרעסערן אומפאנג אין וואָג, ווי ביים דערוואקסענעם מענטשן. ס'פעלט אין דעם מאַרך פון נייגעבוירענעם קיין טייל נישט. וועלכער זאל ערשט שפעטער דאַרפן

---

*) ס'רעדט זיך דאָ וועגן די וויכטיקסטע אָרגאַנען, וועגן די פון וועלכע ס'איז אָפּהענגיק די פסיכישע אנטוויקלונג. געוויסע נייע צוזואוקסן קומען יאָ צו מיט דער צייט, ווי, למשל, ציין א. א. וו. דאס זענען אבער אזעלכע צוזואוקסן, וועלכע ווירקן ווייניק אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג.

צוקומען. אלא וואס דען? פון אָנהויב איז דער מאַרך נאָך נישט בכח אַרויסצוווייזן זיין גאַנצע טעטיקייט, פון אָנהויב פעלן אים נאָך געוויסע פונקציעס, און אָט די דאָזיקע גאַנצע טעטיקייט, די דאָזיקע פעלנ־דיקע פונקציעס דערגרייכט דאָס נייגעבוירענע קינד ביסלעכווייז, בהדרגה, אין משך פון זיין פריסטער קינדהייט און נאָך מער אין משך פון זיין ערשטן לעבנס־יאָר.

דאָס קינד קומט אריין אין לעבן כמעט בלינד און טויב און מיט דער צייט באַקומט ער די קענטניס בעסער צו זען און בעסער צו הערן.

און אַזוי איז עס אין אַלע הינזיכטן.

כ׳האָב אונטערגעשטראָכן „כמעט״ (בלינד און טויב) און (הויבט אָן) בעסער (צו זען און צו הערן), און האָב נישט געזאָגט: דאָס קינד ווערט געבוירן אינגאַנצן בלינד און טויב און שפּעטער הויבט ער אָן ערשט צו זען און צו הערן. ווייל, כאמת, ברענגט שוין דאָס נייגעבוירענע קינד מיט זיך אַ געוויס עמפּפינדלעכקייט, עס איז נישט לחלוטין עמפּפינדונגסלאָז שוין ווען ס׳טרעט אריין אין אונזער לעבן.

און די בעסטע ראיה איז דאָך דאָס ערשטע קינדערשע שרייען. מיר דערהערן דעם קינדס קול שוין תיכף, ווי ער קומט אויף דער וועלט און דאָסדאָזיקע קול — אַ איבערצייגנדיקע גבית־עדות פון בעל־דבר אַליין, ווייזט דאָך אונז באַשיינפּערלעך, אַז געוויסע מעגלעכקייטן ברענגט שוין דאָס קינד מיט זיך, אַז עס קומט צו אונז אויף אונזער לעבנס־אינזל, אין זין פון פּסיכישער אַנטוויקלונג — אין אַסך אַ בעסערער לאַגע ווי ראָבינזאָן קרוזאָ אויף זיין באַקאַנטן אינזל, ער דאַרף נישט אָנהויבן אַלעס פון אָנהויב, פון ערשטן, רעכטן אָנהויב, נאָר דאַרף בלויז פאַרזעצן, ווייטער אַנטוויקלען דאָס, פון וואָס ער האָט שוין געוויסע אָנהויבן געבראַכט מיט זיך.

דאָס נייגעבוירענע קינד קומט צו אונז אַלזאָ נישט מיט אַ נשמה, וועלכע זאָל זיין געגליכן צו אַ אינגאַנצן לערן קאַרב, וועלכע ער דאַרף ערשט ביי אונז, אין אונזער וועלט אָנפילן מיט אינהאַלט. דאָס נייגעבוירענע קינד איז, פאַרקערט, אַ פּאַסאַזשיר, וואָס קומט שוין מיט אַ געוויסן אייגענעם באַ־גאַזש. זיין קאָרב, זיין נשמה איז אמת נישט אינגאַנצן פול. דער באַגאַזש אין איר וועט אין אונזער לעבן כסדר פאַרגרעסערט, פאַרפילקאַכט און פאַר־ריינערט ווערן, אָבער עפּעס און אפילו זייער באַדייטנדיקעס ברענגט ער פאָרט מיט זיך.

און דאָס דאַרפן טאַטע־מאַמע שוין פון ערשטן טאָג נאָך דעם געבוירן ווערן פון קינד שטאַרק געדענקען ביי אַלע זייערע האַנדלונגען, ביי זייער שוין ערשטן באַגיין זיך מיט דעם נייגעבוירענעם:

זיי מוזן זיך צופאסן צום קינד, זיי מוזן זיך רעכענען מיט זיינע באַדערפעניש, ווייל ער פאַרמאָגט שוין עפּעס אייגנס, ווייל ער האָט שוין פון לכתחילה אָן זיינע באַדערפעניש.

וואָלט דאָס קינד געקומען אויף דער וועלט אָן גאָרנישט, אינגאַנצן פריי פון אייגענעם פאַרמעגן, וואָלט דאָס קינד געווען — ווי מ׳פלעגט עס אַמאָל אין דער וויסנשאַפט אָנרופן אַלס: „Tabula rasa" אַלס ברעטל אָנגעשמירט מיט וואַקס. דאַן וואָלטן טאַטע־מאַמע און דערוואַקסענע מענטשן בכלל מיטן קינד טאַקע געקענט מאַכן וואָס און ווי אַזוי זייער האַרץ גלוסט. דאַן וואָלטן זיי פון קינד, ווי טאַקע פון וואַקס, געקענט אויסקנעטן, וואָס זיי וואָלטן געוואָלט. קיין ווידערשטאַנד וואָלטן זיי פון קינד נישט געהאַט. קען דען וואַקס שטעלן אַ ווידערשטאַנד זיין קנעטער? קיין סכנה וואָלט זייער אומבאַגרעניצטע זעלבסטהערשונג פאַר דעם נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן.

אָבער ווי באַלד, אַז דאָס קינד האָט שוין, פאַרקערט, פון אָנהייב אָן אַ געוויסן — הגם נאָך זייער אַ קליינעם — אייגענעם פאַרמעגן, טאָרן שוין טאַטע מאַמע אויף אים ממילא נישט קוקן ווי אויף געוויינלעכן וואַקס און טאָרן זיך נישט פאַרמעסטן פון אים אויסצוקנעטן וואָס זיי ווילן אָן זיך צו רעכענען מיט אים אַליין, מיט זיינע באַדערפעניש און ווידערשטאַנד, ווייל אַזאַ נישט רעכענען זיך מיטן קינד קען פאַר דעם לעצטן זיין זייער שעדלעך, קען זיך פאַטאַל אָפּרופן אויף זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

אַ קליינער ביישפּיל:

די מאַמע איז באַשעפטיקט און זי וויל „אָפּפּטרן" דאָס געבן דעם קינד די ברוסט דוקא דאַן, ווען זי האָט אַ פרייע מינוט. טשוכעט זי דאָס שלאָפנדיקע קינד (אַ ניי געבוירן קינד שלאָפט און דאַרף שלאָפן כמעט כסדר) און שטעקט אים די ברוסט אין מויל.

צי האָט אָבער די מאַמע באַמערקט די וואונדערלעכע דערשיינונג: דאָס קינד לאָזט תיכף אַרויס פון מויל די אריינגעשטאָפּטע ברוסט (פון וואַנען קומט צו אַזאַ עופה׳לע אַזאַ עקשנותדיקער אָפּוועט, דער ערשטער עקשנות אין מענטשלעכן לעבן?) און וויל בשום אופן נישט געניסן פון זיין דערנערונגס־קוואַל, פון יענעם קוואַל, וועלכן ער האָט אַזוי ליב און כאַפּט זיך צו ווען ער איז הונגעריק מיט זיינע אַלע, נאָך שוואַכענקע כוחות.

וואָס אַנדערש דען קען אַזאַ האַלטונג פון נייגעבוירענעם באַדייטן, אויב שוין נישט קיין ווידערשטאַנד קעגן דעם אָנגעבונדענעם פרעמדן ווילן, ווען אַזאַ ווילן איז פאַר אים, פאַר אים אַליין נישט גינסטיק? און וועט די מאַמע נישט לייגן קיין אַכט אָדער נישט פאַרשטיין (גיכער, נישט פאַרשטיין,

ווייל קיין שלעכטס בכוונה וויל דאָך די מוטער, די שטארק פאַרנומענע און מיט זאָרגן איבערלאָדענע מוטער, איר אייגן קינד נישט טון!) דעם קינדס ווידערשטאנד און וועט אים מיט געוואלד אויפצווינגען אזאַ אומבאהאָלפן נפשל, ווי דאס קליינע, נייגעבוירענע קינד, איז דאָך נישט קיין שווערע זאַך! — צו באקומען די דערנערונג, ווען ער איז כלל נישט הונגעריק, וועט זי ממילא זיין די סיבה פון קינדס קראַנק ווערן.

און האַלטן מיר ביים קינדס קראַנק ווערן. דאַרפן מיר, דרך אגב, צוגעבן אין אלע פאַלן פון קראַנק ווערן ביים זויג-קינד איז שולדיק, הויפט-זאכלעך, די מאמע. ווערט דאָס זויג-קינד קראַנק (ס׳האנדלט זיך וועגן קראַנקהייטן און נישט וועגן בייטיקע פראָצעסן פון וואַקסן, וועלכע פארשאַפן דעם קינד אויך נישט ווייניק יסורים, ווי, למשל, דאס אויסשפּראָצן פון ערשטן ציינדל) דאן זאָל די מאמע וועגן דער סיבה פון דער קרענק נישט פרעגן ביים דאָקטאר נאָר ביי זיך אליין: זאָל זי זיך דערמאנען — ווען און ווי אַזוי איז זי זיך באַגאנגען נישט ווי ס׳דארף צו זיין מיטן קינד, ווען און ווי אַזוי האָט זי זיך נישט גערעכנט מיט דעם קינדס אייגענע באַדערפעניש, האט זיך נישט צוגעפּאַסט צו אים, נאר האט, פארקערט אים געצוואונגען צוצופּאַסן זיך צו איר. צו איר ווילן און באדערפעניש. און וועט זי איינמאָל אזעלכע סיבות אויסגעפינען, וועט עס שוין זיין בעסער פון אלע רפואות, וואָס דער דאָקטאר קען צושרייבן. די מאַמע וועט זיך דאן אליין צושרייבן דעם וויכטיקסטן רעצעפּט, וועלכער דארף זיין שטענדיק ווירקזאם אין לעבן פון נייגעבוירענעם.

נישט צווינגען דאָס קינד צו דעם, וואס ער אַליין האט קיין באַדערפעניש נישט, נישט אָנבינדן אים איבערגעוואַלד געוואוינהייטן, זיך כסדר רעכענען מיט דעם קינדס אייגענעם פאַרמעגן!

וואס ס׳איז נוגע דעם אייגענעם פארמעגן פון נייגעבוירענעם אין דער אנטוויקלונג פון דעמדאָזיקן פארמעגן.

כ׳האָב שוין דערמאנט דאס ערשטע שרייען פון קינד ביי זיין געבוירן ווערן. דאָס דאָזיקע „שרייען” — הלואי וואָלטן אונזערע געשרייען, געשרייען פון דערוואַקסענע געקענט אזוי ווירקן אויף מענטשן און צווינגען זיי זיך צו פארטראכטן, ווי דאס ערשטע „שרייען” פון קינד—האָט געשאַפן אַ גאנצע ליטעראטור אַרום זיך. פארשיידענע געלערטע דערקלערן אויף פארשידענע אופנים די סיבות פון אָט דעם ערשטן קינדערשן שרייען *)

---

*) אַלס אילוסטראַציע ווי פאַרשיידנאַרטיק ס׳זענען די קאמענטארן, ברענג איך די עטלעכע פון זיי: העגל האלט, אַז דאָס ערשטע קינדערשע שרייען זאָל זיין אַן׳אויסדרוק פון נאַטירלעכן בחיר-היצירה-געפיל. דאס קינד זאָל מיט זיין שרייען אָנזאָגן דער וועלט: איך גיי, איך קום, איך,

אונז איז אָבער וויכטיק צו וויסן די לעצטע און, ווי מ׳האלט, די אמתע דערקלערונג: דאָס שרייען זאָל זיין א נאטירלעכע, פון זיך אַליין קומענדיקע (רעפלעקטאָרישע) רעאַקציע אויף דעם איבערגיין פון איין סביבה אין דער אַנדערער, פון דער וואַרעמער סביבה אין מוטערלייב אין דער קאַלטער (ווי וואַרים ס׳זאָל נישט זיין אין צימער פון דער געווינערן, איז דאָך דאָרטן פאַרט קעלטער ווי אין מוטער לייב!) סביבה פון צימער.

דידאַזיקע רעאַקציע אין דער פאָרם פון אַ געשריי, באוויזט, אַגב, אויף נאָך אַ פאַרמעגן, וואס דאָס נייגעבוירענע קינד ברענגט מיט זיך: אויף גע־וויסע רוים־עמפפינדלעכקייט (דאס אונטערשיידן פון טעמפּעראַטורן געהערט צו דעם עמפפינדן פון רוים.)

אז די אמתע סיבה פון ערשטן קינדערשן שרייען איז טאַקע דאָס רעאַגירן אויף דער נייער קאַלטער טעמפעראַטור איז צו זעי פון דעם, וואָס דאס נייגעבוירענע קינד הערט תּיכּף אויף צושרייען, ווי נאר מ׳נעמט אים אַריין אין דער וואַרים, ווי נאָר מ׳לייגט אים אַריין און מ׳וויקלט אים אויף אין דעם וואַרעמען קישעלע (אגב אז דאָס ערשטע שרייען פון קינד אַ באַזונדער מין שרייען: שרייען אָן טרערן). דאס קינד דערהאַלט אויך אויף ווייטער זיין מורא פאַר קאַלטער טעמפּעראַטור און זיין באַזונדערע צונייגונג צו וואַרימקייט. גענוג צו דערמאָנען, ווי אזוי שוין אין די ערשטע טעג פון זייער לעבן „פילן זיך" די קליינע קינדער ביים באָדן זיך. דאס דאָזיקע ערשטע באָדן זיך פון גאר קליינעם קינד! — וויפל נחת פאַרשאַפט ער טאַטע־מאַמע און אַלע לעבנדיקע דערוואַקסענע.

„דאס קינד איז צופרידן, דאס קינד איז גליקלעך!"

אזעלכע און ענלעכע באַגייסטערונגס־רופן רייסן זיך ביי די באַאָבאַכט־ער ארום זיך באָדנדיקן קינד.

אונזערע עלטערן (אפילו געלערטע באַאָבאַכטער) גלויבן אפילו צו זען שוין דאָס ערשטע שמייכעלע ביים קינד, ווען ס׳באָדט זיך צום ערשטן מאל—דאָס איז, נאטירלעך, איבערטריבן, די ליבע קען נישט נאָר פאַרבלענדן: נישט צו זען נאר אויך מאַכן צו ווייטזיכטיק: יאָ צו זען אַזעלכעס, וואס ס׳איז אין דערווירקלעכקייט נישט פאראן. און דאס שמייכעלע ביי דעם זיך צום ערשטן מאָל באָדנדיקן קינד, איז גיכער א איבערטראָגונג פון איי־גענעם שמייכל (אויפן פּנים פון גליקלעכן באַאָבאַכטער) אויף דעם כּלל

דער הערשער פון דער וועלט. אנ׳אַנדער געלערטער געפינט, אז דאָס זעלביקע שרייען איז אַ אויסדרוק נישט פון נאטירלעכן שטאָלץ, נאָר פאַרקערט, פון אינערלעכער אַנגסט, אַ מין פּראָטעסט קעגן די יסורים, וואָס וואַרטן אויפן מענטשן אויף דער וועלט.

קאַנט האַלט, אז מיטן שרייען ווערט אויסגעדרוקט די אומצופרידנהייט, מיט אָפּרויבן די פרייהייט א. א. וו.

נישט שמייכלענדיקן און נאָך נישט פעיקן צום שמייכלען קינדערשן פּנים׳ל, ווי דאָס ווירקלעכע באַמערקן פון אַזא שמייכל ביים קינד.

ריכטיק איז אָבער עטוואס אנדערש: דעם קינד פאַרשאַפט דאס באָדן זיך אַ גרויסן געַנוס. ס׳באַפרידיקט אַ גרויסע באַדערפעניש זיינע: די באדערפעניש אין וואַרימקייט.

דאס קינד „געדענקט" נאָך די גלענצנדיקע וואַרימקייט אין מוטערלייב און יעדע סיטואַציע, וואס דערנענטערט אים צו אַזאַ וואַרימקייט ברענגט אים גרויסן, גרויסן געַנוס.

סיי דאָס „שרייען" און סיי דאָס „גוט פילן זיך" ביים באָדן זיך, ווי מיר האָבן געזען, קענען, אַלזאָ, דינען אלס באַווייזן וועגן שוין פאַראַנענער עמפּפינדלעכקייט פון הויט ביים געבוירענעם קינד.

זיין פאַרמעגן איז אָבער פיל גרעסער און רייכער, אזוי, למשל, איז ביים ניי־געבוירנעם קינד שוין אין אַ געוויסער מאָס טעטיק אויך דער חוש פון געשמאַק. מ׳קען זיך אין דעם לייכט איבערצייגן. פּרואווט דעם קינד שוין אין זיינע ערשטע לעבנס־טעג, אין זיין „פלעשל" ווען צוליב מאַנגל אין מוטער־מילך מוז מען אָנקומען צו געקינסטלטער דערנערונג) אריינצוגיסן אַנשטאט זיסע מילך אדער זיסע וואסער, אַ ביטערלעכע פליסיקייט און שטעלט צו דאָס פלעשל צום קינדס מיילכל און איר וועט תיכף דערזען צוויי, ביידע מערקווירדיקע, דערשיינונגען. ערשטנס וועט זיך אויף דעם קינדס פּנימל באַווייזן אַ באַשיינפּערלעכער אויסדרוק פון „אומצופרידנהייט" און צווייטנס וועט עס תיכף, נאָך דעם ערשטן שלונג ארויסלאָזן דאָס פלעשל פון מויל אין דער צייט ווען אַ פלעשל מיט זיסע פליסיקייט האַלט עס אין מויל אַ לאַנגע צייט.

ביים ניי־געבוירענעם קינד איז אויך פאַראַן אַן אָנהויב פון חוש־הריח. עטלעכע ראיות: שוין אין די ערשטע טעג זיינע דערקענט דאָס קינד די ברוסט פון זיין מוטער (און ווי די געלערטע האָבן גענוי פעסטגעשטעלט, קען דאָס דאָזיקע דערקענען דער מאַמעס ברוסט אין די ערשטע טעג פאָרקומען נאָר דורך דעם חוש־הריח און נישט דורך עפּעס אַנדערש. פּרואווט צוטראָגן צום קינדס נעזעלע אַ זאַך, וואָס האט אַ אומאנגענעמענעם, אַ שארפן גערוך און איר וועט אויף זיין פּנימל ווידער זען אַ באַשיינפּערלעכן אויסדרוק פון „אומצופרידנהייט", און וואָס ס׳קען אַממערסטן איבערצייגן איז דער פאַקט, וועלכער איז אזוי גוט באַקאַנט מוטערס (באַזונדערס יינגע מוטערס, ערשטלינגס), וועלכע ליידן פון שטערונגען ביים זויגן־געבן אדער אויף ברוסט־קראַנקהייטן בכלל און זיי מוזן שמירן די ברוסט מיט געוויסע זאַלבן. ווען דאָס קינד „דערשמעקט" דעם שארפן ריח פון די

זאלבן, וועט ער שוין די ברוסט בשום אופן נישט נעמען, נישט געקוקט אויף דעם, וואס ער איז הונגעריק. אַ הונגעריקער וועט ער שרייען און דאָך די ברוסט נישט נעמען.

מיר האבן אלזא געזען, אז צווישן מיט זיך געבראכטן פארמעגן פון נייגעבוירענעם, זענען פארטרעטן פאלגנדיקע דריי חושים: חוש־המישוש (רוים־עמפפינדונג, הויט עמפפינדונג, רעאַגירן אויף קאלטע טעמפעראטור), חוש הטעם און חוש־הריח.

ווי איז עס מיט די איבריקע צוויי חושים: חוש־הראיה און חוש־השמיעה?

זיי זענען, אמת, אין אַסך אַקלענערער מאָס פארטרעטן ביים ניי־געבוירענעם, אָבער געוויסע סמנים פון זיי איז דאָך צו געפינען.

דאס, וואס דער חוש־הראיה און חוש השמיעה זענען זייער שוואַך פאַרטרעטן אין ערשטן לעבן פון נייגעבוירענעם, איז צו זען פון אַריי באַ־אָבאַכטונגען;

אַ נייגעבוירן קינד, למשל, קען רויק שלאָפן ביי פינסטערניש, ווי ביי שטאַרקער ליכטיקייט אזוי אויך ביי דעם גרעסטן גערויש.

ווען מיר זאָלן פאַרגלייכן, למשל, דעם באשריבענעם פאַל פון קינדס רעאַגירן אויף אַ ביטערלעכן געטראַנק אין פלעשל (חוש־הטעם) אזוי אויף דעם שאַרפן זאלבן־ריח אויף זיין מוטערס ברוסט (חוש הריח) מיט דער שוואכער ווירקונג, וואס אַ שטארקע ליכטיקייט האָט אויף דעם שלאָפנדיקן קינד (פּרוּאווט צוטראָגן אַ עלעקטריש לעמפּל צום קינדס פּנים ווען ער שלאָפט און ער וועט זיך רויק בלייבן ווידער שלאָפן) וועלן מיר פאַרשטיין אז דער חוש־הריאה (און דאָס זעלבע אויך דער חוש השמיעה) מוזן באַ־טראַכט ווערן אלס אמווייניקסטן־פּערטרעטענע און אַמשוואכסטן־ווירקנדיקע ביים נייגעבוירענעם.

דאס קינד ווערט אפילו, אין אונטערשיד פון געוויסע נייגעבוירענע חיות, ווי הינטלעך, קעצלעך א. א. געבוירן נישט מיט פאַרמאכטע אייגעלעך, ס'איז אָבער אַ פראגע: צי ער זעט בכלל די ערשטע טעג מיט זיינע אָפענע אויגעלעך, און אויב ער זעט אַפילו יאָ צי איז עס פון דעמזעלביקן מין זען, וואָס ביי אונז דערוואַקסענע, אין דעם „קוק פון נייגעבוירענעם קינד — ווייזן אָן אַ סך געלערנטע איז פאראַן עפּעס ענלעכעס אויף דעם קוק פון אַ מענטשן מיט אַ פארבעלמעט אויג: דאס אויג איז אָפן, דאָס אויג קוקט, אבער עס זעט דאך גאָרנישט, אָדער עס זעט עפּעס גאַנץ אנדערש, וואס געוויינלעכע, נארמאַל אנטוויקלטע אויגן, זעען.

אין דעם פּרט איז זייער אינטערעסאַנט די דערשיינונג, וועלכע מ'טרעפט

ביי אלע קינדער אין די ערשטע טעג פון זייער לעבן: דאָס איז די „קרומאויגיקייט" — ביי נייגעבוירענע קינדער. אַ קינד אין די ערשטע טעג פון זיין לעבן קען אויך מיט איין אויג קוקן אין איין ריכטונג און מיט דעם אַנדערן אויג אין אַ צווייטער, קעגנגעזעצטער ריכטונג.ביידע אויגן באַוועגן זיך אָפט נישט גלייכצייטיק. איין אויג באוועגט זיך און דאָס אַנדערע בלייבט אין דער פריערדיקער לאגע.

די דערשיינונג פון „קרומאויגיקייט" דויערט אבער נישט לאַנג. גאַר גיך (מ'קען נישט איינשטעלן געגוי די צייט און נאָך מער קען מען נישט אָנווייזן איין צייט פאַר אַלע קינדער) פארשווינדט די „קרומאויגיקייט", דאָס קינד דערגרייכט די קענטעניש צו באוועגן גלייכצייטיק ביידע אויגן. און דאַן, הפנים, הייבט זיך אָן דאָס אמתע זען פון קינד. און נאָך שפּעטער קומט די ווייטערע, די וויכטיקע דערגרייכונג, דאָס קענען נאָכפאָלגן מיט די אויגן.

טאטע-מאמע קענען עס זייער לייכט באַאָבאַכטן שוין אין די פריסטע חדשים (שוין אויפן צווייטן חודש אמאָל), נאך אפטער—צום סוף פון דריטן חודש) ווען דאָס קינד דערהערט עפּעס אַ שטאַרקן קלונג אדער ער דערזעט א בונטע זאַך, פאָלגט ער נאָך די טרעגער פון די אויפגענומענע איינדרוקן (דער גלעקל אדער דעם בונטן געגנשטאַנד) לאַנג מיט זיינע אויגעלעך און די לעצטע באוועגן זיך אין יענע ריכטונגען, וואוהין די דערמאָנטע געגנשטאַנדן ווערן איבערגעטראָגן. צו אכט-ניין חדשים ווערט שוין דאָס קענטעניש פאַר דעם אמתן, נאָרמאַלן זען ביים קינד פארענדיקט.

די ערשטע סמנים פון „הערן" מערקט מען ביים קינד ערשט אין דער צווייטער — נאך אפטער אין דער דריטער וואך פון זיין לעבן.

צו דער צייט מערקט מען אויך דאָס רעאַגירן פון קינד אויף אומדערוואַרטעטע קלאַנגען (שטאַרקער געשריי א. א. וו.) מ'זעט דערביי ביים קינד באשיינפּערלעכע סימנים פון ערשטן שרעק. ביי אַזא אומדערוואַרטעטן קלאַנג רעאַגירט דאָס קינד דורך אַ ציטער איבגאַנצן קערפּער מיט קאָפּ-באַוועגונגען, מיט פארמאַכן די אויגן א. א. וו.

א קינד דערקענט אויך צו דער צייט לויטן קול די נאָענטסטע מענטשן, הויפּטזעכלעך, פארשטייט זיך, דער מאַמען.

די ווייטערע אנטוויקלונג פון חוש-השמיעה גייט אַלץ מער און מער פארויס, ביז זי ווערט, און איר ערשטער פאָרם, פארענדיקט, גלייך מיט דעם חוש-הראיה, צום סוף פון אַכטן אָדער ניינטן חודש.

וועגן חוש-השמיעה מוז מען צוגעבן נאך עטלעכע באַמערקונגען:

די ווייטערדיקע אנטוויקלונג זיינע (נאך דעם ערשטן אָפּשניט. צום

סוף פון אַכטן ביינטן חודש) קומט פאַר, געווייגלעך, אַסך לאַנגזאַמער ווי די אַנטוויקלונג פון אַנדערע חושים. אפילו ביי דריי־פיר יאָריקע קינדער איז נאָך דער געהער נישט אינגאַנצן אַנטוויקלט. און פון דעם קומט דער כּלל: מ׳מוז די קליינע קינדער (אפילו נאָך אין קינדער־גאָרטן) רעדן ווי ווייט מעגלעך הילכיק (פאַרשטייט זיך, אָבער: נישט שרייען). מ׳דאַרף צו קליינע קינדער בשום אופן קיין טענה נישט האָבן, ווען עס דערהערט נישט דאָס געזאָגטע און ווען מ׳מוז אים אַפּאָר מאָל איבערחזרן אייניס און דאָס זעלביקע. אין דער אַנטוויקלונג פון חוש־השמיעה בכלל, אַסך מער ווי אין דער אַנטוויקלונג פון די איבריקע חושים איז נישט מעגלעך קיין אַלגעמיינע מאָס פאַר אַלע קינדער. ס׳איז דאָ צו מערקן אַ גרויסע אינדיווידועליזאַציע, ד. ה. יעדעס קינד קען זיך האָבן זיין אייגענע אַנטוויקלונג. ביי אַסך קינדער, למשל, באַמערקט מען, נאָך אין די גאָר פריסטער חדשים אַ איבערדורכשניטלעכן געהער, אַ באַזונדער געהער צו קלאַנגען פון מוזיק, למשל. טאַטע־מאַמע פרייען זיך שטאַרק אין אַזעלכע פאַלן, און גלויבן אליין און רומען זיך פאַר אַנדערע: „אונזער קינד וואַקסט אַ מוזיקער".

ליידער דאַרף מען אַזעלכע עלטערן אַנטוישן: נישט אַלע מאָל איז דער איבערדורכשניטלעכער געהער אין אַ באַשטימטער צייט אַ סימן, אַז אויך אויף להבא וועט די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון געהער גיין „באַרג אַרויף". ס׳טרעפט זייער אָפט, אַז קינדער פאַרבלייבן ביי זייער איינמאָל געמאַכטן דערפאָלג אויף דעם געביט פון געהער און גייען נישט ווייטער.

„גרויסע מוזיקער" אין דער קינדהייט קענען אויך פאַרבלייבן גאַנץ שלעכטע מוזיקער אין דער צוקונפט.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן געגלויביק באַטראַכט איין מין פון פריקינדערשן פאַרמעגן אין זיין אַנטוויקלונג, דעם פאַרמעגן פון די חושים בכלל, לאָמיר נאָך באַטראַכטן אַ צווייטן מין פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג, ריכטיקער: אַנ׳אַנדער אויסערונג פון דערזעלביקער חושים־אַנטוויקלונג. לאָמיר באַטראַכטן די פריקינדערשע באַוועגונגען. דאָס קינד בכלל איז דאָך, ווי באַקאַנט, דער באַוועגלעכסטער צווישן די מענטשן. אַ קינד — שפּעטער און זיין ערשטער און צווייטער קינדהייט, — „רוט דאָך קיין מינוט נישט", ווי ס׳הייסט ביי אונדז געווייגלעך. שטענדיק איז עס פול מיט אַרבעט, שטענדיק — אונטערנעמונגסרייך, שטענדיק — און באַוועגונג.

און ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז נאָך אין סאַמע־אָנהייב פון דער פריסטער קינדהייט אויך דער אָנהייב פון דער גאַנצער שפּעטערדיקער קינ־

דערשער אויסערגעוויינלעכער באוועגלעכקייט. די ערשטע פרשה פון דער גאנצער, לאנגער סדרה פון באוועגלעכקייט, ווערט, אלזא, פון פריקינדערשן בעל־קריאה. פון קינד פארגעלייענט פאר זיינע עלטערן און באנטע שוין פון ערשטן טאג פון זיין לעבן.

די אלע באוועגונגען זענען אומגעהויער פיל און אמגעהויער פאר־שיידנארטיק. לויט זייער תוך ווערן זיי איינגעטיילט אויף באזונדערע גרופן, ס׳דארף אבער נישט הייסן, אז זייער אנטשטייונג קומט פאר פונקט אין דעמזעלביקן כדר ווי זיי ווערן דערמאנט אין דער גרופן־פארטיילונג. אסך פון די באוועגונגען אנטשטייען גלייכצייטיק און ביי פערשידענע קינדער קען בכלל דער סדר פון דער אנשטייונג פאר באזונדערע באוועגונגען זיין אנ׳אנדערער.

ס׳איז אבער דאך וויכטיק צו קענען די גרופן לויט זייער כאראקטע־ריסטיק, ווייל זיי געבן אקלאר בילד וועגן גאנצן גאנג פון קינדס גייסטיקער אנטוויקלונג. די גרופן זענען פאלגנדיקע: 1) אימפולסיווע באוועגונגען, 2) רעפ־לעקטארישע באוועגונגען (אדער רעפלעקסן); 3) אינסטינקטיווע באוועגונגען (אדער אינסטינקטן); 4) אויסדרוקס־באוועגונגען.

די אימפולסיווע באוועגונגען זענען די ערשטע אין דער לאנגער ריי פון אלע אנדערע באוועגונגען. דאס זענען אזעלכע באוועגונגען, פון וועלכע אונז איז שווער צו געפינען די סיבה און ס׳איז אויך נישט מעגלעך לייכט צו באגרייפן זייער צוועקמעסיקייט. און טאקע דערפאר, וואס סיי די סיבה, וואס רופט זיי ארויס און סיי דער צוועק, וועלכע זיי שטעלן זיך, זענען נישט גענוג קלאר און אויסגעשפראכן, נעמען מיר זיי אפט אן פאר איינגאנצן צופעליקע: אן א סיבה און אן א צוועק, אן א „פאוואס" און אן א „צוואס". ס׳איז אבער א ונזער טעות: קיין צופעליקייט איז נישט פאראן און קען נישט זיין אין דער מענטשלעכער אנטוויקלונג בכלל און אין דער אנטוויקלונג פון קלייגעם מענטשן, פון ערב מענטשן, פון קינד בפרט. אלץ, ביז די קלענסטע קלייניקייטן, האט דא א סיבה און א צוועק און אויך די אימפולסיווע באוועגונגען פון קינד האבן זייער בייטיקע פונקציע אין דעם פרימארגן פון קינדערשן לעבן, הגם מיר זענען נישט אלע מאל בכח די דאזיקע פונקציע אנצוזען און צו פארשטיין. דער אלגעמיינער כלל פאר באוועגונגען, וועלכע זיי זאלן נישט זיין — איז אזא: יעדע באוועגונג איז און מוז זיין א פועל־יוצא פון א געוויסער סיבה, א רעאגירונגס־מיטל אויף א געוויסער ערדעגונג. אמאל איז די ערדעגונג פון דער באוועגונג א אויסערלעכע ד. ה. דער מענטש באקומט א געוויסן איינדרוק פון דער אויסערלעכער וועלט און רעאגירט אויף דעמדאזיקן איינדרוק מיט א בא־

ווענונג (די קאלטע טעמפעראַטור, למשל, פארשאַפט אונז אומלוסט און מיר טרייסלען אויף מיטן גאַנצן קערפער אדער מיר ווערן איבערראַשט פון אַ שטאַרקן קלאַפּ און פארמאכן פון שרעק די אויגן). אמאָל איז די ערדעגונג פון דער באַוועגונג אויך א א י נ ע ר ל ע כ ע, ד. ה. מיר באַקומען דעם שמויס צו דער באַוועגונג נישט פון דער אויסערלעכער וועלט, נאָר פון אונזער אייגענער, אינערלעכער, פיזישער אדער גייסטיקער, אַלץ איינס, וועלט (דער הונגעריקער מאָגן, למשל, גיט וועגן זיך צו וויסן און מיר דרוקן אויס צו-ריק פארשיידענע באַוועגונגען-אויסדרוק פון פנים א. א. וו. — דאס געפיל פון הונגעריק זיין אָדער א געוויסע ערינערונג, א פריילעכע צי א טרויעריקע בליצט דורך אונזער מאַרך און מיר רעאַגירן אויף דעם ווידעראמאָל מיט באַווע-גונגען.) די באַוועגונגען זענען, אלזא, עפּעס ענלעכעס אויף דעם קלאַפּ פון דעפּעש אפּאראַט (דער אפּאַראַט פון אונזער פיזישער און גייסטיקער אָרגא-ניזאציע) באַקומט פון ערגעץ א דעפּעש וועגן א אויפגעגומענעם נייעם איינ-דרוק, וועגן אַנ׳אנטפּלעקטער נייער באַדערפעניש און ער קלאַפּט אָפּ דעם אינהאַלט פון דעמדאָזיקן אויפגענומענעם איינדרוק, ער לאָזט וויסן וועגן דער אנטפּלעקטער באַדערפעניש. מוז דאָך אָבער דער אפּאַראַט אַלעמאָל די דעפּעש אויפנעמען פון ע ר ג ע ץ-ו ו א ו, מוז דאָך זיין עפּעס אזעלכעס, וואס זאָל די דעפּעש צום אפּאראַט ריכטן. זענען טאקע פאַראַן צוויי סטאנציעס, וועלכע ליפערן די דעפּעשן וועגן אויפגענומענע איינדרוקן צו דעם אפּאראַט פון אונזערע באַוועגונגען: די אויסנוועלט און די אינעוועלט, די וועלט א ר ו ם אונז און די וועלט א י ן אונז. און די דערמאַנטע רעפלעקטאָרישע באַוועגונגען זענען עס טאקע אזעלכע, ביי וועלכע אונז איז שווער אָנצו-ווייזן די סטאציע פון וואַנען זיי קומען אָן. מיר זעען נישט גענוג קלאָר די דאָזיקע סטאַנציע. מיר זעען אָבער נ י ש ט ג ע נ ו ג קלאָר בלויז די סטאַנציע פון א ר ו י ס ש י ק ן. מיר זעען אָבער ג אַ נ ץ ג ע נ ו ג קלאָר די סטאַנציע פ ו ן אָ נ ק ו מ ע ן, מיר זעען די באַוועגונגען גופא.

צו אזעלכע רעפלעקטאָרישע באַוועגונגען געהערן, למשל, דאס שויך עטלעכע מאָל דערמאָנטע ערשטע שרייען פון קינד ביי זיין געבוירן ווערן, דאס קאַרטשען זיך פון נייגעבוירענעם קינד א. א. וו.

וואס אין בונע די קאַרטשונגס-באַוועגונגען פון קינד, איז מען זיך משער, אז זיי נעמען זיך פון דעם, וואס דאס קינד „וויל" פאַרנעמען די זעלביקע לאַגע, וואס ער האט פריער, אלס עמבריא (אלס נישט פּאַרטי-קע באַשעפעניש פאר זיין געבוירן ווערן) אין דעם מוטער-לייב.

אין ס׳איז ווירקלעך אינטערעסאַנט, וואס דאס קינד נאָך זיין געבוירן ווערן, האלט זיך כסדר אין איין אויפדרייען, און איין צוזאַמענפּרעסן „ווי א

קניילכל". ווען מ׳לאָזט אים, דאָס נייגעבוירענע פּראַנק און פריי זיך באַוועגן, נעמט ער טאַקע אָן אַ פאָרם, וואָס איז ענלעך אויף זיין לאַגע אין מוטער־לייב: די פיסלעך, ביי די קניעלעך, אויפגעבויגן, האַרט צום בייכל א. א. וו. און דאָס איז טאַקע דער זין פון וויקלען דאָס קינד: מען מוז אים פון דערדאָזיקער אויפפּרעסונג אפּגעוויינען. די קערפּער לאַגע וועלכע איז פאַר אים געווען גוט אַלס עמבריא, איז פאַר אים כלל נישט גוט אַלס אַריינגע־טראָטענער אין אונזער וועלט. זאָל מען אים נישט וויקלען, קען זיין די סכנה, ער זאָל פאַרבלייבן אַ קאַליקע, מיט נישט קיין נאָרמאַל אנטוויקלטע, גלייכמעסיקע גלידער.

פאַראַן אַ לעגענדע וועגן גריבעלע אויף דער אויבערשטער ליפּ פון מענטשן: איידער דאָס קינד ווערט געבוירן קומט אַ מלאך, פורה שר של שכחה הייסט ער, און טוט אַ שנעל איבערן ליפּ מיטן באַפּעל — קינד, דו קומסט באַלד אויף אַן׳אַנדער וועלט, פאַרגעס דעריבער די תורה, וואָס מ׳האָט דיר דאָ, אין דער וועלט פון מוטערלייב, געלערנט! —

די וויקעלעך מיט וועלכע מיר וויקלען דאָס נייגעבוירענע קינד, זענען, אייגנטלעך, אַ ווירקלעכע אויסטייטשונג פון דעמזעלביקן זין אין דער לעגענדע, דאָס וואָס דער מלאך פורה האָט נישט באַוויזן, מוזן מיר אַליין דערגאַנצן. דאָס קינד מוז פאַרגעסן, צווישן אַלע אַנדערע תורות, אויך די תורה פון זיין קערפּער־לאַגע, וואָס ער האָט פאַרנומען אין דעם מוטער־לייב. דאָ, אין אונזער וועלט, טאָר ער מער נישט זיין אויפגעקאַרטשעט, דאָ מוז ער וואַקסן גלייך און שלאַנק.

אָבער צו שטרענג טאָר מען דאָך ביים וויקלען נישט זיין. מ׳דאַרף געדענקען, אַז דאָס וויקלען איז, אין תוך אַריין אַ זאַך, וואָס איז קעגן דעם קינדס אייגענער בייגונג, הגם דעם צוועק פון דערדאָזיקער בייגונג פאַר־שטייען מיר נישט. מען מוז, ערשטנס, זען, אַז דאָס קינד זאָל זיין נישט צו פעסט געוויקלט, אַז אפילו אַ געוויקלטער זאָל אַ געוויסע מעגלעכקייט פון באַוועגן זיך ביי אים פאַרבלייבן (אומבאַדינגט לאָזן די הענטלעך פריי, אינ־גאַנצן נישט געוויקלט).

מען דאַרף אויך זען, צווייטנס, אַז דאָס קינד זאָל נישט זיין כסדר געוויקלט, אַז מ׳זאָל אים אַ סך מאָל אין טאָג איבערוויקלען. און דאָס אָפטע איבערוויקלען איז בויטיק נישט נאָר צוליב ריין היגיענישע טעמים, מ׳זאָל קענען בייטן די ווינדעלעך אויף ריינע, פרישע, נאָר אויך צוליב דעם מ׳זאָל וואָס אָפטער דאָס קינד באַפרייען פון זיין האַפטונג, און ס׳איז טאַקע בייטיק אין די פויזעס בין וויקלען לוויקלען צו לאָזן דאָס קינד אַ קורצע

צייט אומגעוויקלט, זאָל עס דריגען מיט די פיסלעך און מיטן קערפּערל ווי ער וויל.

די צווייטע גרופּע פון באַוועגונגען ביים נייגעבוירענעם: די רעפלעקטאָרישע באַוועגונגען (אָדער רעפלעקסן) אונטערשיידן זיך פון די אויבן באַשריבענע אימפּולסיווע באַוועגונגען הויפּטזאַכלעך דערמיט, וואָס זיי האָבן שוין אין אַבּוֹלוטער און אַקלאָרבאַמערקבאַרער פאָרם סיי די סיבה און סיי דעם צוועק. מיר זעען באַשיינפּערלעך פון וואַנען די באַוועגונגען נעמען זיך און וואוהין זיי זענען געריכטעט, ד. ה. וואָס פאַר אַ צוועק זיי האָב צו דערגרייכן. און דער צווייטער וועזנטלעכער סימן פאַר די דאָזיקע באַוועגונגען איז דאָס, וואָס זייער סיבה איז שטענדיק אן אויסערלעכע. די רעפלעקס-באַוועגונגען זענען שטענדיק אַ רעאַקציע אויף אויסערלעכע ערדעגונגען. זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ בפירוש צוועקמעסיקן מיטל פון אָפּוועך, שוץ און אנפּאַסונג (די ערשטע, נאָך אומבאַוואוסטזיניקע אנפּאַסונג) צו די אויסערלעכע באַדינגונגען. אַזעלכע רעפלעקסן געהערן, למשל, די פאַרברייטערונג פון אויג (Papili des Augez Pacumpeune 3 poka) ביי אַ שטאַרקן ליכט, דאָס שלינגען (דער מאַמעס מילך), דאָס ניסן, דאָס געניצן, דאָס הוסטן, דאָס ברעכן א. א. וו.

שוין פון די אויסגערעכנטע ביישפּילן קען מעןביידע זאַכן זען. די לייכט דערקלערבאַרע סיבה פון די באַוועגונגען, זייער ערדעגונג, ווי אויך זייער צוועק. די פאַרברייטונג פון אויג האט אַלס סיבה דעם שטאַרקן ליכט אין אַלס צוועק די פאַרשטענדיקונג, דעם אָפּוועך קעגן דער אומלוסט. די שלינגען-סיבה: דאָס אָנגעפולט ווערן פון מויל און צוועק: דאָס געניסן פון ערנערונג, דאָס ניסן—סיבה: שאַרפער ריח עמפּפינדונג און צוועק: באַפרייען זיך פון אומענגענעמען לאַסט, אָפּוועך קעגן אומלוסט א. א. וו.

די אַלע רעפלעקס באַוועגונגען זענען פאַראַן אויך ביים דערוואַקסענעם, אָבער יענער קען זיי אַמאָל אויסמיידן ביי אַ אָנשטרענגונג פון ווילן (מ׳קאָן דערשטיקן אַ הוסט, פאַרמיידן אַ געניץ וכדומה), דאָס נייגעבוירענע קינד, ביי וועלכן ס׳קען נאָך קיין רייד אפילו נישט זיין וועגן באַוואוסטזיניקער אנשטרענגונג בכלל און וועגן ווילן-אנשטרענגונג בפרט זענען די אַלע באַוועגונגען אַ מוז-זאַך.

די אָנפּאַסונג, אַלס צוועק, קומט אויך פאָר, ווי געזאָגט, אין אַ ריי רעפלעקסן. לאָמיר פון זיי דערמאָנען אַ באַוועגונג, וואָס איז באַקאַנט יעדן: דאָס צונויפדריקן דאָס הענטל (און צום באַוואונדערן ווי פעסט) ביים באַרירן עס מיט אַ פינגער אָדער מיט אַן׳אַנדער געגנשטאַנד.

דאס קינד איז אַלזאָ שוין בכוח ארומצוכאפן און לאַנג אויפצוהאַלטן, וואס ס׳קומט אים אין הענטל אַריין.

וואס ס׳דארף געזאגט ווערן וועגן ביידע דערמאָנטע גרופן פון באַוועגונגען, וועגן אימפּולסיווע און רעפלעקטאָרישע צוזאַמען, איז דאס, אז זיי זענען אין אונטערשיד פון די ווייטער אויסגערעכנטע אנדערע באַוועגונגען, אינגאַנצן ירושה־באַוועגונגען. דאס קינד לערנט זיי נישט אויס נאָך זיין געבורט, נאר ברענגט זיי מיט זיך מיט זיין געבורט צוזאַמען. שוין די דאזיקע ירושה־באַוועגונגען פארדינען אונזער באַוואונדערונג. מיר זענען צו זיי אַזוי צוגעוואוינט, אַז אונז פאלט כלל נישט איין דער געדאַנק, וואס וואָלט געווען אָן אזעלכע באַוועגונגען?

אבער ס׳ איז גענוג שוין א טראַכט צו טוּן איבערדעם, כדי מזאָל פערשטיין זייער אומגעהויער גרויסע באַדייטונג פאַר דעם לעבן און אנטוויקלונג פון קינד.

נאך גרעסער אבער איז די באַדייטונג פון דער דריטער גרופּע באַוועגונגען, פון די אזויגערופענע אינסטינקט־באַוועגונגען

אינסטינקט־באַוועגונגען האָבן נאך אין אַסך אַ קלערערער און אויסגעשפּראכענער פארם זייער סיבה און צוועק. דערביי איז דער צוועק, זייערער אַנ׳אויסערסט וויכטיקער. פון אים איז אָפּהענגיק די גאנצע עקזיסטענץ פון קינד, אָן אים וואָלט אוממעגלעך געווען זיך פארצושטעלן „וועלכע ס׳איז נישט אנטוויקלונג.

אינסטינקטן־באַוועגונגען קענען אמאָל זיך דאכטן אלס רעפלעקסן, אבער זיי טיילן זיך אפּ פון די לעצטע מייט זייער וועזנטלעכן אונטערשיידן. ערשטנס זענען די אינסטינקט־באַוועגונגען אַסך קאמפּליצירטער ווי די רעפלעקסן, צווייטנס זענען זיי שוין נישט קיין זאך פון ירושה, ווי די רעפלעקסן, זיי געהערן שוין נישט צום פּאַרטיקן באגאזש, וואָס דאָס קינד ברענגט מיט זיך, נאָר נעמען זיך דוקא פון לערנען, פון דערפארונג.

די אינסטינק־באַוועגונגען זענען, אזוי ארום, באזונדערס אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר די ערשטע לעקציע.

וואס דער יונגער תּלמיד, דאס קינד, באקומט און מ׳דארף מודה זיין, מיט גרויס דערפאָלג, הלואי אויף ווייטער, אין דער שול שוין, כאטש אַ צענטל פון דעם דערפאלג! — פון לעבן.

די אינטערעסאנטסטע און וויכטיקסטע צווישן די אינסטינקט באַוועגונגען, איז דאָס זויגן. ס׳איז דאָך באמת איינער פון די גרעסטע וואונדער, וואָס מ׳קען זיך נאָר פארשטעלן (מיר זענען, ווי געזאָגט, שוין צו דעם צוגעוואוינט, אז מיר טראַכטן נישט אפילו וועגן דעם): אט ווערט געבוירן אַ

קינד, אַ אומבאַהאָלפן נפשל ווי ערגער קען נישט געבן, האָט קיין מינדעסטע דערפאַרונג נישט פאַר דער נייער וועלט און דאַך, ווי מ׳לעגט אים נאָר צו צו דער מוטערס ברוסט, צום קוואַל פון זיין לעבן און עקזיסטענץ, הייבט ער אָן תיכף צו באַוועגן מיט די ליפּלעך. כאַפּט אַריין די ברוסט אין מיילכל און — ער זויגט שוין, — זויגט און שלינגט, זויגט און שלינגט, קוקט זיך נאָר צו און גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון ווי שווער און ווי קאָמפּליצירט די זויג־באַוועגונגען דאַרפן זיין, כדי זיי זאָלן זייער צוועק דערגרייכן: די ליפּעלעך מוזן טרעפן נישט צו דער ברוסט סתם, נאָר דווקא צום מיילכל פון ברוסט (דאָס געלינגט, אמת, ערשט שפּעטער אין עטלעכע טעג אַרום), די ליפּן מוזן דאָס דאַזיקע מיילכל אײַנגאַנצן אומשליסן ס׳זאָל נישט בלייבן קיין פרייער שפּעלטעלע פאַר אַ צופלוס פון לופט, די מוסקולן מוזן רעגלמעסיק אַרבעטן, נישט איבעררייסן פאַר דער צייט פון אַראָפּשלינגען (אַ צי די ברוסט און אַראָפּגעשלינגען, אַ צי און ווידער אַראָפּגעשלינגען) א. א. וו. מיר באַציען זיך מיט נישט פאָרדינטער גרינגשעצונג צו די קענטעניסן פון קינד בכלל און כפל־כפלים צו די קענטעניסן פון גאָר קליינעם קינד, פון זויג־קינד. אזוי זאָלן מיר אַמאָל אָפּן און אויפריכטיק זיך אַליין זאָגן. צי זענען מיר, די דערוואַקסענע, די „כל יכלס״ בכח מיט אַמאָל אזוי פיל שווערע און וויכטיקע קענטעניסן צו דערגרייכן? ווען מיר זאָלן זיך בעסער צוקוקן צום קינדס זויגן, וועלן מיר מוזן ערשטוינט ווערן און וועלן אפילו אויסגעפינען דאָס וועט, באַטירלעך, זיין אַ טעות — סימנים פון באַוואוסטזיין, אויף אַזוי פיל צוועקמעסיק קומען דאָ פאָר אַלע באַוועגונגען.

ווען דאָס קינד איז הונגעריק זוכט ער די ברוסט, באַמיט ער זיך מיט אַלע כחות די ברוסט צו געפינען. איז ער אָבער נישט הונגעריק וועט ער נ י ש ט ז ו י ג ן און ווען ער האָט שוין אפילו די ברוסט אין מויל, לאָזט ער זי צוריק אַרויס ווי נאָר ער ווערט זאַט, ווי נאָר ער באַקומט די נייטיקע כחות פון דערנערונג. נישט פון אַלץ זויגט דאָס קינד, נישט אין אַלע פאַלן אפילו דאַן, ווען ער איז הונגעריק.

כ׳האָב שוין אויבן דערמאָנט, אַז פון אַן אויסגעשמירטער מיט אַ שאַרפן זאַלב ברוסט זויגט דאָס קינד נ י ש ט. די מילך (אַלץ איינס צי אין דער מוטער־ברוסט צי אין פלעשל) מוז אַנטשפּרעכן געוויסע באַדינגונגען, כדי דאָס קינד זאָל זיך פון איר נישט אָפּזאָגן, ווען ער איז אפילו הונגעריק. אזוי דאַרף די מילך זיין נישט צוהייס און נישט צוקאַלט, נישט צו זיס א. א. וו. דאָס זויגלינג איז שוין, אַלזא, נישט סתם קיין געברויכער פון שפּייז, נאָר אַ געברויכער מיט פאָדערונגען, ער מוז האָבן זיין באַשטימטע מעניו. אַנדערש איז ער אויף אזוי פיל „גרויסמוטיק״, אַז ער זאָגט זיך אָפּ אינ־

גאנצן פֿון אויפֿנעמען די דערנערונג. די דאָזיקע מערקווירדיקע „איבערקלייבעריי" פֿון זויגלינג איז העכסט צוועקמעסיק. בכלל איז דאָס זויגן אַזאַ מין באַוועגונג (ריכטיקער אַריי פֿון באַוועגונגען), וועלכע רופֿט ארויס און מוז ארויסרופֿן אומגעהויערע פֿארוואונדערונג. אזוי, למשל, רופֿט אַרויס מיט באַגייסטערונג איינער פֿון די פֿארדינסטפֿולסטע פֿארשער פֿון קליינקינד „פּרייער": „פֿון אַלע באַוועגונגען ביים זויג-קינד איז קיין איינע נישט אַזוי פֿולקאָם פֿון אנהייב, ווי די יעניקע, פֿון וועלכע ער האָט באַקומען זיין נאמען" (ד. ה. דאָס זויגן).

אויסער דעם זויגן, געהערן צו די אינסטינקט-באַוועגונגען, צווישן אַנדערע, נאָך די צווענדונג באַוועגונגען *): דאס קערן זיך מיטן גאנצן קערפּערל מיטן קעפּל צו די געגנשטאַנדן, וועלכע רעגן אויף זיינע חושים (קלינגענדיק גלעקל, שטארקער ליכט א. א. וו.) בכלל אָבער איז דאס מענטשנקינד אַסך אָרעמער מיט אינסטינקטן ווי דאָס חיה-קינד. און פֿון דעם נעמט זיך, אגב דאָס, וואס דאס מענטשנקינד איז מער אומבאהאָלפֿן, ווי דאס חיה-קינד, וואָס די מענטשלעכער קינדהייט דויערט אַסך לענגער ווי ביי אנדערע חיות.

זייער וויכטיק און שוין א סימן פֿון גרויסע נצחונות אין דער גייסטיקער אנטוויקלונג איז די פּערטע גרופּע פֿון באַוועגונגען, די אזוי גערופֿענע אויסדרוק-באַוועגונגען. דאָס זענען שוין באַוועגונגען פֿון א העכערן גראַד. זיי קומען נישט בלויז צו רעאגירן סתם אויף אויסערלעכע ערדעגונגען, זיי האבן שוין נישט אלס צוועק די עלעמענטארע באַפֿרידיקונג פֿון באדערפֿעניש, נאר האָבן שוין דעם העכסטן צוועק צו באַקאַנען די ארומיקע מיט דעם אינהאלט פֿון זיינע איינדרוקן. די אלע פֿריערדיקע באַוועגונגען זענען, אזוי צו זאָגן, א קבלת-פּנים מצד דעם קינד פֿאַר די געזאַנדטע פֿון פֿרעמדע מלוכות ביי זיך, די אויסדרוקס-באַוועגונגען זענען שוין די ערשטע אייגענע געזאַנדטע ארויסגעשיקט און באַשטימט פֿאַר דער פֿרעמדער וועלט מלוכה פֿון זיך.

די אויסדרוקס-באַוועגונגען זענען רעאַקציעס אויף צוויי מינים איינדרוקן פֿון לוסט און אומלוסט, און דעריבער זענען פֿאַרשיידן, לויט זייער באַפֿאַרבונג, פֿאַראַן צווישן זיי פֿריילעכע, פֿאַראַן אויך טרויעריקע.

לאמיר פֿון די אויסדרוקס-באַוועגונגען אנרופֿן, די מינעלעך אויפֿן פּנים פֿון נייגעבוירענעם (אין 2-3-טן חודש בערך), וועלכע רופֿן ביי אונז געוויינלעך ארויס אַזאַ אנטציקונג („דאס קינד מאַכט שוין א מינעלע"!), די גרימאַסעלעך פֿון אומצופֿרידנהייט, דאס לאַכן (נאָך די ערשטע וואכן), דאס

*) ביי סטערן הייסן זיי Hinwendungs-Instinkt

וויינען (מיט טרערן אין אונטערשיד פון ערשטן וויינען), פון ערשטן „שרייען" ביים געבוירן ווערן, וואס איז אַ וויינען אָן טרערן) א. א. וו.

וואס איז נוגע דער פאַרטיילונג פון די אַלע אויסגערעכנטע גרופן פון באַוועגונגען אויף געבוירענע און געוואָרענע, אויף געבראַכטע מיט זיך און באַקומענע ערשט שפּעטער פאַר זיך דאַרף צום סוף באַמערקט ווערן פאָלגנדיקעס:

זיי זענען אייגנטלעך אַלע איינגעבוירענע. ס'איז בלויז אַ אונטערשיד אין דעם, צי זיי זענען נאָר איינגעבוירן אדער אויך איינגעבוירן, ד. ה. צי זענען זיי איינגאַנצן, ווי זיי אַנטפּלעקן זיך פאר אונז, אזאך פון ירושה אדער זיי אנטפּלעקן זיך פאר אונז שוין אין אַ געענדערטער פאָרם, אין דער פאָרם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ צוגאב פון געוואָרענעם צום געבוירענעם, אַ צומיש פון דעם, וואָס מ'האָט באַקומען שוין פון אויסן צו דעם, וואָס מ'האט געבראַכט מיט זיך פון אינערן.

ריין—געבוירענע באַוועגונגען זענען, ווי געזאָגט, די ערשטע צוויי גרופן: די אימפּולסיווע און רעפלעקטאָרישע באוועגונגען. די צוויי אַנדערע גרופן: די אינסטינקטן און אויסדרוקס-באוועגונגען זענען געבוירענע בלויז לויט זייער ערשטן אָנהייב און געוואָרענע אין זייער ווייטערדיקער אַנטפּלעקונג.

ס'דאַרף נאך אויך צוגעגעבן ווערן די אַלגעמיינע באַמערקונג, אַז נישט ביי אַלע קינדער אָן אויסנאַם אנטשטייען די אַלע באַוועגונגען אין דער זעלביקער צייט און אין דעמזעלביקן סדר.

זיי זענען ביי באַזונדערע קינדער פארשיידן. דאס קען גענוי פעסטשטעלן און קלאָר מאַכן פאר זיך יעדע מוטער פון עטלעכע קינדער. יעדעס קינד ווייזט אַרויס די באוועגונגען אין אַ גאַנץ אנדער צייט - אַפּלויף ווי אויך אין אַ גאַנץ אַנדערן סדר.

די אַלע באַוועגונגען זענען אָבער ביי אלע קינדער — פריער צי שפּעטער — פאַראַן און ביי אַלע קינדער שפּילן זיי אַ אומגעהויער גרויסע ראָל אין זייער פיזיאָלאָגישער און גייסטיקער אנטוויקלונג!

קאַפּיטל VI

מיט וואָס קומט אַריין דאָס קינד אין זיין צווייטן לעבנסיאָר?

מיט וואָס קומט אַריין דאָס קינד אין זיין צווייטן לעבנס יאָר? איבער וואָס פאַר אַ שוין דורכגענומענע — און גוט דורכגענומענע־מסכתא פון לעבן, פייערט דאָס קינד זיין „סיום" ביים שלוס פון זיין ערשטן יאָר, ביי זיין צווייטן געבורטס־טאָג? ס׳זענען נישט בלויז ווערטער פון מליצה: דורכגענומענע „מסכתא" און „סיום". דאָס ערשטע יאָר פון קינד איז באמת אַ שווער און וויכטיק שטיקל תורה, און אין ווייטערדיקן לעבן פון קינד און זיין אַנטוויקלונג האָט דאָס דאָזיקע ערשטע יאָר אַ אַנטשיידנדיקע באַדייטונג.

„כל התחלות קשות" — דער כלל איז באַזונדערס ריכטיק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ שווערן און אויסערסט־וויכטיקן ענין, ווי די מענטשלעכע אַנטוויקלונג.

די פעסטקייט פון אויפגעשטעלטן בנין ווענדעט זיך אינגאַנצן פון דעם, ווי אַזוי און דורך וועמען דער פונדאַמענט איז געלייגט. דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער ווייטערדיקער קינדהייט איז דאָס ערשטע יאָר פון קינד, און דעריבער איז פאַר אונז זייער וויכטיק יעדעס שטיינדעלע, פון וועלכן דערדאָזיקער פונדאַמענט ווערט אויפגעשטעלט, דעריבער באַקומט פאַר אונז אַ באַזונדערס גרויסע באַדייטונג יעדע קליינע דערגרייכונג, וואָס מיר קענען אין משך פון דעמדאָזיקן ערשטן יאָר פון קינדס לעבן פאַרצייכענען און נאָך וויכטיקער איז דאָס, ווי אַזוי מיר העלפן

מיט דעם קינדס אַנטוויקלונג אין דער צייט, ווי אַזוי מיר העלפן בויען דעם פונדאַמענט פאַר דעם בנין.

פאַר אונז דערוואַקסענע און שוין פאַרטיקע מענטשן קענען זיך אַמאָל אַסך איינצלהייטן אין דעם לעבן פון קליינעם נאך נישט פאַרטיקן מענטשן, פון קינד אויסדוכטן אַלס „נישט וויכטיקע קלייניקייטן". אַזאַ באַציונג פון ביטול קען אויך האָבן אַ ריזיקע געביידע צו די רושטאָוואַניעס פון אַ בנין, וועלכער הויבט זיך ערשט אָן צו בויען.

מיר דאַרפן אבער שטענדיק געדענקען.

מיר דאַרפן מיט אונזער מאָס נישט מעסטן דאס קינד און זיין אַנטוויקלונג, ווען מיר נעמען זיך אורטיילן וועגן דעם קינדס דערגרייכונגען, דאַרפן מיר — ווי ווייט ס'איז מעגלעך — קודם כל אַרויסגיין פון זיינע באַדינגונגען, פון קינדס ספּעציפישע באַדינגונגען און מעגלעכקייטן.

פונקט אַזוי ווי מ'קען נישט און מ'טאָר נישט משפּטן וועגן אַן אַלטער פון אונז ווייטשטייענדיקער היסטאָרישער עפּאָכע, מיט די באַגריפן און פּאָדערונגען פון אונזער היינטיקן טאָג, נאָר מוזן אומבאַדינגט האָבן דאָס, וואָס ס'הייסט אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, מוזן, אַלזאָ, זיך שטעלן אין קרייז פון די באַגריפן און פּאָדערונגען, בויטן און מעגלעכקייטן גראַד פון יענער עפּאָכע וועלכע מיר משפּטן, פּונקט אזוי און פיל נאָך מער מוזן מיר צום קינד צוגיין נישט מיט אונזערע מאָסן, מאסן פון פאַרטיקע מענטשן, נאָר מיט זיינע אייגענע מאָסן, מאָסן פון נאָך נישט פאַרטיקן, ערשט פאַרטיקווערנדיקן קליינעם מענטשן.

מיר מאַכן אַלע גרויסע פעלערן אין דעם פּרט, מיר שטעלן אָפט אַרויס אויף די אַטעסטאַטן וועגן קינדס אַנטוויקלונג בפירוש פאַלשע, נישט פאַרדינטע שלעכטע צענזורן (מיינונגען) נאָר דערפאַר, וואס מיר פאַרגעסן וועגן דעם הויפּט-כּלל:

אורטייל וועגן קינד נאָר אין די ראַמען פון זיינע אייגענע קינדערשע מעגלעכקייטן!

אונזער מאָס איז די מאָס פון הורטאַוניק, אַ מאָס פאַר גרויסע לענגען, אונזער וואָג איז אַ שווער עמפּפינדלעכע פאַר איידעלע געוויכטן, זי קען נאָר משאות, שווערע משאות באַצייכענען. און מ'טאָר נישט קומען מיט אַ וואָג און מאָס פון אַ הורטאַוניק, ווען מ'דאַרף אַן איידעלע עמפּפינדלעכע אַפּטייקער-וואָג פאַר קליינע, אָבער וויכטיקע געוויכטן.

אַזעלכע קליינע, פון אונזער געוויינלעכן שטאַנדפּונקט — און וויכטיקע געוויכטן זענען עס יענע אַלע דערגרייכונגען מיט וועלכע עס צייכנט זיך

אויס די פריסטע מענטשלעכע קינדהייט בכלל און דאָס ערשטע לעבנס־יאָר פון קינד בפרט.

פאַרוואָס ווערט דאָס ערשטע יאָר פון קינד אויסגעטיילט באַזונדער? ווייל ס'איז אין אַ געווויסן זין אַן אָפּגעשלאָסענער טייל אין דער פריסטער קינדהייט, ווייל אין משך פון אָט דעם ערשטן יאָר ווערן געשאַפן די אָנ־הייבן פון דעם, וואָס דאַרף און וועט אין דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג באַקומען זיין כסדרדיקע השלמה. אין דעם ערשטן יאָר ווערט אויסגעפורמעט יענער יסוד, וואָס מאַכט מעגלעך די ווייטער אַנטוויקלונג.

און דעריבער איז דאָס ערשטע יאָר אַזוי וויכטיק. כ'האָב שוין גע־זאָגט: דער צווייטער געבורטסטאָג פון קינד איז אַ „סיום" פון אַ דורכגענומענער מסכתא. ס'איז געווען אַ שווערע אומגעהויערע מסכתא: דאָס קינד איז דאָך געבוירן אַזוי אומבאַהאָלפן און אַזוי אומגרייט צום פאַר־שטייענדיקן לעבן, עס דאַרף און מוז די תורה פון לעבן, פון צופּאַסן זיך צום לעבן אָנהייבן פון ערשטן אַלף אָן. אָבער מ'דאַרף תיכף צוגעבן: דער ערשטער „סיום" איז אַ באַווייז פון גלענצנדיקע דערפאָלגן (הלואי וואָלטן אין ווייטערדיקן לעבן נישט קיין מינדערווערטיקע דערפאָלגן גע־ווען!).

און וואָלטן מיר געוואָלט דעם קינד ביי זיין ערשטן סיום אַנ'אַטעס־טאַט וועגן זיינע דעריגרייכטע קענטענישן געבן, וואָלטן מיר געמוזט אין דעם אַטעסטאַט בלויז צעגזורן פון „גוט" „אויסגעצייכנט" שטעלן. דער צווייטער געבורטס־טאָג פון קינד איז אַ „סיום", אַנ'אמתער סיום נאָך צוליב איין טעם:

אויף די אַלט־יידישלעכע סיום'ס פלעגט מען די דורכגענומענע מסכתא פאַרענדיקן מיט אַ „הדרן עלך", ד. ה. „מיר קערן זיך אום צוריק". אַ סיום פלעגט נישט באַדייטן אַ איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעטונענע אַרבעט, אַנ'אַרבעט, וואָס איז דערפירט צו איר פולשטענדיקייט, נאָר מער נישט דעם ערשטן טייל פון דער אַרבעט, אַ טייל, נאָך וועלכן ס'מוז און וועט קומען אַ המשך, אַ ווייטערע פאַרפולקומונג, אַ צוריקקער צו דער שוין איינמאָל דורכגענומענער מסכתא, כדי זי בעסער און טיפער צו לערנען, כדי די שוין באַקומענע קענטענישן נאָך מער צו פאַרברייטערן, נאָך מער צו פאַר־פולקאָמען. פּונקט דאָס זעלביקע איז מיטן ערשטן יאָר פון קינד.

דאס קינד באַקומט אין דעם יאָר אַ סך גרויסע און וויכטיקע קענטענישן. זיי זענען אָבער נאָך נישט פאַרענדיקט, זיי פאָדערן אַ ווייטערע פאַרפולקומונג און פאַרטיפונג. דאָס קינד באַקומט אין ערשטן יאָר אַ סך פון דעם, וואָס מאַכט אים בכלל מעגלעך די ווייטערע אַנטוויקלונג, ער באַקומט די ערשטע

און בייטיקסטע געצייג, מיט וועלכע ער וועט ערשט קענען בויען זיין ווייטערע וועלט.

די אַלע געביטן, אויף וועלכע מיר האָבן צו פאַרצייכענען דערפאָלגן פ״ש קינד אין זיין ערשטן לעבנס יאָר, וועלן אויך אין זיין שפּעטערן לעבן באַאַרבעט ווערן. אויף זיי וועלן נאָך אָפּגעהאַלטן ווערן גרעסערע פּאַרפּולקומענערע דערפאָלגן. דאָס קינד ענדיקט מיטן שלוס פון ערשטן יאָר אַ מסכתא און הויבט אָן מיטן צווייטן געבורטס-טאָג איבערצוחזרן, מיט מער טיפקייט, די זעלביקע מסכתא. לאָמיר זען מיט וואָס קומט דאס קינד אַריין אין זיין צווייטן לעבנס-יאָר. גענוג פאָרלויפיק אַ בלויזע אויסרעכנונג.

ער זעט שוין באמת די וועלט ארום זיך: איז שוין דורכויס פעיק צו מאַכן הארבעמוּנגען און אונטערשיידונגען אין דעם, וואס ס׳רינגלט אים ארום (ווען מיר זאָגן געוויינלעך נאך וועגן ערשט געבוירענעם קינד: „דאס קינד האָט דערזען צום ערשטן מאָל די וועלט״ איז עס פאַלש: דאָס נייגעבוירענע קינד זעט נאָך נישט, האט אָפענע אויגן און זעט פונדעסטוועגן גאָרנישט.

אַלזאָ: דאָס קינד הויבט אָן באַוואוסטזיניק אויפצופּאַסן דאס אַרומיקע און הויבט אָן צו זען די וועלט. ביי אים ווערן אַקטיוו אַלע זיינע חושים וועלכער פריער, וועלכער שפּעטער. ער קען שוין אָנכאַפּן מיט זיינע הענטלעך דאס, וואס ס׳איז אים נייטיק, קען אָפּשטויסן, וואס אים איז ווידערוויליק, קען רעאַגירן מיט פארשיידענע אופנים אויף לוסט און אומלוסט, קען אין אַ גרויסער מאָס אָפּשטעלן גוטס פון שלעכטס. ער קען שוין זיצן אָן אונטערשטיצונג, באַוועגן שוין דעם קאָפּ אויף רעכטס און לינקס גלייכמעסיק, באַהערשט אויך גלייכמעסיק זיינע אויגן, דערקענט די פּערזאָנען פון זיין אומגעבונג, דריקט אויס זיין בפירושע פאַרפרעמדקייט צו אומבאַקאַנטע ביי פערזאנען, פארמאָגט און דריקט אויף פארשידענע אופנים אויס זיין סימפּאטיע און ליבע צו איינע און זיין אַנטיפּאַטיע און אומצופרידנהייט מיט אנדערע, קען זיין פארוואונדערט דערשראָקן, דערפרייט (איבעראשונג — באדייט אמאָל פרייד און אמאָל שרעק, ס׳ווענדעט זיך אין די קאָנקרעטע סיבות, וועלכע רופן די דאזיקע איבערראַשונג ארויס), ער פאַרמאָגט אַ גרויסן אויסוואַל פון מימיק און זשעסטיקולאציע — אַ גאנצער אַרטיסט! און זיין מימיק און זשעסטיקולאציע האָט שוין אַזין. מ׳דארף עס נאָר קענען פארשטיין. באַנוצט זיך אויך מיט ארטיקולירטע קלאַנגען — די ערשטע אנזאגער פון דער שפּעטערדיקער שפּראך, האט שוין אין זיין לעקסיקאָן אפילו געוויסע ווערטער, פאַרמאָגט שוין אַ שטיקל זכרון, אָריענטירט זיך אין דער ערשטער, נאָך שוואַכער מאָס—אין רוים, אין שטח, פארמאָגט די ערשטע אָנהייבן פון אַריין געפיל ווי בושה, ליבע א. א. פארמאָגט אַ

זכרון, אן אייגענעם רצון, אינטערעס, אויפמערקזאַמקייט, באַזיצט אַ גרויסע דער־פאַרונג, שפּילט זיך מיט זיין אייגענעם בילד אין שפּיגל, קען בכלל שוין שפּילן און פאַרנעמען זיך מיט שפּילצייג (לייכטע שפּילן פאַרשטייט זיך), קען אַמאָל נישט נאָר דערקענען דער מאַמעס וויג־לידל, נאָר אפילו נאָכזאָגן, אונטערכאַפּן אַ שטיקל־נגון, א. א. וו. א. א. וו. יעדע טאַטע־מאַמע, וועו זיי זאָלן פירן אַ געגנויעם טאָגבוך פון זייער קינד אין משך פון ערשטן לעבנס יאָר, וואָלטן געוועו בכח, פאַרגלייכנדיק די ערשטע פאַרשרייבונג (אין די ערעטע טעג פון קינד, נאָך זיין געבורט) מיט די לעצטע פאַרשרייבונגען (צום סוף פון ערשטן יאָר), געקענט אויפשטעלן אַ גרויסע, זייער אַ גרויסע רשימה פון קענטעניש, פון דעראָבערטע פעיקייטן און די רשימה וואָלט זיי זיכער אַליין פאַרוואונדערט מיט איר אומדערוואַרטעטקייט און וואָלט זיי באַ־שיינפּערלעך דערוויזן, אַז זיי האָבן שוין איצט פאַר זיך אַ שטאַרקן בעל־פּעולה.

ס׳לוינט זיך אויף די פּעולות פון ערשטן יאָר אָפּשטעלן אויספיר־לעכער און מיט סדר.

וועגן צוויי פון וויכטיקע גרופּן־דערפּאָלגן האָבן מיר שוין אין פרי־ערדיקן בריוו געשריבן; וועגן דער גרופּע פון באַוועגונגען און וועגן דער אַנטוויקלונג פון די חושים: מיר האָבן דאָרטן אויך אָנגעוויזן, אַז סיי די באַוועגונגען סיי די חושים קענען פאַרצייכענען זייער ערשטע אַנטוויקלונגס־פּאַזע אין די 8—9 חדשים פון קינדס לעבן.

מ׳קאָן זאָגן אַז צווישן 6—9 חדשים באַהערשט דאָס קינד שוין אין אַ געוויסן גראַד און ווערט באַקאַנט מיט אַ ריי מיטלען, וועלכע זענען נויטיק, כּדי צו ווערן אין דער פרעמדער וועלט אַנ׳אייגענער מענטש, כּדי צו קענען זיין אַקטיוו אין לעבן.

מ׳דאַרף פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס קינד קומט צו זיינע דערגרייכונגען.

ס׳איז נייטיק צו הייבן אַנ׳אָנונג וועגן דעם, וואָס די וועלט שטעלט מיט זיך פאַר דעם קינד לכתחילה, נאָך זיין געבוירן, און וואָס זי ווערט פאַר אים שפּעטער.

יעדעס קינד איז אין דעם פּרט אַ „חוזר מעשי בראשית״, אַ וועלט באַשאַפער אין אמתן זין פון וואָרט.

פון אָנהויב אָן, נאָך דער געבורט איז די וועלט, די גרויסע און פרעמדע וועלט פאַר דעם קינד אַ תהו ובהו, איין גרויסער כאָאָס.

דאָס קינד זעט נישט, הערט נישט, נעמט נישט אויף בכלל קיין איינצלהייטן, נאָר אויף אים וואַרפט זיך אומברחמנות׳דיק שווער אַרויף דאָס גאַנצע מיט זיין לאַסט.

ערשט ביסלעכווייז ווערן זיינע חושים פעיק פונאנדערצוטיילן (די ערשטע גראָבע פונאנדערטיילונג) דאס גאנצע אויף איינצלהייטן, ארויסצו־כאַפּן פון גרויסן כאַאָס געוויסע קאָנקרעטע זאכן.

ס'ווערן פאר אים געשאַפן פון דאס ניי, ער שאפט זיי אליין מיט זיינע רייכער געייאָרענע חושים, דאס אַלעס, וואָס ס'בילדעט די טיילן פון דער ארומיקער וועלט. ס'ווערן געשאפן, טאג און נאכט, ליכטיקייט און פינסטערניש. פאר דעם קינד איז עס זיין לוסט און אומלוסט, דאס וואס ס'פארשאַפט אים גענוס, וואס באפרידיקט זיינע צוערשט ריין פיזיאָלאָגישע פאדערונגען און וואָס ס'שטעלט זיין עקזיסטענץ אין סכנה, וואס ס'פארשווערט זיין לעבן, וואָס ס'רופט ארויס זיין אָפּוועה, זיין פארטיידיקונג, ס'ווערן גע־שאפן: הימל און ערד—דעם קינדס ערשטער באגריף וועגן שטח, וועגן רוימ־לעכע באציונגען, זיין ערשטע צוגעוואוינהייט צום אייגענעם אָרט, צום בא־קאנטן צימער און די ערשטע אנטיפאטיע צו פרעמדע, אומבאַקאנטע ער־טער, ס'ווערן געשאפן פארשידענע חיות — דעם קינדס אויסטיילן און דערקענען זיינע נאָענטסטע, זיין צונייגונג צו דער מאמען, זיין שמייכלען צום טאטן און באקאַנטע מענטשן זיין אפנייגונג פון אומבאַקאַנטע א. א. וו.

כ'האָב די אַלע ביישפילן געבראכט נישט אין דעם כראָנאָלאגישן סדר פון זייער אנטשטיין, נאָר בלויז אַלס ביישפיל בכונה, זיך האַלטנדיק ביי די פאזן פון דער וועלט־באשרייבונג אין קאסמאָגאנישער לעגענדע.

ווייל צווישן ערשטן באַהעפטן זיך פון קינד צו דער אַרומיקער וועלט איז פאַראן אַזוי פיל ענלעכעס מיט דער קאָסמאגאנישער לעגענדע.

פאר דעם קינד ווערט זיין וועלט באַשאפן דורך אים אַליין, ביי זיין באטייליקונג, באשאַפן ביסלעכווייז, אַויסשיילנדיק זיך פון תהו ובהו און ווערנדיק אַלס מער קאָנקרעט.

און פונקט ווי אין דער קאָסמאגאָנישער לעגענדע אַזוי איז אויך ביים קינד. ווערט די וועלט נישט מיטאַמאָל באשאפן, נאָר ביסלעכווייז, טאָג נאָך טאָג, וואָך נאך וואָך, חודש נאך חודש. פריער ווערט פון כאַאָס ארויס־גענומען אין טייל, שפעטער אַ צווייטער, אַ דריטער א. א. וו.

ביסלעכווייז שאַפן זיך ביים קינד די ערשטע אסאָציאַציעס, די ערשטע בריקן צווישן פאַרשיידענע דערשיינונגען. ער האָט אַ געוויסע דערפאַרונג וועגן אַ צאָל געגנשטאַנדן מיט זייערע אייגנשאַפטן און קען פארשטיין, ווי אזוי און ווען מ'קען און מ'דארף די אַלע געגנשטאנדן פאַרבינדן, שטעלן אין זייער קעגנזייטיקער שייכות.

ער האָט שוין אַגרויסע באקאַנטשאפט געשלאָסן מיט דער רייכער

וועלט און קען שוין זיך אביסל אָריענטירן אין דער מענגע פון זיינע באַקאַנטע און זיי אויסנוצן צו זיין גונסט.

ער מאַכט שוין אפילו נאָך געוויסע אים באַקאַנטע געגנשטאַנדן (מענטשן זעען פאר דעם קינד אויך געגנשטאַנדן) און דערשיינונגען. די נאָכמאַכונג, וואָס איז דער יסוד פאַר אנטוויקלונג איז שוין אין ערשטן יאָר פון קינדס לעבן פארטראַטן און נישט אין אַ קליינער מאָס.

וואס הייסט די ערשטע נאָכמאכונג ביים קינד? דאָס ווילן אויסנוצן דאס גינסטיקע אין אַרומיקן לעבן אויף דעם אקטיווסטן אופן, איבערפירן די אַלע גינסטיקע און נייטיקע אייגנשאַפטן פון פרעמדן און אייגענעם באַזיץ, דער העכטער, אַלזאָ אויסדרוק פון דערפאַרונג, די ערשטע אנטפּלעקונג פון נאַטירלעכן דראַנג צום אייגנטום.

ביי דעם אַלעמען מוז מען אָבער שוין האבן זכרון. מ'דארף דאָך קענען מיט דער הילף פון זכרון פארבינדן דאָס פריער איבערגעלעבטע מיט דעם שפּעטערן פארזוך נאָכצומאַכן. ס'דאַרפן דאָך די אַלע פון פריער געמאכטע דערפארונגען נישט גיין פארלוירן.

און די אנטוויקלונג פון זכרון גייט טאקע אין ערשטן יאָר פון קינד מיט שנעלע טריט פאָרויס.

דערקענען באַנטע מענטשן, אין דער ערשטער ריי: דער מאַמען, איז שוין אַן אַרבעט פון טעטיק געוואָרענעם זכרון, דאָס קינד רעאַגירט שוין אין מיטן פון זיין ערשטן יאָר, אויף אָנרופן אים ביים נאָמען: ער געדענקט ווי מ'רופט אים. די גאַנצע ריי פון איבונגען, פון פאר רעפּעטיציעס, אַזוי צו זאָגן, איידער דאָס קינד לערנט זיך אויס זעלבסטשטענדיק צו זיצן קומט אויך פאָר נאר מיט דער הילף פון זכרון: אים פארקלערט אין זיין ערינערונג דער אויפטו פון ערשטן פרואוו, די ערשטע פעולה, כדי ער זאָל זיין פארשפּאָרט פון דורצומאכן דעמזעלביקן פרואוו נאָכאַמאָל, כדי ער זאָל קענען שוין מחדש זיין עפּעס נייעס.

ביים קינד אַנטוויקלט זיך און קומט אלץ מער צום אויסדרוק אויך אַ גאנצע שורה פון געפילן, אינערלעכע געפילן ס'הייבט זיך שוין אָן ביי אים, ווי ס'הייסט אין דער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך, אַ שטארק טעטיק עמיציאָנעל לעבן

דער ערשטער אין דערדאָזיקער ריי פון געפילן שטייט דאָס געפיל פון שרעק, פון שרעקן זיך. ס'איז אַ מחלוקה צווישן די פּסיכאָלאָגן, צי איז שרעק, אין זיין אָנהויב, אין זיין תוך אַ זאַך פון ירושה אָדער פון שפּעטערער אַנטוויקלונג, צי איז דאָס אַ זאַך אַ געבוירענע צי אַ געוואָרענע. ס'איז אָבער קיין ספק נישטאָ, אז שפּעטער איז שרעק זיכער אַ באַוויז

פון אַנטוויקלונג, אַ ראיה צו דורכגעמאַכטער דערפאַרונג. מ׳קען זיך שרעקן, אַלנפאַלס: שטאַרקער שרעקן נאָר פּאָר זאַכן, וועלכע מ׳האָט שוין פריער קענען געלערנט, אַז זיי ברענגען אַ סכנה. ס׳איז איבריק צו ברענגען ביישפּילן פון שרעק ביי קינדער שוין אין ערשטן יאָר: אַזעלכע ביישפּילן ווייסט יעדע טאַטע-מאַמע איבערגענוג. מ׳דאַרף נאָר, דרך אַגב, צוגעבן, אַז אין דעם פּרט זענען נישט אומשולדיק טאַטע-מאַמע אַליין און די אַרומיקע מענטשן בכלל דורך פאַלשע, נישט צוועקמעסיקע מיטלען פאַרשטאַרקט מען אַמאָל דאָס אומגעזונטע שרעקן זיך פון קינד. אַזאַ פאַרשפּרייטער למשל מיטל ווי זען ווירקן, אַז דאָס קינד זאָל גיכער איינשלאָפן דורך אַ שטאַרקן „בו-ו״ — טוט אייגנטלעך נישט אַנדערש אויף ווי דאָס, וואָס ער העלפט מיט דער אומגעזונטער אַנטוויקלונג פון שרעקן זיך ביים קינד.

(איינשלאָפן וועט דאָס קינד אונטערן „בו-ו״ אפשר נישט, ווייל ער ווערט צו אים געוואוינט און ער ווירקט שוין נישט שפּעטער, ווי צום ערשטן מאָל. אויסלערנען זיך אָבער צו שרעקן וועט דאָס קינד פון דעמדאָזיקן „בו-ו״ יאָ).

ס׳איז ביים קינד צו מערקן אויך די אַנטוויקלונג פון צאָרן-געפיל. אַ סך פּסיכאָלאָגן, למשל, סיקאָרסקע, האַלטן אַפילו, אַז דערדאָזיקער צאָרן-געפיל איז אַמשטאַרקסטן אַנטוויקלט אין ערשטן יאָר. פּרוּווט זיך „רייצן״ מיטן קינד (דאָס טוען דאָך „ליבנדיקע״ טאַטע-מאַמע אַזוי אָפט צוליב פאַר-געניגן וועגן, צוליב זייער פאַרגעניגן און צייט פאַרטרייב!) און איר וועט בפירוש דערזען אַ אויסדרוק פון צאָרן ביים קינד. מ׳זעט אויך — אין דער ערשטער, פּרימיטיוווסטער פאָרם, פאַרשטייט זיך — געפילן פון ליבע און שנאה, ריכטיקער פון צוטרוי און אומצוטרוי. אייניקע מענטשן האָט דאָס קינד גערן, אַנדערע—נישט. גענוג, אַז ס׳זאָל צוגיין דער „אומבאַליב-טער״, ווי דאָס קינד קערט זיך אָפּ, הויבט אָן צו וויינען, צו פּראָטעסטירן מיט אַלע זיינע שוואַכע כּוחות און מעגלעכקייטן. די אַלע, אויף וועמנס גרול ס׳פאַלט אויס דעם קינדס אומצוטרוי, זענען אָפט פון דעם שטאַרק געקרענקט זיי פאַרשטייען אָבער נישט, אַז זיי אַליין זענען שולדיק אין דעם קינדס אומצוטרוי-באַציונג. זיי האָבן אַמאָל דעם קינד פאַרשאַפט עפּעס אומ-אַנגענעמעס און ער „האַלט אויף זיי האַרץ (ווידער אַלזאַ אַ באַוויז פון טעטיקן זכרון און דערפאַרונג).

פאַראַן שוין אויך אַ אָנהייב פון בושה-געפיל (ענדגילטיק ווערט דאָס דאָזיקע געפיל אויסגעבילדעט ערשט צום סוף פון דריטן לעבנס-יאָר).

שוין נאָכן 6—7 חודש איז דאָס קינד זייער עפּפינדלעך „צום אַנדערן זיין כבוד״. ער איז אַזוי צוגעוואוינט און בייטיקט זיך אַזוי שטאַרק נאָר אין

צערטלעכקייטן, אין אויפמערקזאמען באנעמען זיך מיט אים אז יעדע ענדערונג אין דעם פּרט, יעדע ווענדונג מיט א שטרענגן קול, קען ער נאָר שאַרף רעאגירן. ס'איז שוין דער אנהייב, ווי געזאָגט, פון בושה־געפיל. א געשריי פון דער מאַמען למשל, ווירקט אויף דעם קינד אַ סך ווייניקער, ווי דער געשריי פון אַ פרעמדן, פון א ווייניקער באַנטן מענטשן. און שוין אין דעם איז צו זען דעם סוד פון בושה אין קינדס רעאגירן:

פאַר אַ נאַנטערן מענטשן שעמט מען זיך ווייניקער, ווי פאַר אַ פרעמדן (אזוי איז עס דאך אויך ביי דערוואַקסענע, בנוגע אמתער בושה).

ס'דאַרף באַזונדערס אויסגעטיילט ווערן די גרויסע, אַלגעמיינע דער־גרייכונג, פון וועלכער ס'זענען באדינגט און אָפּהענגיק אַ סך פון די איינ־צלנע פאַרשריטן אין לעבנס־יאָר פון קינד, דאָס איז די פאַרשטאַרקונג פון קינדס אַקטיוויטעט.

ווען מ'זאל גוט באַקוקן דעם קינדס אַנטוויקלונג, פון ערשטן געבורטס טאג אָן, וועט מען באשיינפּערלעך זען, ווי עס האַלט אין איין וואקסן, אין איין פאַרגרעסערן זיך, סיי אין כמות, סיי אין איכות, די אקטיוויטעט פון קינד. ס'איז זייער וויכטיק אויף די כמות פון דערדאָזיקער פאַרגרעסערונג: דאָס, וואס ס'קומען צו אַלץ נייע און נייע פּסיכישע געביטן, אויף וועלכע ס'טרעט ארויס די קינדערשע באַטעטיקונג, די קינדערשע אקטיוויטעט, ס'איז אָבער נאך א סך וויכטיקער און באלערנדיקער די וואַקסנדיקע איכות פון דערדאָזיקער אקטיוויטעט. דאָס וואָס אין איר קומט אַלץ מער און מער צו דער רוח־חיים פון פּסיכישן באוואוסטזיין, וואס די איינצלנע געביטן און פאַרמען פון דער פאַרשטאַרקטער אקטיוויטעט ווערן אַלץ מער באַלויכטן מיט דעם הוילן ליכט פון פּסיכאָלאָגישן זען. איינער פון די באַדייטנדסטע קינדער פּסיכאָלאָגן וויליאַם שטערן כאַראַקטעריזירט די אָנגעוויזענע דערגרייכונג אויף דעם געביט פון פאַרשטאַרקטער אקטיוויטעט אין ערשטן לעבנס־יאָר פון קינד אויף אַזא אופן!

פון אַ „פּעריפערישער" ווערט די אַקטיוויטעט אַלץ מער אַ „צענטראַלע", פון אַ ריין אויסערלעכע — אַלץ מער אַ אינערלעכע. פריער, אין די ערשטע טעג פון קינדס־לעבן, זענען אלע זיינע קנאַפּע מיטלען פון אקטיוויטעט (ערשטע באַוועגונגען א. א.) נאר מעכאַניש, נאָר ארויסגערופען פון אויסער־לעכן רייצן, זיי זענען נאך באדינגט פון פיזיאָלאָגישע סיבות און פאַקטאָרן, און ערשט שפּעטער קומט פאַר דער גרויסער תיקון, די גרויסע פאַרפולקומונג, וואָס זיי, די אַלע אויסדרוקן פון אַקטיוויטעט ווערן באַהויכט פון אינערלעכן פּסיכישן איינהאלט וואס זיי ווערן פון פיזיאָלאָגי־שע אין פּסיכישע פאַרוואַנדלט.

יענער מאַטאר, פון וועלכן ס'איז, ווי געזאָגט, אָפּהענגיק די גאַנצע טעטיקייט פון דער העכסט קאָמפּליצירטער פּסיכישער פאַבריק ביים מענטשן, דער מארך, ווערט אַלץ מער, פון זיינע פריערדיקע פארייניצלטע און נישט פאַרבונדענע טיילן, אויפגעשרויפט און פארייניקט אין זיין גאַנצקייט, ער באַקומט אַלץ מער און מער זיינע מערערע פונקציאָנס-פעיקייטן.

און וואס מער דער מאַטאָר ווערט אין אָרדנונג געבראַכט, אַלץ שטאַרקער ווערט די אַרבעט פון דער גאַנצער פאבריק, אַלץ מער און צוועק-מעסיקער ווערט די פ ס י כ י ש ע א ק ט י וו י ט ע ט.

דאָס קינד ווערט אין משך פון זיין ערשטן לעבנס-יאָר, אַלץ מער און מער מענטש, ער דערנענטערט זיך מיט פילע טריט צו דעם אַלעמען וואָס ס'בילדעט דעם פארמעגן, דעם גייסטיקן אינווענטאַר פון פארטיקן שוין אויסגעפארמירטן מענטשן און די בעסטע ראיה צו דער דאָזיקער דערנענטערונג צו דער אָנגעהויבענער אומוואנדלונג אין דערוואקסענעם איז די נ אָ כ מ א כ ו נ ג.

שוין אין זיין ערשטן לעבנס יאָר זעען מיר בפירוש, ווי אזוי דאָס קינד מ אַ כ ט נ אָ ך, באמיט זיך נאָכצומאכן דעם דערוואַקסענעם מענטשן, די אַלע דערוואקסענע, וועלכע ער קען אמנאָנטסטן און אַמבעסטן, יענע דער-וואקסענע, וואס רינגלען אים ארום, אין דערשטער ריי, פארשטייט זיך, טאטע-מאמע (מאמע פאר דעם טאטן).

וואס פאַר א גרויסע באדייטונג די נאָכמאכונג האט פאר דער פּסיכישער אנטוויקלונג פון קינד, גלויב איך איז איבעריק צו דערוויזן. ווען נישט די נאכמאכונג וואָלט דאס קינד געמוזט פאַרבלייבן אָפּגעשטאַנען אין זיין גייסטי-קער אַנטוויקלונג, וואלט זיין קינדהייט זיך זייער לאַנג פארצויגן. „אָן דער נאכמאכונג, זאָגט איין געלערנטער, וואָלט דער מענטש, נאך דעם אויסלעבן אלע זיינע יאָרן, פון דער וועלט אַוועק פונקט אזוי ווי ער איז אויף דער וועלט געקומען. א מענטש וואָלט נישט נאר ג ע ב ו י ר ן געוואָרן אלס קינד, נאר וואלט אויך ג ע ש ט א ר ב ן אלס קינד". דאס וויזנטלעכע אין דער נאכ-מאכונג איז דאס, וואָס זי פ א ר ש פ א ר ט א נ ש ט ר ע נ ג ו נ ג ע ן, וואס זי שאפט אין דערווירקלעכקייט די מעגלעכקייט פאר דעם נס פון „קפיצת-הדרך", וואס זי פארשנעלערט די ג יי ס ט י ק ע א נ ט וו י ק ל ו נ ג. די נאכמאכונג העלפט מיט איבערצונעמען פארטיקע קענטענישן און דורכדעם פאלט אראָפּ די שווערע לאַסט פון אַלץ דורכמאַכן און דערגרייכן מיט אייגענער דער-פארונג.

און ווי שווער וואָלט געווען אזא לאסט פון דערפארונג, פון אום-מיטלבאַרן דורכמאַכן אַלץ אליין, פון אָנהויב אָן, אויף די שוואַכע, נאָך נישט צוגעוואוינטע פּלייצעס פון קליינעם קינד!

ער וואָלט אונטער דער לאַסט געפאַלן, ער וואָלט אַלנפאַלס ווייט נישט אַוועק
אין זיין אַנטוויקלונג, ער וואָלט לאַנג, לאַנג געבליבן שטיין אויף אַן אָרט.

עטלעכע ביישפּילן צו דעם, ווי מיר זעען בולט די גוטסווענדיקע מיט־
הילף פון דער נאָכמאַכונג שוין אין ערשטן יאָר פון קינדס לעבן. דעם אָנ־
הויב פון נאָכמאַכן ביים קינד זעען מיר שוין צום סוף פון 3־טן חודש. און
וואָס ווייטער אַלץ אָפטער און בולטער ווערן די אַנטפּלעקונגען פון נאָכמאַ־
כונג ביים קינד. דאָס קינד כאַפּט אונטער דעם „אַ—אַ—אַ“ פון דער מאַמעס
איינשלעפערונגס־לידל, ער ווערט ווי אַ באַהעלפערל צו זיין ערשטן ליבן חזן,
זיין מאַמע. ער פּרוּווט מיט זיינע קליינע מעגלעכקייטן נאָכצומאַכן די גע־
הערטע קלאַנגען: „קלינגט אַ גלעקל, רוישט דאָס קלאַפּערל — די ערשטע
שפּיל־צייג וואָס מ'שענקט אים, באַוועגן זיך זיינע ליפּעלעך צוזאַמען מיטן
אויפגענומענעם קלינג און גערויש — ער וואָלט וועלן נאָכמאַכן, איבערחזרן
די דאָזיקע קלאַנגען. און דאָס, וואָס ס'איז אַלעמען אַזוי גוט באַקאַנט: די
„אַנשטעקנדיקע ווירקונג“, וואָס לאַכן אָדער וויינען האָט שוין אויף דעם גאָר
קליינעם קינד: ווען די שטוביקע לאַכן הילכיק — לאַכט דער קליינער נאָכ־
מאַכער מיט.

טאַטע־מאַמע טוען עס זייער אָפט: אַזוי ווי דאָס ערשטע קינדערשע
געלעכטערל פאַרשאַפט זיי נחת, איז פאַר זיי אַ גוטע פאַרווייַלונג (און מיט
רעכט: קיין זאַך קען זיך לויט איר הערלעכקייט נישט פאַרגלייכן מיט דעם
ערשטן קינדערשן געלעכטערל!), רופן זיי עס אַרויס מיט זייער אייגע־
נעם לאַכן, מיט זייער מוסטער.

און דאָס זעלביקע קומט אויך פאָר — ווען טאַטע־מאַמע ווילן עס שוין
דווקא נישט — מיט דעם וויינען. זאָל די מאַמע, ביי אַ שווערער איבערלע־
בונג, ביי אַ געטראָפענעם אומגליק, זיך פונאַנדערוויינען, און דאָס קליינע
קינד כאַפּט תּיכּף אונטער און כליפּעט זיך פונאַנדער.

דאָ איז נאָך, פאַרשטייט זיך, קיין באַוואוסטזיניקער מיטגעפיל נישט
פאַראַן, קיין אויסדרוק פון באַוואוסטזיניקער „השתתפות־בצער“, דא איז בלויז
ווידער די זעלביקע נאָכמאַכונג.

דאָס קליינע קינד איז, איינפאַך, אַ אָנפאַנגער — אַרטיסט, וועלכער
לערנט די ראָל, רעפּעטירט די ראָל, וועלכע אים וועט שפּעטער אויסקומען
צו שפּילן זעלבסטשטענדיק אויף דער לעבנס־בינע, לויט דעם, וואָס ער הערט
און באַקומט פון סופליאָר. און די נאָענטע מענטשן, טאַטע־מאַמע אין דער
ערשטער ריי — זענען עס טאַקע די סופליאָרן פאַר דעם רעפּעטירנדיקן
אַרטיסט, זיי ליפערן טאַקע כּסדר מוסטערן פאַר זיין נאָכמאַכונג. און דאָס
קינד מאַכט נאָך נישט בלויז אַנדערע, נאָר אויך זיך אַליין. ס'קומט

פאר ביי אים די אַזויגערופענע זעלבסטנאכמאַכונג, ווייל דאס קינד אין זיין פריסטער קינדהייט בכלל און אין זיין ערשטן לעבנס־יאר בפרט איז דאָך פאר זיך אליין נאך אויך אַן אַנדערער, ער האָט נאך נישט און קען נאך נישט האָבן די פארטיילונג פון „איך" און „נישט איך". ער אליין איז נאָך אין ערשטן בין־השמשות פון זיין באוואוסטזיין פונקט אזא געגנשטאנד, ווי אלע איבריקע וואס רינגלען אים ארום, מיט וועלכע ער קומט אין באַרירונג. (איך זאָג נישט: „פונקט אזא פרעמדער געגנשטאנד", ווייל אויך די אלע איבריקע, באמת פרעמדע, באַנאַנדערע געגנשטאנדן זענען דאך פאר אים נישט פרעמד. ער טיילט נאך בכלל נישט די וועלט אויף).

און ער מאַכט זיך אליין נאך, פונקט ווי ער מאכט נאך די געגנשטאנדן און מענטשן, וועלכע געפינען זיך אויסער אים.

מ׳קען מערקן שוין אין די ערשטע הדשים: א קינד מאכט איין מאָל שלא בכונה, ריין רעפלעקטאריש א געוויסע באוועגונג מיטן הענטל, מיטן פיסל א. א. וו. און שפעטער חזרט ער איבער די זעלביקע באוועגונג, אבער שוין בכונה, שוין מיט דעם בפירושן רצון נאָכצומאַכן, ווייל די סיבה וואס האָט דידאָזיקע באוועגונג צום ערשטן מאָל ארויסגערופן, איז דאָך שוין פארשוואונדן. און וואָס איז „דאס שפילן זיך" פון קינד מיט זיינע פיסלעך און הענטלעך ביים באָדן זיך? ווידעראַמאָל א נאכמאכן זיך אליין, די אייגענע באוועגונגען. שפעטער צום סוף פון ערשטן לעבנס־יאר קען מען עס נאָך באשיינפערלעכער זען ביי דעם אזוי גערופענעם „שפיגל בילד". א קינד דערזעט זיך אליין אין שפיגל און הויבט אָן נאָכצומאכן די באוועגונגען פון זיין אייגענער אפבילדונג (נישט איין שפיגל איז געפאלן אַ קרבן פון דערדאזיקער קינדערשער נאָכמאכונג!)

די דאָזיקע סצענע איז דאָך אזוי באַקאַנט און זי פארשאפט אזוי פיל שפאס, סיי דעם קינד גופא, סיי די אלע, וואס רינגלען אים ארום.

און אלס פאלג פון דער פרי־קינדערשער נאכמאכונג קומט נאָך עפעס, וואָס האט א אומגעהויער גרויסע באדייטונג פאר דער גאנצער אנטוויקלונג: דער ערשטער גרונטשטיין צום ווייטערן קאמפליצירטן בנין פון דער פרי קינדערשער שפראַך אנטוויקלונג. שוין אין ערשטן יאָר, ווי באַקאנט, אייגנט זיך דאָס קינד אַ שטיקל „לעקסיקאָן" ער לערנט זיך אויס צו באַנוצן א ריי „ווערטער". „מאמע" געהערט צו די ערשטע קינדערשע שפראך־דערגרייכונגען (פארוואָס איז „מאמע" דאס ערשטע וואָרט איז פארשטענדלעך: ער הערט דאָך דאס דאָזיקע ווארט אממערסטן. די מאמע איז אים אמנאָנטסטן און זי פארדינט טאַקע כשר, אז דאס קינד זאל איר דעם ערשטן דאנק ארויסזאָגן דורך זיין איר נאָמען פאר אַנדערע). דאס קינד האָט

אדיי אנדערע „ווערטער" צו באצייכענען, צו מודיע זיין וועגן פארשידענע גראדן פון זיין פילן זיך, וועגן פארשידענע זיינע סיטואציעס, אזעלכע „ווערטער" זענען דאס רוב הילפס־רופן, ווענדונגען נאך גייטיקע אונטער־שטיצונג („בע", למשל, ביים נאס ווערן, א „וואַרט" ביים ווילן עסן א. א. וו.) די אלע ווערטער זענען ביי פארשידענע קינדער פארשידן. בישט אלע זענען ביכולת זיי צו פארשטיין. זיי פארשטייט אָבער זייער גוט די מאמע, די אלע יעניקע, וואס שטייען צום קינד נאָנט.

זיי פארשטייען דאס קינד, זאגט מען געוויינלעך פון „האלבן וואָרט", פון „ערשטן קלאַנג". און פארוואס? אויסער דעם, וואס זיי זענען בכלל נאָנט צום קינד און זענען ביכולת מער ווי אלע צו פארשטיין דעם קינדס פאָדערונגען, איז דאָ נאך וויכטיק דאס, וואס זיי דערקענען אין דעם קינדס ווערטער זייערע אייגענע מוסטערן: דאס קינד זאָגט „בע". ווייל די מאַמע האט אַזוי אמאָל געזאָגט א. א. וו.

און זאָלן אמאָל טאטע־מאמע פרוואון צו געפינען א „שליסל" צו דער אייגנאַרטיקער קינדערשער זיגלאָזער „שפראך" און זיי ווען אזא שליסל געפינען אין די אלע ווערטער, וואס זיי האָבן אליין אמאָל, אין זייער באַ־רירונג מיטן קינד, אליין באנוצט. די אלע ערשטע קינדערשע שפראך־פארזוכן זענען בישט אנדערש ווי נאָכמאכונגען דער שפראך פון די דערוואַקסענע, צו די קלאנגען, וועלכע ער נעמט אויף פון אַרום.

פארבונדן מיט דער נאָכמאכונג זענען אויך די געוואוינהייטן, וועלכע דאס קינד אייגנט זיך צו שוין אין זיין ערשטן לעבנס־יאָר, יענע געוואוינהייטן, וועלכע אַ באאָבאַכטער וועט קענען אָנרעכענען אַ גאַנץ באדייטנדיקע צאָל.

די דאָזיקע געוואוינהייטן זענען אבער אויך אַ פועל־יוצא פון דעראבערטער דערפארונג, און נאך מער: זיי זענען א באווייז נישט נאָר פון סתם דערפארונג, נאר פון פארגלייכן צווישן זיך, קעגנשטעלן איינע די אַנדערע פארשידענע דערפאַרונגען, זיי זענען א באוויז פון אַ דעראָבערטער פעיקייט צו אורטיילן איבער געזאַמלטע דערפארונגען, צו אָריענטירן זיך אין זיי און אויסוויילן פון זייער גאנצער מענגע נאָר געוויסע, נאר באַשטימטע, נאר די יעניקע, וואס ס'איז שוין, אלזאָ, דאָ פאַראן אַ גע־וויסער שיין, זאל זיין דער ערשטער, נאָר נישט געטוג העלער שיין, פון באוואוסטזיין.

לאמיר זיך איבער דער פראגע אַ ביסל טיפער פארטראַכטן:

ווען זענען צוויי באזונדערע קינדער (פון דעמזעלביקן עלטער) מער אנדערש צווישן זיך, ווען קענען זיי וויניקער און שווערער פארביטן ווערן איינער מיט דעם אנדערן — אין די פריסטע חדשים אדער

אין די שפּעטערע חדשים פון ערשטן לעבנס=יאָר? (יאריקע קינדער זענען
שוין, אַלנפאלס, אזוי אַנדערש איינער פון צווייטן, אַז רעדן וועגן אַ
פולשטענדיקע פּסיכישע אידענטישקייט צווישן זיי, איז פּונקט אזוי אומ=
מעגלעך ווי רעדן וועגן אַ פולשטענדיקער פיזישער אידענטישקייט)
פארשטייט זיך, אַז אין די שפּעטערע חדשים. פרעגט זיך אָבער: פארוואָס
ווערט אָט די דאזיקע אנדערשקייט צווישן די קינדער שטארקער און גרעסער
גראד דאַן ווען דאס קינד ווערט עלטער?

איז דער תירוץ אויף דער פראגע: די דערפארונג! דאַן
ווען די קינדער לעבן מיט דעם כח הויפּטזאכלעך פון ערעבטן פון גע=
בראכטן מיט זיך, מיט די פארשידענע פולסן, רעפלעקסן א. א. וו. דאַן
ווען דאס קינד איז הויפּטזאכלעך אַ פיזיאָלאָגיש=באדינגטע באַשעפעניש, קען
ממילא די אַנדערשקייט צווישן די איינצלנע פארשטייער פון דעמדאָזיקן
עלטער נישט זיין קיין באזונדערס גרויסע, קיין אויף אזוי פיל גרויסע,
אַז זי זאָל זיך ווארפן אין אויג, אין דעם אומבאַוואפנטן אויג פון גע=
וויינלעכן באַאָבאכטער, אמת, אויך פארעבטע, דאס מיט זיך געבראכטע
קען אין תוך האָבן איר געוויסע אנדערשקייט, זי קען אַנדערש אויסזען
ביי איין קינד ווי ביים אַנדערן. דאס פיזיאָלאָגישע קען אויך ביי פאר=
שידענע קינדער ארויסטרעטן אין פארשידענער פאָרם און נאך מער — אין
פארשידענעם טעמפּאָ. דידאָזיקע אַנדערשקייט איז אָבער אלע מאָל אַ צו איי=
דעלע אַ צו שווער באמערקבארע, זי אויפצוכאַפּן איז בכח גיכער אַ וויסנשאפט=
לעכער ווי אַ געוויינלעכער באַאָבאַכטער.

דערפאַר איז אָבער די זאך גאנץ אנדערש, ווי געזאָגט, אין די
שפּעטערע חדשים, ביי עלטער ווערן פון קינד: דאַן איז די אנדערשקייט
אַ בולטע, אזא וואס רעדט שוין אַליין פאר זיך. און דאס איז דערפאַר, וואָס
די אַנדערשקייט איז דאָ שוין אַ פּסיכישע, וואס איז געשטעמפּלט מיטן
איינגעקריצטן צייכן פון אָנגעהויבענעם באוואוסטזיין, וואס דאָ איז
די אנדערשקייט שוין אַ פּועל יוצא פון געמאַכטער דערפארונג. דער=
פארונג איז, לויט איר טבע אזא, אזא זי קען נישט זיין פאַר אלעמען די
זעלביקע. יעדער מאכט אַנדערע דערפארונגען און אין הסכם מיט דעם —
ס'איז „הא בהא תליא" — נוצט ער אויף אנאנדער אופן אויס די געמאַכטע
דערפארונגען פון דעם, וואס דער „וואס" פון די דערפארונגען איז אַנ=
אנדערער, איז ממילא אויך שוין דער „ווי אַזוי" אַנ'אנדערער.

צוויי מענטשן פון צוויי באזונדערע סביבות. (לאמיר זאָגן: אַנ'איינ=
וואוינער פון אַ קאלטן צפון=לאנד און אַנ'איינוואוינער פון הייסן עקוואטאָר
פּאס) צייכנען זיך איינער פון אַנדערן אויס נישט נאר דערמיט, וואס איינער

געמאַכט *אַנדערע* דערפאַרונגען פון צווייטן (איינער האָט געמאַכט דערפאַרונגען איבער קעלט און אַלעס, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם, דער אַנדערער, פאַרקערט, האָט געמאַכט דערפאַרונגען איבער היץ און אַלעס, וואָס איז מיט דעם באַדינגט) נאָר בעיקר אויך מיט דעם, וואָס יעדער מאַכט אַנדערש, אויף אַ באַזונדער שטייגער זיינע דערפאַרונגען. ניט נאָר: *אַנדערע* דערפאַרונגען נאָר אויך און בעיקר: *אַנדערש* די דערפאַרונגען. מענטשן פון באַזונדערע סביבות טיילן זיך אָפּ איינער פון צווייטן, קודם כל, מיט זייער כאַראַקטער, וואָס אין אונזער פראַגע באַדייט עס: מיט דעם, וואָס יעדער האָט זי אַ גאַנץ אַנדערן, אַ גאַנץ אייגענעם *צוגאַנג* צו דערפאַרונג. און דאָס זעלביקע מערקן מיר ביי קינדער שוין אין משך פון זייער ערשטן לעבנס־יאָר. אויב דידאָזיקע קליינע האָבן שוין צו פאַרצייכענען געוויסע געוווינהייטן, נעמען זיך די לעצטע פון געוויסע סביבות. די סביבות זענען אָבער נישט גלייך צווישן זיך און ממילא זענען די געמאַכטע דערפאַרונגען נישט גלייך צווישן זיך, און פון דעם דרינגט שוין אויך דאָס, וואָס די צוגעאייגנטע געוווינהייטן זענען ביי פאַרשיידענע קינדער פאַרשיידן. אין שפּעטערדיקן לעבן פון קינד, ביי דעם גרעסערער צאָל פון געזאַמלטע דערפאַרונגען און ביי דער פאַרשטאַרקטער פּסיכישער אַנטוויקלונג וועט זיך דידאָזיקע דיפערענץ לאָזן פיל מער און בולטער פילן. אָבער אין אַ געוויסער מאָס פילט זי זיך שוין אין דעם ערשטן לעבנס־יאָר פון קינד!

אַ געוווינהייט, ווי געזאָגט, איז שוין אַ סך מער ווי אַ סתם־דערפאַרונג, אַ געוווינהייט איז שוין אַ *אויסוואַל* פון אַ דערפאַרונג, אַ אורטייל איבער אַ דערפאַרונג.

די צאָל פון געוווינהייטן איז אַלע מאָל אַ סך קלענער ווי די צאָל פון דערפאַרונגען. ניט פון אַלע דערפאַרונגען ווערן געוווינהייטן געשאַפן. פאַרוואָס? ווייל דערפאַרונגען זענען אַ רוי־מאַטעריאַל פאַר אַ בנין, און אַ געוווינהייט איז שוין דער בנין גופא. רוי־מאַטעריאַל מוז אַלע מאָל זיין *מער* און גרעסער, ווי דאָס, וואָס ווערט פון מאַטעריאַל געשאַפן.

דאָס קינד האָט פאַר ־ין קורצן לעבן מיט אַ סך געגנשטאַנדן, מענטשן און דערשיינונגען באַקאַנטשאַפט געשלאָסן (מענטשן, געגנשטאַנדן און דערשיינונגען זענען אין פרימאָרגן פון קינדס אַנטוויקלונג נאָך אידענטיש.) ער האָט קענען געלערנט נייע אייגנשאַפטן, ער האָט זיי פאַרגליכן איינע מיט די אַנדערע, האָט זיך קלאָר געמאַכט, וועלכע פון זיי קענען אים ברענגען נוצן און וועלכע שאָדן, אויף דעם אָנגענומענעם פּסיכאָלאָגישן *לשון* וועט עס הייסן: וועלכע פון זיי קענען אים פאַרשאַפן לוסט און וועלכע אומלוסט. און ער וואַרפט אָפּ פון זיך, דערווייטערט זיך פון די אומלוסט־ברענגענדיקע געגנשטאַנד,

און דערנענטערט זיך, ווארפט זיך אליין צרויף אויף די לוסט-ברענגענדיקע געגנ-שטאנדן

די לעצטע ווערן דער מוסטער פון זיין נאכמאכן, פון די לעצטע ווערן זיינע געוווינהייטן אויפגעשטעלט. און אויף אזא אופן איז אין זיי, אין דער נאכמאכונג און געוווינהייט, שוין פאראן די שיין פון יענער זון, וועלכע מאכט מיט איר שטארקער ווארימקייט ניט נאר מעגלעך, נאר רופט ארויס די גרויסע, די קענטיקע אנטוויקלונג, די פריקינדערשע נאכמאכונג און געוווינהייט זענען שוין באגאסן מיט דעם שעפערישן ליכט פון באוווסטזיין.

אן איבעריקער באווייז צו דער אנגעהויבענער טעטיקייט פון באוווסטזיין אין ערשטן לעבנס-יאר איז אויך די אנטפלעקונג פון רצון ביים קינד.

דאס קינד ווערט אין משך פון דעם ערשן יאר ביסלעכווייז אויס ווילנס-לאזע באשעפעניש, ער באקומט אלץ מער זיין באציונג צו זאכן און דערשיי-נונגען, ער האט שוין זיין אפשאצונג - ווי פרימיטיוו זי זאל נאך נישט זיין - און לאזט ניט איבער די געלעגנהייט אויסצודריקן, צו געבן צו וויסן וועגן אט דערדאזיקער באציונג זיינער און אפשאצונג זיינער.

ניט זעלטן רייסט זיך ארויס ביי א כעס׳דיקער מאמען אויפן חשבון פון איר יאריקן „עקשן”, וועלכער וויל ניט אננעמען וואס זי צווינגט אים אויף קעגן זיין ווילן, א איראנישע טענה: „ווי געפעלט דיר? ער האט שוין אייך א דעה, אזא קליינער”! די כעס׳דיקע מאמע קען נישט פילן די אומגערעכטיקייט פון איר טענה: באמת האט שוין דאס קינד פון דער צייט א דעה. זיין דעה, ער פארמאגט שוין דעם אנהייב פון אן׳אייגענעם ווילן.

ווען איז צו מערקן די ערשטע ווילנס-אנטפלעקונג ביים קינד?

פאראן פסיכאלאגן «מקדימים», וואס געפינען אין דעם אנהויב פון ווילן שוין אויף דעם דריטן חודש (למשל, שטערן), פאראן, פארקערט, וואס לעגן אפ דעמדאזיקן אנהייב אויף דעם סוף פון ערשטן האלבן יאר. ס׳איז אבער קיין ספק ניט פאראן, אז אין ערשטן יאר פון קינדס לעבן קומט שוין צום אויסדרוק - און אפט צום גאנץ בולטן אויסדרוק אפילו - דער אנהייב פון פרי-קינדערשן ווילן.

מיר האבן געמאכט א גאנצע ריי פון קורצע, ניט געבונדענע באטראכ-טונגען איבער דעם פסיכישן פארמעגן, וואס דאס קינד האט באקומען אין משך פון זיין ערשטן לעבנסיאר. מ׳וואלט געקענט אנווייזן אויף נאך און נאך דער-גרייכונגען. ס׳זענען אבער, גלויב איך, גענוג, אויך די געבראכטע ביישפילן און די געמאכטע פעסשטעלונגען - אונז איז דאך געגאנגען ניט אין א אויס-פירלעכן בילד, נאר אין אילוסטראציעס -, צו באווייזן, אז גענוג גרויס איז דער פארמעגן פון קינד צום סוף פון זיין ערשטן לעבנס-יאר.

אין צווייטן יאָר זיינעם טרעט שוין דאָס קינד אַריין ניט מיט ליידיקע קערב און מיט אָפענע הענט צו בעטן נדבות ביי אַנדערע, זיינע קערב זענען שוין פול מיט אַן׳אייגענעם פאַרמעגן און ער איז שוין ביכולת אין אַ גרויסער מאָס זיך אַליין צו העלפן. צום סוף פון ערשטן יאָר ווערט דאָס קינד אַנטוווינט פון מוטערס ברוסט. דאָס איז אַ סימבאָל: צום סוף פון ערשטן יאָר זיינעם איז דאָס קינד שוין אין דער לאַגע זיך אָפּצוזאָגן אין אַ גרויסער מאָס פון יענער אומבאַהאָלפנקייט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט זיינע ערשטע חדשים נאָך זיין געבוירן ווערן, ער גייט שוין אין אַ גרויסער מאָס אַריבער—אין פסיכישן זין — אויף אייגענע קעסס, ער הויבט אָן מער זעלבשטענדיק זיך דורכזועצן אַ וועג אין לעבן.

צום סוף פון ערשטן לעבנס־יאָר איז דאָס קינד אין פאַרגלייך מיט די פריסטע חדשים זיינע, א באַזיצער פון אייגענעם און אַ גאַנץ באַדייטנדיקן פאַרמעגן פון פסיכישער אַנטוויקלונג!

קאַפּיטל VII.

שפּראַך-אַנטוויקלונג פון קינד.

די שפּראַך, די אַרטיקולירטע, פאַרשטענדלעכע שפּראַך איז, זיכער, די קרוין פון דער גאַנצער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. די שפּראַך, דאָס איז דער גרעסטער און וויכטיקסטער אוצר פון גאַנצן מענטשלעכן באַזיץ. ניט אומזיסט פאַרהערלעכט אַזוי די פאָלקס לעגענדע די מענטשלעכע שפּראַך און דערקלערט זי אַלס דירעקטע מתנה פון גאָט (בײַ אונז, למשל, די אַלט תּלמודישע לעגענדע: „צען מאָס רייד זענען אַראָפּ פון הימל אויף דער ערד פאַר דעם מענטשן"), פון דער העכסטער איבערמענטשלעכע קראַפט, ווייל אין דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך איז ווירקלעך פאַראַן אַזוי פיל וואונדערלעכעס, שווער דערקלערלעכעס פון איין זייט און אַזוי גרויס, נישט אָפּצושאַצן גרויס איז די באַדייטונג פון דער שפּראַך פאַר דעם מענטשלעכן לעבן פון דער אַנדערער זייט.

וואָס וואָלט דען געווען דער מענטש אָן זיין מענטשלעכער שפּראַך? וואָס דען דערהויבט דעם מענטשן איבער אַלע אַנדערע חיות און באַשעפענישן, וואָס דען מאַכט אים ווירקלעך פאַר דעם „בחיר היצורים", אויב ניט זיין מענטשלעכע שפּראַך? אַמאָל האָט מען געהאַלטן, אַז אַלע אַנדערע באַשעפענישן זענען אינגאַנצן שטום, האָבן אינגאַנצן קיין שפּראַך ניט. איצט איז עס שוין איינגעפונען פאַר איבערטריבן, אויך חיות האָבן אפשר אַ שפּראַך. אַ פאַרשטענדיקונגס-שפּראַך, זייער שפּראַך, אָבער, דידאָזיקע שפּראַך פון די אַנטוויקלסטע אפילו צווישן די חיות איז דאָך אַנדערש, קען זיך דאָך אין

דער קלענסטער מאָס ניט פאַרגלײַכן מיט דער אײנאײנציקער אין איר אַרט מענטשלעכער שפּראַך. די מענטשלעכע שפּראַך איז דער מעכטיקסטער און שאַרפסטער כּלי־זין אין גאַנצן מענטשלעכן לעבן. זי איז דער מערקווירדיקער שפּיגל, אין וועלכן ס׳ווערט אַזוי קלאָר און באַשײַנפּערלעך אָפּגעבילדעט די גאַנצע רײַכע פּסיכישע אַנטוויקלונג פון דעם מענטשן. זי העלפט אים כּסדר מיט אין זײַנע דערגרײכונגען, זי מאַכט פאַר אים מעגלעך זײַן עצם מענטשלעכע עקזיסטענץ.

ווי שווער איז די לאַגע פון שטומען צווישן רײדנדיקע? ער איז אָפּגעשטאַנען און נידערגעשלאָגן, ער איז דערצאָרנט און אומבאַהאָלפן: אים פעלט דאָס וויכטיקסטע, די שפּראַך.

וואָס פלעגן אַמאָל די גרויזאַמע זיגער טון מיט זײערע פײַנט? זײ פלעגן אַמאָל אויסקלויבן פאַר זײ אַ שטראָף, וואָס איז פיל ערגער פון דעם טויט: זײ פלעגן בײַ זײערע קרבנות אויסשנײַדן די צונגען, פלעגן בא זײ אָפּנעמען זײער מענטשלעכע שפּראַך.

און מ׳דאַרף זיך כּלל ניט פאַרטיפן, כּדי עס זאָל אַ גרויל אַרומנעמען בײַם געדאַנק: ווי אַזוי וואָלט דער מענטש, דאָס מענטשלעכע לעבן אויסגעזען, ווען מיר וואָלטן אונזער מענטשלעכע שפּראַך ניט פאַרמאָגט, ווען מיר וואָלטן אַלע, אָן אויסנאַם, געמוזט דורכמאַכן אין אונזער לעבן די טראַגעדיע פון שטומען, ווען די נאַטור וואָלט אונז שוין פון אָנהויב אָן, בײַם ברענגען אונז אויף דער וועלט, באַשטראָפט מיט דאָס גרויזאַמסטע פון אַלעס גרויזאַמעס און וואָלט אונז צווישן אַלע אונזערע רמ״ח אברים אונזער מענטשלעכע צונג פאַרפעלט צו געבן?! — אָבער זעלטן קומען אַזעלכע מחשבות אין מענטשלעכן געדאַנק, זעלטן, זײער זעלטן שטעלט זיך דער מענטש די שווערע פראַגע פון „וואָס וואָלט געווען", ווען עס האַנדלט זיך וועגן זײַן אַנטוויקלונג, וועגן דער ערשטער אַנטשטײיונג און אויסבילדונג פון זײַן מענטשלעכן מהות.

דער מענטש איז אין דעם פּרט געגליכן צו יענעם פילפאַכן ירושה־גביר, וועמען ס׳קען גאַרניט אײַנפאַלן זיך פאָרצושטעלן אַלס קבצן, אַלס אַזעלכן, וואָס האָט געקענט אויך ניט באַזיצן די אַלע אומגעהויערע רײַכטימער.

ס׳איז פאַר אים, פאַר דעמדאָזיקן פילפאַכן גביר, אַזוי זעלבסט־פאַרשטענדלעך זײַן רײַכקײט, וואָס ער האָט באַקומען בירושה, און אַזוי אומבאַגרײַפלעך: וואָס וואָלט געווען מיט אים, ווען ער וואָלט אָט די ירושה ניט געהאָט אַקומען.

דער מענטש, דער דערוואַקסענער מענטש, איז טאַקע דער באַזיצער

פון אומגעהויערע רייכקייטן, ער האָט אָנגעפּראַכטע לאַגערן און מערקווירדיקן מענטשלעכן אייגנטום — דאָס זענען די אַלע אומציילּיקע זייטן און אייגנ-שאַפטן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, פון דער מענטשלעכער פּסיכישער אַנטוויקלונג, ער נעמט זיי אָבער אַלע אויף ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע מוז-זאַך, ווי אַ זאַך וואָס האָט אַנדערש גאָרנישט געקענט זיין, ווי אַ פּאַרטיקע ירושה פון די פריערדיקע דורות — און דעריבער פעלט אים אפט טאַקע דער גליק, דער שטאָלץ פון דעם עצם פילן זיין רייכקייט.

און וואָס איז דער שליסל צו די אַלע רייכע לאַגערן פון מענטשלעכן פּסיכישן באַזיץ? — דאָס איז די מענטשלעכע שפּראַך.

אָן דעמדאָזיקן שליסל וואָלט ער קיין צוטראָט צו די אַלע לאַגערן ניט געהאַט, וואָלט ער אפילו אַסך פון די לאַגערן גופא ניט פאַרמאָגט.

אָן דעמדאָזיקן שליסל אין האנט וואָלט ער געהאַט דעם סוף פון יענעם פאַרשלאָסענעם „באַראָן ריטער", וואָס האָט זיין נשמה אויסגעהויכט און איז אין אָנמאַכט אויסגעגאַנגען אויף די קופּעס פון גאָלד אין זיינע פינסטערע קעלערס! —

גייט אָבער אַרום דער מענטש מיט זיינע קלינגענדיקע שליסלען, וועלכע עפענען פאַר אים אַלע טויערן פון זיינע אוצר.ת און טראַכט וויניק, ווי אַזוי דידאָזיקע שליסלען, נאָך ווייניקער ווי די אוצרות גופא, קומען צו אים.

זעלטן גיט זיך דער מענטש, דער דערוואַקסענער מענטש, וועלכער באַהערשט אַ שפּראַך, אָפּ מיטן געדאַנק וועגן דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דערדאָזיקער שפּראַך ביי דעם נאָך שפּראַכלאָזן ערב-מענטש, ביי דעם שטום געבוירענעם קינד.

און מיט דעם איז גראָד אומגעהויער וויכטיק זיך אָפּצוגעבן. ס'איז גראָד פון דער ערשטער באַדייטונג פאַר אַלעמען נאָכצופאָלגן און זיך באַמיען צו פאַרשטיין די שפּראַך-אַנטוויקלונג פון קינד: דער דערציער וועט פון דעם האָבן נוצן פאַר זיין פּראַקטישער דערציונגס-אַרבעט (ער וועט דורכדעם אַמבעסטן געפינען דעם וועג צום קינדס נשמה,) און דער מענטש בכלל וועט פון דעם אַרויסנעמען אַ באַלערנדיקן מוסר-השכל וועגן זיין מענטשלעכן וועזן בכלל.

וואָס עס קענען לערנען די דערציער פון דער שפּראַך-אַנטוויקלונג ביים קינד וועלן מיר שפּעטער זען. און דאָ עטלעכע ווערטער וועגן דעם אַלגעמיינעם מוסר השכל פאַר יעדן מענטשן:

די שפּראַך-אַנטוויקלונג באַווייזט אונז—אַסך בולטער און איבערצייגנדיקער, ווי אַלע אַנדערע פאַקטן פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג — אַז דער מענטש

איז אין זיין פּסיכישער רייכקייט ניט קיין ירושה־גביר, ניט קיין אויסשליסלעך געבוירענער, נאָר דוקא אַ געוואָרענער גרויס באַזיצער.

דער מענטש באַקומט טאַקע אַ גרויסע ירושה. זי איז אָבער אומגעהויער קליין, נישטיק אין פֿאַרגלייך מיט דעם, אין וואָס זי ווערט פֿאַרוואַנדלט אין משך פֿון דער צייט, אין משך פֿון ווייטערדיקן מענטשלעכן לעבן. דער מענטש באַקומט פּאַרטיקערהייט בלויז דעם ערשטן, דעם קלענסטן קערן פֿון זיין ווייטערדיקן שפּראַכלעכן פֿאַרמעגן, און דעם פֿאַרמעגן גופא מוז ער אַליין פֿאַרפֿילפֿאַכן. ווי אַזוי קומט דען דאָס קינד אויף אונזער וועלט? אין וואָס באַשטייט דער פּאַרטיקער, מיט זיך געבראַכטער שפּראַכלעכער גרונט־פֿאַרמעגן פֿון קינד ביי זיין געבוירן ווערן? איז ער דען פֿיל גרעסער פֿון יענעם פֿאַרמעגן, וואָס עס ברענגען מיט זיך ביי זייער געבוירן ווערן די אַלע אַנדערע חיות, וועלכע פֿאַרבלייבן אויך שפּעטער שטום און שפּראַכלאָז (אין פֿאַרגלייך מיט דעם מענטשן)? —

דאָס קינד ווערט געבוירן, אמת, מיט אַלע אָרגאַנען, וועלכע [illegible]ן אים שפּעטער זיין נויטיק פֿאַר זיין שפּראַך־באַנוצונג. ער האָט אַ צונג, ליפּן, אַ גומען א. א. וו. און דאָך איז ער נאָך אינגאַנצן שטום, די אַלע אָרגאַנען זענען נאָך אַזוי אומפּולקאָם, אומגעשיקט, זיי זענען נאָר מאַטעריאַל פֿאַר נעצייג, וועלכע וועלן ערשט שפּעטער דאַרפֿן באַקומען זייער פֿונקציאָנס־מעגלעכקייט, וועלכע וועלן ערשט שפּעטער קענען ווערן טעטיק.

די פּאַרטיקע, מיט זיך געבראַכטע, ירושה איז, אַלזאָ, אַ זייער קליינע, אַ אומבאַדייטנדיקע, און דאָך פֿירט זי שפּעטער, אין משך פֿון קינדס אַנטוויקלונג, ריכטיקער: אין משך פֿון גאַנצן מענטש, עכן לעבן צו אַזאַ רייכן, אומגעהויער גרויסן פֿאַרמעגן.

דעם שפּעטערן, דעם גרויסן גפּראַך־פֿאַרמעגן באַקומט דער מענטש פֿון אייגענער דערפֿאַרונג, פֿון אייגענע אָנשטרענגונגען. דער שפּראַך־באַזיצנדיקער מענטש איז ניט קיין געבוירענער גביר, נאָר אַ געוואָרענער, ער דאַרף זיך פֿילן אין דער מדרגה פֿון „מאשפּתות ירום אביון“, און דאָס איז שוין וויכטיק פֿאַר דער געווונטשענער באַציִונג פֿון מענטשן צו זיין שפּראַך, פֿון דעם קענען שוין און דאַרפֿן געמאַכט ווערן אויספֿירן עו וועלכע מיר וועלן נאָך האָבן די געלעגנהייט אין די ווייטערע בריוו זיך (אומצוקערן)

ווי אַזוי קומט פֿאַר די שפּראַך־אַנטוויקלונג ביים קינד?

מיר האָבן שוין געזאָגט; דאָס קינד ווערט געבוירן שטום (אָדער: כמעט שטום), ער ברענגט מיט זיך שפּראַך־אָרגאַנען, וועלכע זענען נאָך אָבער ניט פֿונקציאָנס־פֿעיִק) און ביסלעכווייז, באַ כסדרדיקע אומאויפֿהערלעכע

אָנשטרענגונגען דערגייט דאָס קינד צו זיין שפּראַך-באַזיץ, צו זיין אָנהויבן ריידן אויף אונזער מענטשלעכער שפּראַך. ער מאַכט דערביי דורך זיין שפּראַכלעכע אַנטוויקלונג שטופנוויז, גייט אַריבער — ווי אויך אין אַלע אַנ-דערע מינים פון פּסיכישער אַנטוויקלונג — פון לייכטערן צום קאָמפּליצירטערן, „מן הקל אל הכבד".

די ערשטע פּאַזע פון קינדס שפּראַך-אַנטוויקלונג נעמט אַרום זיין פּריסטע קינדהייט, די ערשטע זעקס יאָר פון זיין לעבן, אַריינטרעטנדיק אין זיבעטן יאָר, קומט שוין דאָס קינד מיט אַנ'אָטעסטאַט פון א אויסגעהאַל-טענעם עקזאַמען, ער האָט שוין דורכגעמאַכט אַ גרויסע שול פון פּסיכישער אַנטוויקלונג און די בעסטע צייגניש איז זיין שפּראַך. דאָס איז נאָך אָבער בלויז די ערשטע שול. אויף ווייטער וועט דאָס קינד מוזן דורכמאַכן זיינע אַלגעמיינע פּסיכישע פאַרפולקאָמונגען און באַזונדערס זיין שפּראַכלעכע פאַרפולקאָמונג.

לגבי דער שפּראַך-אַנטוויקלינג פאַרנעמען אָבער אין דער פּריסטער קינדהייט גופא די ערשטע פּאָר יאָר אַ באַזונדער פּלאַץ. די ערשטע פּאָר יאָר — דאס איז דער ערשטער גאַנץ באַזונדערער און אין זיין אַרט פאַרענדיקטער שפּראַך-קורס, וואס דאס קינד מאַכט דורך אין דער שול פון זיין פּריסטער קינדהייט.

מיר וועלן דאָ קורץ באַהאַנדלען דעם ערשטן שפּראַך-קורס פון קינד. דריי הויפּט סטאַדיען איז צו פאַרצייכענען אין דעם ערשטן שפּראַך-קורס פון קינד: 1) פיזיאָלאָגישע, 2) פּסיכאָלאָגישע און 3) לאָגישע (ביי אַנדערע גערעכנטע הייסט עס פילאָלאָגישע*)

צו דער פילאָזאָפישער סטאַדיע געהערן יענע שטים-אויסערונגען פון קינד, וועלכע קומען אַרויס, ווי די פריער באַהאַנדלטע ערשטע באַוועגונגען פון קינד, אַלס נאַטירלעכער רעזולטאַט פון רעאַגירן אויף אויסערלעכע פיזיאָ-לאָגישע רייצן. דידאַזיקע אויסערונגען זענען רעפלעקטאָרישע און אימפּולסיווע. אין דער ערשטער ריי געהערט צו דידאָזיקע אויסערונגען דעם קינדס שרייען און וויינען (פון אָנהויב אָן טרערן,) מיט דעם געשריי קומט דאָך דאָס קינד שוין אַריין צום ערשטן מאָל אין אונזער לעבן. מיט דער הילף פון שרייען גיט דאָס קינד צו וויסן וועגן זיינע פאַרשיידענע סיטואַציעס פון לוסט, ווי פון אומלוסט.

ער מאַכט אויפמערקזאַם די אַרומיקע, אַז אים פעלט עפּעס (ווען ער וויל עסן, ווען אים איז נאַס א. א. וו.) אָדער אַז ער האָט שוין ממלא געווען

*) גוסטאַוו לינדער Aus dem Naturgarten der Kindersprache
.Ch. Griben's Verlag,Leipzig 1898

וואָס אים פעלט, דאָס שרייען איז פון אָנהייב אָן גאָרניט אַרטיקולירט, באַשטייט פון אַ געמיש, פון וועלכן עס איז אפילו שווער אַרויסצוכאַפּן קלאָרע, איינצעלנע קלאַנגען. דאָס איז גיכער אַ מין כאָרכלען, אַ מין אומדייטלעכער, רויער געזעמל פון שטים-אויסערונגען, שפּעטער ווערט עס אבער אַלץ קלאָרער. מ׳קען שוין אין אים אויסטיילן קלאַנגען און קלאַנגען-פאַרבינדונגען.

דאָס שרייען איז, ווי געזאגט, אַ סימן ניט נאָר פון שווערע סיטואַציעס, פון אומלוסט, דער פּשט פון ערשטן קינדערשן שרייען איז ניט בלויז: „שלעכט", נאָר אויך פון גוטע סיטואַציעס, פון לוסט, אַ אויסדרוק אויך פון „גוט". אַזוי, למשל, קען מען הערן אַמאָל אויך ווי דאָס קינד שרייט נאָך זיין זאַט ווערן, נאָך זיין איבערגעוויקלט ווערן אין טרוקענע פרישע ווינדעלעך א. א. וו.

באַזונדערס איז עס מעגלעך, ווען דאָס ערשטע גאָרניט אַרטיקולירטע שרייען גייט אַריבער אין אַזויגערופענעם פריקינדערשן מורמלען (Лепет-Lalen).— שוין צום סוף פון דער 7—8 לעבנסוואָך פון קינד.

פאַר דעם ערשטן קינדערשן מורמלען – וואָס איז אַ ווייטערע, פאַרפולקאָמטע-פאָרם פון זיין ערשטן שרייען,—אַנטשטייען אַנדערע צוויי אויסערונגען, מינים פון קינדס שפּראַך, דאָס וויינען (מיט טרערן) און לאַכן (שמייכלען.)

דאָס מורמלען פאַרייניקט אין זיך ביידע מאָטיוון פון די צוויי פאַרשיידענע אויסערונגען. ווען דאָס וויינען איז אַלעמאָל אַ רעאַגירן אויף אומלוסט, אויף שלעכט, און דאָס לאַכן (שמייכלען), פאַרקערט, אַ רעאַגירן אויף לוסט, אויף „גוט", איז דאָס מורמלען אַ רעאַגירן אַמאָל אויף לוסט און אַמאָל אויף אומלוסט.

אין שפּראַכלעכן זין איז דאָס מורמלען שוין אַ גרויסע דערגרייכונג. אין אים קען מען שוין הערן און אויסטיילן אַלע שפּראַך-קלאַנגען (וואקאלן ווי קאנסאנאנטן), ווי ווייט, פאַרשטייט זיך, דאָס קינד איז זיי בכח צו דער צייט אויסצודריקן

און דאָס מורמלען איז שוין אויך אַ שפּראַך, וואָס מ׳קען פאַרשטיין, אַ מיטל צו פאַרשטענדיקן זיך מיט דער אויסערלעכער וועלט.

ניט אַלע, פאַרשטייט זיך, זענען בכח די מורמלען-„שפּראַך" צו פאַרשטיין, מ׳דאַרף באַזונדערס נאָענט שטיין צום קינד, מ׳זאָל דידאַזיקע שפּראַך זייגע קענען באַגרייפן. די מאַמע אָבער פאַרשטייט שוין יאָ דידאָזיקע מורמלען-שפּראַך, די מאַמע איז שוין בכח אָפּצוטיילן אַ אומלוסט-מורמלען פון אַ לוסט-מורמלען. זי הערט פון די מורמל-קלאַנגען אַרויס ווען און אָפט אַפילו וואָס ס׳פעלט דעם קינד און ווען און צוליב וואָס דאָס קינד איז „צופרידן".

די מאַמע איז שוין בכח איר קינד, לויטן קול (לויט זיין מורמלען, אלזא) צו דערקענען שוין אין די ערשטע צוויי-דריי חדשים

דאָס מורמלען איז, אַזוי, שוין אַ „שפּראַך", האָט שוין אַן אָנהויב פון יענע אייגנשאַפטן, וועלכע די אמתע שפּראַך פאַרמאָגט: ס'איז שוין אַ פאַר-שטענדיקונגס-מיטל.

פון אָנהויב אָן איז דאָס ערשטע שרייען און מורמלען אַ אויסדרוק נאָר פון פיזיאָלאָגישע סיבות. וואָס ווייטער אָבער ווערן זיי באַלויכטן מיטן שיין פון ערשטן, אויפוואַכנדיקן באַוווּסטזיין, זיי ווערן שוין אַ אויסדרוק פון אייגנטלעך-פּסיכישע סיבות. זיי ווערן דער אויסדרוק פון באַגער, אַ מיטל פון שוין אַטיילוויז—באַוווּסטזיניקן מיטטיילן וועגן באַדערפעניש, וועגן ווונטש. דאַן איז דער „שפּראַכלעכער" פּשט, דער זין פון מורמלען שוין דערזעלביקער ווי פון די שפּעטער אַנטשטאַנענע ווערטער: אינטעריעקציאָנען (междометія), אויסנעשריי-צייכנס, די ווענדונג נאָך הילף, נאָך אונטער-שטיצונג.

נאָך שפּעטער, אָבער, דערנענטערט זיך דאָס מורמלען צו דער אמתער שפּראַך, צו ווערט אַרטיקולירטער; מ'קען פון איר שוין אַרויסכאַפּן קלאַנגען-צוזאַמענזעצונגען, ווערטער.

און דאַן מאַכט דאָס קינד שוין אין זיין שפּראַך-אַנטוויקלונג אַ טריט ווייטער. ער נוצט אויס זיין שפּראַך שוין נישט בלויז אַלס סיגנאַל פון באַגער, נאָר אויך אַלס מיטל צו באַקאָנען זיך מיט דער אַרומיקער וועלט, אַלס „שלום עליכם", אַזוי צו זאָגן, אַלע געגנשטאַנדן און דערשיינונגען, מיט וועלכע ער שליסט זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט.

דאָס מורמלען ווערט דאָ שוין אַ זאַך פון נ אָ כ מ אַ כ ו נ ג, אַ זאַך פון איבערחזרן געמאַכטע דערפאַרונגען.

טאַטע-מאַמע פאַרשאַפט דאָס קינדערשע מורמלען זייער פיל פאַרגעניגן. זיי קענען אָבער זען ביי אַ כסדרדיקער באַאָבאַכטונג און פאַרטראַכטונג פון זייער זייט, אַז דאָס קינדערשע מורמלען איז אייגנטלעך אַ נאָכמאַכונג צו דעם, וואָס דאָס קינד הערט אַרום זיך. דאָס קינד באַ זיין מורמלען, ווי באַ אַלע אַנדערע אַרטן פון זיין פריסטער אַנטוויקלונג, איז אַן אַרטיסט, נאָך אַ אומגעשיקטער אַרטיסט, וועלכער רעפּעטירט זיין צוקינפטיקע ראָל לויט מוסטערן, וואָס ער הערט פון ס ו פ ל י אָ ר, און די סופליאָרן, וועלכע העלפן אַרויס דעם קליינעם אַרטיסט, באַ זיינע ערשטע רעפּעטיציעס, די סופליאָרן, וועמען דאָס מורמלנדיקע קינד מאַכט נאָך, זענען זייער פיל אין צאָל און פאַרשיידן לויט זייער מהות.

צו אַזעלכע „סופליאָרן" קענען געהערן דער גערויש פון ווינט (שוין באַ גאָר קליינע קינדער באַמערקט מען צווישן זיינע ערשטע נאָכמאַכונגס-קלאַנגען דעם ז ז ז ז.. פון ווינטס גערוישן), די שטוב חיות (דאָס קעצל,

דאָס הינטל) א. א. וו. אָבער דער אָפּטסטער און אַמשטאַרקסטן ווירקנדיקער סופּליאַר זענען אויך דאָ די נאָענטע צום קינד מענטשן און אין דער ערשטער ריי ווידער אַמאָל טאַטע-מאַמע.

דאָס קינד הערט דאָס ריידן פון די נאנטע מענטשן אַרום זיך, דאָס קינד נעמט אויף די קלאַנגען פון זייער קול און ער הויבט אָן דאָס געהערטע ריידן נאָכצומאַכן—אין געשטאַלט פון זיין מורמלען. ס'איז ניט אַלע מאָל לייכט צו געפונען די ענלעכקייט פון דעם, ווי אזוי דאָס קינד מאַכט נאָך (זיין מורמלען) מיט דעם, וואָס ער מאַכט נאָך (דאָס ריידן פון די אַרומיקע מענטשן.) ס'איז שווער צו כאַפּן די ענלעכקייט צווישן דער קאָפּיע מיטן אָריגינאַל. דאס נעמט זיך אָבער דערפון, וואָס דידאָזיקע נאכמאַכונג איז נאָך בלויז אַ פּרווו און דעריבער אַ אומגעשיקטער, ערשטער פּרווו.

מ'געפינט אין קינדס נאכמאַכן די מענטשלעכע שפּראַך ניט קיין קלאַרע ענלעכקייט מיט דעם אָריגינאַל, פּונקט אַזוי ווי מ'געפינט שפּעטער ניט קיין ענלעכקייט צווישן קינדס ערשטע צייכנונגען מיט די געגנשטאַנדן, וועלכע ער צייכנט.

אין לעצטן פאַל איז די אומענלעכקייט פון קאָפּיע מיטן אָריגינאַל אַ רעזולטאַט פון נאך ניט פולקאמען קינדערשן זען. אין ערשטן פאַל (פון אומענלעכקייט צווישן מורמלען און מענטשלעכער שפּראַך) איז די אומענ-לעכקייט צווישן קאפּיע און אריגינאַל אַ רעזו.טאַט פון נאך ניט פולקאמען קינדערשן הערן.

אבער אין ביידע פאַלן ווערט אַלץ ווייטער די קאפּיע מער ענלעך צום אריגינאַל, וואס ווייטער, אַלץ לייכטער ווערט צו פאַרשטיין דעם קינדס נאכמאַכונג, אַלץ נענטער ווערט דער „ווי אַזוי" צו דעם „וואס", אַלץ באַענטער שטעלט זיך דאס קינד צו די דערגרייכונגען און קענטנישן פון אונז, דערוואַקסענע. פּונקט ווי מיט דער צייט ווערן די ערשט קינדערשע אויסערונגען פון זיינע נאכמאַכונגען לויט זען (זיינע צייכנונגען) פאַר אונז פאַרשטענדלעך, פּונקט אַזוי ווערן אויך די ערשטע קינדערשע אויסערונגען פון זיינע נאכמאַכונגען לויט הערן (דאס מורמלען), פאַרביטן מיט דער ווייטערער פאַרשטענדלעכערער פאַרם, זיי גייען אַריבער אין אַרטיקולירטער שפּראַך.

דער אנהייב אבער צו דערדאזיקער שפּעטערער אַרטיקולירטער שפּראַך, דער אנהייב צום נאָכמאַכן אונזער שפּראַך' ליגט שוין, ווי געזאגט, אין ערשטן קינדערשן מורמלען. ווען הויבט אן דאס קינד צו מורמלען? וואס איז דעם קינד נויטיק צו פאַרמאגן, כדי ער זאל ווערן פעיק פאַר זיין ערשטער מורמל-קונסט? אים איז נויטיק, ערשטנס, אַ דערגרייכונג אין ריין

פיזיאלאגישן זין: קענען הערן און, צוזייטנס, א דערגרייכונג שוין אין פסיכאלאגישן זין: פארשטיין.

פון אנהויב אן, תיכף נאך זיין געבוירן, איז דאס קינד נאך ניט מסוגל צו הערן, בא אים איז נאך ניט פונקציאנס-פעיק זיין חוש השמיעה. ווי אויך אלע אנדערע זיינע חושים. דאס ערשט געבוירענע קינד איז נאך בלינד בא אפענע אויגן, טויב בא פאראנענע אויערן א. א. וו. צום קינד אין דעם עלטער פאסט זייער די באקאנטע פארמולירונג: „עינים להם ולא יראו, אזנים להם ולא ישמעו". הגם ער פארמאגט אלע נויטיקע חושים-ארגאנען, זענען אבער די לעצטע נאך ניט געבראכט אין באטעטיקונג.

ערשט שפעטער קומט די עצם באטעטיקונג פון אט די ארגאנען, און צווישן זיי אויך די באטעטיקונג פון הער-ארגאן, די קענטניש צו הערן.

דאס ערשטע קינדערשע מורמלען איז, אויף אזא אופן, א באווייז, אז דאס קינד הערט שוין. אז דאס קינד נעמט שוין אויף די קלאנגען ארום זיך. (פון אנהויב הערט דאס קינד אליין ניט זיינע אייגענע קלאנגען, ער הערט, למשל, נאך ניט זיין אייגענעם שרייען און וויינען!)

דאס ערשטע פרי קינדערשע מורמלען איז, אלזא, דער ערשטער אנזאג דער וועלט, די בשורה פאר טאטע-מאמע: „איך הער"!

דאס איז אבער גלייכצייטיק אויך א אנזאג וועגן א פסיכישער דערגרייכונג, א אנזאג וועגן דעם ערשטן באגין פון באוווסטזיין, פון פארשטיין. ס'איז בא די קינדער-פסיכאלאגן א פראגע: וואס קומט פריער אין קינדס שפראך אנטוויקלונג — דאס באנוצן ווערטער אדער דאס פארשטיין ווערטער. און מ'איז לעצטנס גענויגט די פראגע צו פארענטפערן, אז דאס פארשטיין איז קודם לבאנוצן.

ס'איז אויך אזוי שוין באם ערשטן, נאך פרימיטיוון באנוצן פון שפראך, באם מורמלען.

אויב מורמלען איז נאכמאכן, דארף מען דאך פריער פארשטיין דאס נאכגעמאכטע, דארף מען דאך אין א געוויסער מאס קענען אפטיילן און אונטערשיידן, אויסוויילן פון דער גאנצער מענגע געהערטע קלאנגען גראדע דאס, וואס מ'זאל נאכמאכן.

און דאס איז שוין דער באגין, דער אנהויב פון א באוווסטזיניקער ארבעט.

ס'איז מערקווירדיק אין דעם פרט, וואס דאס ערשטע פרי קינדערשע מורמלען, למשל, בא אלע קינדער באשטייט פון דיזעלביקע קלאנגען (דאס ערשטע, וואס מ'הערט בא אלע קינדער אז א א א, מ מ מ שפעטער:

מאַמע) פון וואַנען קומט אַזאַ איבערחזורונג פון אַלטן תרגום-השבעים-נס צו די קליינע קינדער, פון וואַנען נעמט זיך די פולסטע ענלעכקייט אין זייער ערשטן פּאַרזוך צו „איבערזעצן" די געהערטע תורה פון דער אַרומיקער וועלט?

איינע פון די סיבות איז זיכער: דאָס אויסווײַלן פאַר דעם ערשטן מורמלען דאָס, וואָס ס'איז לייכטער, וואָס ס'איז צוגעפּאַסטער פאַר די ניט געאיבטע שפּראַך-אָרגאַנען.

עס מוז דאָך אָבער פאַר דעם פּאַרקומען אַ אויסוואַל, איידער מיר דערהערן דעם קינדס קלאַנגען מוזן דאָך זיין פּרוּוון מצד דעם קינד נאָכצומאַכן אויך אַנדערע קלאַנגען, וועלכע אים געלינגט ניט, צוליב זייער שווערקייט, אויסצודריקן. דאָס קינד מוז זיך דאָך פּאַרמעסטן אויך אויף דאָס, וואָס ס'איז איבער זיינע שוואַכע כחות, ביז וואַנען ער „זעלבסט-באַשטימט" די גרעניצן פון זיין „קענען" און „ניט קענען".

און מיר זעען טאַקע דערפאַלגלאַזע אָנשטרענגונגען פון קינד נאָכצומאַכן שווערע קלאַנגען, נאָך איידער מיר הערן פון אים מיט דערפאָלג באַקרוינטע נאָכמאַכונג פון לייכטערע קלאַנגען. מיר זעען ווי דעם קינדס ליפּעלעך באַוועגן זיך אַסך פריער, איידער מיר הערן פון אים זיין ערשטן אַ אַ אַ אָדער מ מ מ.

ס'איז, אַזוי צו זאָגן, דעם קינדס „תפילה בלחש" נאָך איידער ער ווערט פעיק צו אַ „תפילה בקול", און אָט דידאָזיקע ערשטע „תפילה בלחש" איז זיכער אַ באַווייז פון ערשטע פּריקינדערשע שפּראַכלעכע אָנשטרענגונגען, פון ערשטן פאַרזוכן נאָכצומאַכן שווערערע קלאַנגען—וואָס אים געלינגט ניט — כדי ער זאָל שפּעטער שוין קענען נאָכמאַכן לייכטערע קלאַנגען, וואָס אים געלינגט יאָ. ס'איז, אַלזאָ, אַן אַרבעט איבער אויסוואַל, אַ עקספּערי-מענטירן, אַן אַרבעט, ווו ס'איז פאַראַן און ס'קען ניט ניט זיין קיין געוויסע באַטייליקונג פון באַוווּסטזיין. און דאָס גיט צו דעם קינדערשן מורמלען אַ באַזונדערס גרויסע און וויכטיקע באַדייטונג.

דאָס מורמלען פון קינד איז, ווי געזאָגט, אַנאָכמאַכונג די געהערטע פון דער אַרומיקער וועלט קלאַנגען. זיי זענען אָבער אויך אַ נאָכמאַכונג די געהערטע פון זיך אַליין קלאַנגען, ניט נאָר אַ נאָכמאַכונג אַנדערע, נאָר אויך אַ זעלבסט נאָכמאַכונג.

מ'קען אָפט באַמערקן, ווי אַ קינד גיט אַרויס איין קלאַנג און כאַפּט שפּעטער אויף דעמדאָזיקן קלאַנג און חזרט אים לאַנג — לאַנג איבער, ער מאַכט נאָך זיך אַליין. דאָס איז ערשטנס צו זען פון דעם, וואָס שוין די ערשטע קינדערשע קלאַנגען זענען ניט קיין קלאַנגען אין איינצאָל און ניט קיין געזעמל פון פאַרשיידענע קלאַנגען—נאָר דוקא

אַ פיל-מאָליקע איבערחזרונג פון איין און דעמזעלביקן קלאַנג, ניט אַ און ניט אַם, נאָר דוקא אַ אַ אַ און מ מ מ. דאָס איז אַ באַווייז פון **זעלבסט-נאָכמאַכונג** (דער צווייטער און דריטער אַ' און מ' זענען אַ נאָכמאַכונג דעם אייגענעם איינמאָל באַנוצטן ערשטן אַ' און מ'.).

צווישן דעם פאַקט פון פרי קינדערשן איבערחזרן פון דיזעלביקע קלאַנגען באַם מורמלען און דעם פאַקט — אין דער שפּעטערער אַנטוויקלונג פון קינדס שפּראַך, ווי מיר וועלן עס זען—פון אַ אויסערגעוויינלעכער נטיה צו גראַמען. צו גלייכקלינגנדיקע (ענלעך קלינגנדיקע) ווערטער — איז פאַראַן **דערזעל-ביקער גרונט**: נטיה צו ריטם, נטיה צו זעלבסטנאכמאכונג, (ריטם, סימעטריע איז אַלע מאָל א ווידערהאָלונג פון איינמאָל געאויסערטע פאָרמען, אַ נאכמאַכונג לויט א **באַשטימטן סדר**, א אומקער צום אורשפּרונג, אַנדערש געזאָגט: א זעלבסט נאָכמאַכונג) אַז דאָס קינד **פאַרשטייט** שוין די אַרומיקע שפּראַך בא זיין מורמלען זעט מען פון אַ ריי קינדערשע באַציונגען און רעאַגירונגען אויף אונזערע שפּראַכלעכע ווענדונגען צו אים. גענוג צו דערמאָנען, אַז נאָך גאָר אַ פּיצל קינד **פאָלגט נאָך** אונזער קול, מאַכט באַוועגונגען מיטן קעפּל, מיט די אויגלעך, ווען ער הערט אַ שטאַרקן גערויש, באַזונדערס ווען מ'רופט אים — און די באַוועגונגען ווערן שטענדיק געמאַכט אין דער ריכטונג, פון וואַנען ס'קומט דער קול.

זאָגט מען אַ קינד (שוין אין די ערשטע חדשים): גיב מיר דאָס הענטעלע — מאַכט ער אַ באַוועגונג אייך צו געבן און ניט עפּעס אַנדערש. נאָר דוקא **דאָס הענטעלע**. פרעגט איר, למשל: „ווו איז דער טיק-טאַק (דער זייגער*) — ענטפערט ער מיט אַ באַוועגונג אין דער ריכטונג פון זייגער. און די אַלע „באַשטעלונגען" אויף דעם קינדס „חכמות", ווי „לאַך", „פּאַטש-פּאַטש קיכעלעך" א. א. וועלכע דאָס קינד נעמט אָן און פילט אויס, זענען דאָך אַ גענוג בולטער באַווייז, אַז ניט נאָר דאָס קינד **הערט**, נאָר, אַז ער **פאַרשטייט אויך** אונזער שפּראַך, נאָך איידער ער איז בכח די דאָזיקע שפּראַך נאָכצומאַכן. די זעלבסטנאָכמאַכונג פאַרנעמט אין קינדס שפּראַך-אַנטוויק-לונג אויך שפּעטער אַ היפּשן פּלאַץ. ס'זענען, למשל, אין דעם פרט כאַראַקטע-ריסטיש די קינדערשע „מאָנאָלאָגן" — דאָס קינד רעדט מיט זיך אליין און „רעדט" דוקא דורך איבערחזרן דעם זעלביקן נוסח (דעם קינדס מאָנאָלאָגן דערמאָנען דאָס אויסחזרן אויף אויסווייניק, ווו איין און די זעלבע סטראפע ווערט אסך מאָל ווידערהאלט, ביז זי ווערט איינגעפּרעגט אין זכרון.) אָבער

*) אגב, דאס וואס דער זייגער, ווי א ריי אנדערע געגנשטאנדן, ווערן פארן קינד פון אנהויב אן באצייכנט מיט די נעמען פין זייערע קלאנגען, באווייזט אויך, אז דער חיש-השמיעה איז דער ערשטער מיטל צו באקאנען זיך צו א ריי געג:שטאנדן.

אזעלכע „מאָנאָלאָגן“ שטעלט מיט זיך פאָר שוין דאָס ערשטע קינדערשע מורמלען.

די זעלבסטנאָכמאַכונג פון קינד בא זיינע ערשטע שפּראַכלעכע פּרווון (איינצלפאַל: די מאָנאָלאָגן) איז צו פאַרשטיין דורך דעם, וואָס דאָס קינד איז אַ געוויסע צייט (פאַרציט זיך אין געוויסע ריכטונגען, ווי, למשל, די ריכטונג פון שפּילן, ביז ווייט צום סוף פון דער פריסטער קינדהייט) פאַר זיך אליין פונקט אזא אנדערער, ווי אלע איבעריקע געגנשטאַנדן פון דער אַרומיקער וועלט. ער טיילט זיך נאָך ניט אויס פון דעם גאַנצן אַרום. ער אַליין איז נאָך בלויז איינער פון יענע מערערע באַשטאַנדטיילן, וואָס בילדן דעם אינהאַלט פון דער פרעמדער וועלט.

די זעלבסטנאכמאכונג נעמט זיך פון דעם, וואָס דאָס קינד האָט זיך אַליין נאָך ניט געפונען, זיך אַליין נאָך ניט אויסגעטיילט פון דער גאַנצער מענגע נייע געגנשטאַנדן און דערשיינונגען.

א משל: די וועלט איז פאַר אים א גרויסער טלית פון אַ „עם כל הנערים“, אונטערן טלית טוליען זיך אסך, אסך פרטים, זיי זענען נאָך אָבער ניט אויסגעטיילט, ניט אָפּשיידבאַר איינער פון אַנדערן.

און ער אַליין איז נאך א־יך איינער פון די מערערע פרטים, גלייך אַזוי ניט אָפּשיידבאַר, ווי די אַנדערע. און פונקט ווי שפּעטער קען דאָס קינד מיט זיך אַליין שפּילן, פונקט ווי שפּעטער קען דאָס קינד אפילו זיך שלאָגן (אין שפּיגל) מיט זיך אַליין, פונקט אַזוי קען דאָס קינד זיך אַליין נאָכמאַכן און שוין בא דער ערשטער פאַזע פון זיין שפּראַך-אַנטוויקלונג, בא זיין מורמלען. דאס מורמלען איז נאך אבער ניט קיין שפּראַך אין אונזער זין פון ווארט, דאָס מורמלענדיקע קינד איז נאך א זאַמלער פון שיפרען פאַר אַ שפּראַך, זיין מורמלען איז נאך א אויפגעוויקלטער קנויל, וועלכער קען אין דאַרף ערשט שפּעטער זיך פונאַנדערוויקלען. און די אומקלאָרע ערשטע שפּראַך-סימנים פון מורמלען יוערן טאַקע מיט דער צייט אַלץ מער פונאַנדערגעשיפרירט, דער קנויל ווערט טאַקע אַלץ מער פאַנאַנדערגעוויקלט. און מיר באַקומען די ערשטע קלאר באַגרייפלעכע קינדערשע ווערטער.

די ווערטער זענען די ערשטע קלאר באַגרייפלעכע פארם פון סינטעז אין קינדס שפּראַך-אַנטוויקלונג. אין קינדס שפּראַך-אַנטוויקלונג האבן מיר דאָס פולע פעלד פון דער שפּראַך-אַנטוויקלונג פאַר מענטשן בכלל (פון וואס ס׳דאַרף פאַר זיך אומבאַדינגט ציען אַ באַ׳ערנונג פאַר די מעטאדן פון שפּראַך-לימוד שוין אין שול): צוערשט קומט דער אנאליז: (געהערטע שפּראכלעכע און קלאַנגען-גאַנצהייטן — רייד און די אַרומיקע גערוישן א. א. וו. ווערן פון קינד געגלידערט אויף טיילן, ביז ער קומט צו איינצעלע קלאַנגען

און נאָכדעם קומט דער ס י נ ט ע ז: נאָך דער פריערדיקער פאָרם פון סינטעז־שוין אין מורמלען — דעם טראַף, קומט די פאַרפולקאָמטערע פאָרם פון זעלביקן סינטעז, די פאַרייניקונג פון טראַפן אין ווערטער, די װ ע ר ט ע ר. דאָס קינד רעדט לכתחילה מיט א י י נ צ י ק ע װ ע ר ט ע ר. אין דער ערשטער צייט וועט איר זעלטן הערן פון קינדס מויל ע ט ל ע כ ע ווערטער מיטאַמאָל, איינעם נאָך דעם אנדערן. נאָר בלויז א י י נ צ ל נ ע ווערטער (מאַמאַ, פאַפאַ א. א. וו.). צווישן דידאַזיקע איינצלנע ווערטער זענען פאַראַן ד ר ײ מינים: 1) אַזעלכע, וואָס זענען שוין אַ ריכטיקע, אַ פּינקטלעכע איבער־חזרונג פון דערוואַקסענעמס ווערטער (מאַמע), 2) אַזעלכע, וואָס טיילן זיך מיט עפּעס אָפּ פון אונזערע ווערטער, נאָר ביי וועלכע מ׳קען דאָך בולט זען זייער אַנטשטייונג פון נאָכמאַכן דעם דערוואַקסענעמס שפּראַך און 3) אַזעלכע, ווו מ׳קען שוין כּלל נ י ש ט אויסגעפינען קיין ענלעכקייט מיט אונזערע ווערטער. דאָס זענען די אַזויגערופענע „אייגענע” ווערטער פון קינד.

מ׳דאַרף פאַרשטיין, אַז די אַלע מינים זענען איך תוך בלויז גראַדן פון מער אָדער ווייניקער געלונגענער נ אָ כ מ אַ כ ו נ ג.

וועגן יעדן מין אַ פּאָר ווערטער:

די ערשטע גרופּע פון ריכטיקע, פון אינגאַנצן ענלעכע צו אונזערע ווערטער זענען אין זייער אַנטשטייונג באַדינגט מיט אַ ס ו ב י ע ק ט י װ ע ר און אַ א ָב י ע ק ט י װ ע ר סיבה, פון איין זייט מיט דעם, וואָס זיי זענען מער צוגעפּאַסט צו די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון קינדס שפּראַך־אָרגאַנען און פון דער אַנדערער זייט מיט דעם, וואָס זיי זענען נויטיקער און אַקטועלער פאַר דעם קינדס לעבן. ס׳קומט דאָ פאָר אַ מערקווירדיקע פאַרייניקונג פון אָנגענעמענעס (ריכטיקער: לייכטערעס, ווייניקער שווערערס) מיט נוצלעכן, יענע פאַרייניקונג, וואָס איז שטענדיק דער נס פון ביאָלאָגיש געגומענעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון מענטשן בכלל און פון קינד בפרט.

צו זיינע ערשטע ווערטער נוצט דאָס קינד אַזעלכע וואָס זענען, אַלזאָ, פאַר אים צוגענגלעכער מצד זייער קלאַנגען־באַשטאַנד און וואָס זענען גלייכצייטיק אים נייטיקער, ברענגען אים מער נוצן.

ס׳איז ניט קיין צופעליקייט, למשל, וואָס צווישן די ערשטע ריכטיקע ווערטער, וועלכע מיר הערן פון קינד, איז אַלע מאָל און אומעטום דאָס וואָרט: מאַמע. וואָרום וועמ איז נאָך דעם קינד אַזוי נאָענט, אַזוי נויטיק ווי זיין מאַמע? מיט וועמען קען ער דען האָבן אזא גרויסע נויטיקייט אין פאַרשטענדיקונג, פאַר וועמען אַנדערש קען ער וועלן אַזוי העפטיק אפּעלירן וועגן זיינע אַגערן און באַדערפעניש, אויב ניט פאַר זיין מאַמען?

ס׳איז גאָר קיין ספק נישט פאַראַן, אַז ווען אין קינדס מוח׳ל טויכט

אויף די ערשטע באַוווסטזיין-פראַגע: „מאַין יבא עזרי״? „ווער קען און ווער זאָל מיר מיטהעלפן אין מיינע שווערע סיטואַציעס?״ (און אַזעלכע שווערע סיטואַציעס זענען דאָך אין לעבן פון קינד אומגעהויער פיל!), ווערט די פראַגע תיכף באַגלייט מיט דעם איינציקן מעגלעכן ענטפער? מאַמע.

פריער, גאָר אין די ערשטע טעג פון זיין לעבן ווענדעט דאָס קינד זיין אויג, אפעלירט דאָס קינד צו זיין מאַמען אפשר ריין-אינסטינקטיוו אָבער אויך שפּעטער, ווען אין האַלבטונקלהייט פון זיין אינסטינקט-לעבן, באַווייזט זיך שוין דער ערשטער, נאָך בלאַסער בויגן פון באַוווסטזיין, איז ווידער זיין אַפּעל געווענדעט אין דער ערשטער ריי צו דער זעלביקער פּערזאָן: צו דער מאַמען.

פריער רופט דאָס קינד: „מאַמע!״ מיט באַוועגונגען, מיט אויגן-ווינק, מיט אַלע שוואַכע מיטלען פון זיין „פּאָרשפּראַכלעכער״ שפּראַך, שפּעטער, ווען ער באַקומט דעם קרעפּטיקן, דעם אמת שפּראַכלעכן מיטל, דאָס וואָרט, איז ווידעראַמאָל דאָס ערשטע, אַלענפאַלס איינע פון די ערשטע אויסערונגען, וואָס מיר הערן פון זיין מויל דאָס זעלבע: „מאַמע!״

אין דעם פאַקט וואָס גראַד „מאַמע״ איז צווישן די ערשטע ווערטער פון קינד ליגט אַ טיפער און באַלערנדיקער זין און ס'לוינט זיך אָפּצוגעבן וועגן דעם פאַקט אַ דין-וחשבון.

אַמאָל האָט געהערשט אַ מיינונג, אַז דאָס וואָרט מאַמע איז אַ איינגעבוירענע זאַך, אַז דאָס דאָזיקע וואָרט ברענגט דאָס קינד מיט זיך, שוין קומענדיק אויף דער וועלט. ס'איז שטאַרק איבערטריבן, פּונקט ווי אַלע באַהויפּטונגען וועגן איינגעבוירענעם באַם קינד זענען שטאַרק איבערטריבן. מיר זעען אויך, אַז אַ קינד, וואָס וואַקסט אָן אַ מאַמען פון ערשטן טאָג אָן, אַ קינד, ביי וועמען זיין מאַמע איז אָפּגעשטאָרבן, לאָמיר זאָגן, ביים געבוירן אים און ער האָט געמוזט איבערגיין פון דער ערשטער רגע אָן צו פרעמדע הענט, פּונקט אַזוי ביי די אונטערגעוואָרפענע קינדער, וועלכע האָדעווען זיך אויף אין די זויג-אַנשטאַלטן, בקיצור: ביי די אַלע קינדער, וואָס האָבן נישט צו טון מיט קיין מאַמען און וועמען ס'קומט אויס ווייניק צו הערן דאָס וואָרט „מאַמע״ — איז „מאַמע״ כלל וכלל נישט דאָס ערשטע וואָרט. וואָס לערנט עס אונז? קודם כל, אַז אויך דאָס וואָרט „מאַמע״ איז אַ נאָכמאַכונגס-וואָרט, אַז אויך „מאַמע״ נעמט זיך פון דערפאַרונג, און אַזוי ווי די דערפאַרונגען גופא פון קינד קומען פאָר לויט אַ באַשטימטן סדר, לויט דעם סדר פון ציילמעסיקייט, אַזוי ווי די נאָכמאַכונג גופא איז נישט קיין צופאַל-זאַך, נאָר אַלע מאָל אַ זאַך פון טיפן זין, אַזוי ווי דאָס קינד חזרט איבער צוערשט דוקא יענע דערפאַ-

רונגען, וואָס ברענגען אים מער נוצן. און ער רעכנט זיך ביי זיין אויסוויילן נאָכמאַכונגען מיט דער הויפּט־פאָדערונג: וואָס נענטער, וואָס נוציקער — מוז ממילא „מאַמע" זיין דאָס ערשטע וואָרט פון קינד. אָבער „מאַמע" האָט נאָך אַ מעלה: נישט נאָר דאָס וואָרט דאַרף, נאָר אויך עס קען ווערן דאָס ערשטע וואָרט פון קינד, דאָס וואָרט „מאַמע" באַשטייט פון די לייכסטע קלאַנגען, וועלכע זענען צוגענגלעך אַפילו פאַר די נאָך אַזוי אומ־פולקאָמע שפּראַך־אָרגאַנען פון קינד. וואָלט, למשל, דאָס וואָרט „מאַמע" באַשטאַנען פון שווערע קלאַנגען, פון אַזעלכע, לאָמיר, זאָגן קלאַנגען ווי ק׳ ג׳ ר׳ א. א., דאַן וואָלט דאָס קינד ,טראָץ דעם, וואָס ער וואָלט געהאַט אַ שטאַרקע נייטיקייט און באַנוצן דאָס וואָרט צווישן זיינע ערשטע ווערטער, מוזן עס אָפּלייגן אויף לעצט. אָבער צום גליק קומט נישט פאָר אַזאַ ריס צווישן „מוז" און „קען", צום גליק פאַלן זיך פולשטענדיק צונויף דער סוביעקטיווער מאָמענט (דעם קינדס דאַרפן) מיט דעם אָביעקטיוון (דער קלאַנגען־באַשטאַנד פון וואָרט און דורכדעם גופא — דעם קינדס קענען).

און דאָס איז ווידער נישט קיין בלויזער צופאַל, אין דעם קומט צום אויסדרוק אַ טיפער זין פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

כ׳קען זיך דאָ מיט דעם נישט צופיל אָפּגעבן, אָבער זאָל דאָך דער־מאָנט ווערן, אַז דאָס וואָרט „מאַמע" געהערט אויך, שוין אויסער דעם וואָס דאָס איז דאָס ערשטע וואָרט פון קינד, צו די אַזויגערופענע אינטער־נאַציאָנאַלע ווערטער: אין אַלע שפּראַכן, ביי אַלע פעלקער, אַמאָל און איצט איז דאָס וואָרט „מאַמע" ענלעך. (ס׳נויטיקט זיך כלל נישט אין איבעריקע ביישפּילן. פאַרגלייכט, ווי אַזוי הייסט „מאַמע" אין די שפּראַכן, וואָס זענען אייך באַקאַנט, און איר וועט דידאַזיקע ענלעכקייט תיכּף געפינען).

פון וואַנען זשע נעמט זיך אַזאַ ווונדערלעכע נאָנטקייט צווישן די אַלע ווערטער, וואָס באַצייכענען דעם נאָמען: „מאַמע"? פאַרוואָס זאָל „מאַמע" ניט זיין געגליכן צו אַלע אַנדערע געגנשטאַנדן, פאַר וועלכע אין די שבעים לשונות זאָלן קומען שבעים באַזונדערע און פאַרשיידענע באַצייכנונגען?

איז דער תירוץ: דאָס וואָרט „מאַמע" איז ניט נאָר ביים קינד דאָס ערשטע וואָרט, נאָר אויך ביי דער גאַנצער מענטשהייט דאָס ערשטע וואָרט.

מיר ריידן דאָ וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס קינד הייבט אָן צו ריידן, ווי אַזוי דאָס קינד ווערט פון אַ שטומער צונג אין אַ ריידנדיקן מענטשן אומ־געוואַנדלט. ס׳איז אָבער געווען אַ צייט, ווען דער מענטש בכלל האָט ערשט אָנגעהויבן צו ריידן, ווען דער מענטש אַלס אַזעלכער איז פון אַ שטומער צונג געוואָרן אַ ריידנדיקער מענטש, אַ בעל־לשון (דאָס וואָס ס׳הייסט אין דער

וויסנשאַפט אַזוי שטאָלץ: (Homo artikuleus) און אָט אויך דאַן האָט דער מענטש, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן צו רעדן פאַר זיין ערשטע וואָרט דאָס וואָרט „מאַמע" גענומען. און ווידער אַמאָל צוליב דיזעלביקע סיבות וואָס ביים קינד: א) דאָס וואָרט איז געווען דאָס נוציקסטע און ב) שוין צוליב דער נוציקייט פון וואָרט האָט דער אוראַלטער מענטש, אונזער עלטער, עלטער זיידע, ניט געקענט וואָרטן ביז זיין שפּראַך וועט זיך אַנטוויקלען צו אַזאַ מדרגה, אַז ער זאָל פאַר „מאַמע" קענען שאַפן אַ שווערן וואָרט. ער האָט צום אויסדריקן, אַרויסצורײדן דאָס נוציקסטע וואָרט גענומען דאָס לייכטסטע וואָרט, דאָס וואָרט, וואָס ער האָט תּיכּף געקענט אויסדריקן מיט דער הילף פון די צוגענגלעכסטע קלאַנגען.

און אַזוי גייט אַריבער דאָס וואָרט „מאַמע", אַזוי ווי דער אוראַלטער מענטש האָט אים באַנוצט, פון דור צו דור. און אַזוי קענען מיר אין אונזער ייִנגסטן מענטשן, אין קינד זען דעם איבערחזרער פון דעם עלטסטן מענטשן, פון אורמענטשן.ביידן פאַרייניקט זיי אַ ריי פון דיזעלביקע באַדינגונגען, פון דיזעלביקע באַדערפעניש און מעגלעכקייטן, צווישןביידן, צווישן קינד און אורמענטשן, איז פאַראַן אַ שטאַרקע און וווּנדערבאַרע שייכות, וועגן וועלכער אונז וועט נאָך אויסקומען צו ריידן.

אָבער שוין אין די ערשטע ווערטער פון קינד, ווי אין ביישפּיל פון וואָרט „מאַמע", קענען מיר דידאַקטיקע שייכות זען בולט. פון קינד קענען מיר לערנען וועגן דעם אורמענטש, פון קינדס אַנטוויקלונג קענען מיר לערנען די אַלטע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט! —

פון די ריכטיקע לייכטאויסריידבאַרע ווערטער גייט דאָס קינד אַריבער צו שווערערע ווערטער. דאָס איז דער צווייטער מין פון קינדס ווערטער. דידאַקטיקע ווערטער זענען אויך נאָר אַ נאָכמאַכונג צום געהערטן, צו די געהערטע ווערטער און קלאַנגען בײַ דערוואַקסענע און אין גאַנצן אַרום בכלל (למשל: די נאָכמאַכונג פון חיות, ווינט א. א. וו.). בײַם קינד קלינגען די נאָכגעמאַכטע ווערטער אַנדערש ווי זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט, בײַ די יעניקע, וועמען דאָס קינד מאַכט נאָך, דאָס קינד איז אין דעם פּרט פּשוט אַ תּלמיד, וואָס קען ניט פון אָנהויב אָן אויסלערנען אינגאַנצן ווי ס׳דאַרף צו זיין די געהערטע תּורה פון זיין רבין. ער פאַרגרייזט דעריבער די ווערטער וואָס ער הערט, ער מאַכט נאָך ניט גענוג פּינקטלעך.

ס׳זענען אין דערדאַקטיקער פאַרגרייזונג, אמת, פאַראַן פאַרשיידענע מדרגות: אַמאָל פאַרגרייזט דאָס קינד ווייניקער (ער מאַכט נאָך מער פּינקטלעך.) און אַמאָל פאַרגרייזט ער מער (ער מאַכט נאָך ווייניקער פּינקטלעך). אין ערשטן פאַל באַקומען זיך ווערטער, וואָס די דערוואַקסענע קענען

לייכט פאַרשטיין, לייכט זיך אָנשטויסן אויף זייער אָפּשטאַמונג (איך האָב זיי אויבן אָנגערופן אַלס צווייטער מין), אין צווייטן פאַל באַקומען זיך ווערטער, וואָס די דערוואַקסענע קענען ניט לייכט פאַרשטיין און רעכענען זיי דעריבער פאַר נייע, פאַר אייגענע קינדערשע ווערטער.

אַזעלכע „אייגענע" קינדערשע ווערטער קענען דאָך טאַטע־מאַמע אָנרעכענען אַ אומגעהויער גרויסע צאָל. מ'האָט געגלויבט — מיינען טאַטע־מאַמע אַזוי דאָס ר.ב אויך איצט, — אַז בײַ קינדער זענען טאַקע פאַראַן אייגענע ווערטער, אַז יעדעס קינד איז אַ מין שאַפער פון אַ נייעם לשון. אפילו געלערנטע האָבן אָנגעוויזן אויף דעמדאָזיקן ווונדער. ס'האָבן זיך אפילו געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן באַהויפּטעט, אַז ס'איז פאַראַן ניט נאָר אַן אייגענער לשון בײַ יעדען קינד באַזונדער, נאָר אַז ס'איז פאַראַן אַן אַלגעמיינער אייגענער קינדערשער לשון, א מין אַלגעמיין קינדערשע עספּעראַנטאָ־שפּראַך.

און די ראיה: פאַרוואָס פאַרשטייען זיך קינדער צווישן זיך אַ סך בעסער ווי עס פאַרשטייען די „אייגענע" קינדערשע שפּראַך מיר, דערוואַקסענע? — קליינע קינדער וועלן זיך שטענדיק גיכער פאַרשטענדיקן צווישן זיך אפילו דאַן, ווען זיי ריידן נאָך שוואַך, ווען זיי באַהערשן נאָך ניט אונזער שפּראַך, ווי זיי פאַרשטענדיקן זיך מיט אונז, דערוואַקסענע.

דידאָזיקע באַאָבאַכטונג איז זיכער אַ ריכטיקע, די דערקלערונג אירע (אַן אַלגעמיינע „אייגענע" קינדער־שפּראַך) איז אָבער דורכאויס אַ פאַלשע.

ניט נאָר קיין אַלגעמיינע שפּראַך (שפּראַך אין אונזער זין פון וואָרט: אין זין פון די זעלביקע ווערטער) האָבן ניט די קינדער, נאָר אפילו יעדעס קינד באַזונדער האָט ניט קיין אייגענע שפּראַך, קיין אייגענע ווערטער.

ווען מיר ריידן וועגן „אייגענע" ווערטער בײַם קליינעם קינד, באַגייען מיר קעגן אים אַן עוולה: צוליב דעם, וואָס מיר פאַרשטייען ניט זיין דלות, מאַכן מיר אים פאַר אַ גביר, פאַר אַ אייגנטימער. דאָס קינד איז נאָך אָבער — אין זין פון שפּראַך־קענטנישן אין דער תקופה פון זיינע „אייגענע" ווערטער — ניט קיין אייגנטימער, פאַרקערט: ער איז נאָך זייער און זייער — אין שפּראַכלעכער ריכטונג — אַ נויטבאַדערפטיקער, אַ זוכער פון הילף, פון אונטערשטיצונג.

דאָס קינד רעדט אַנדערש, ווייל ער איז נאָך ניט בכח צו ריידן ווי מיר, ער קען נאָך ניט גוט נאָכמאַכן. אַלע „אייגענע" ווערטער פון קינד זענען, אַלזאָ, ניט קיין אייגענע באמת, נאָר שלעכט נאָכגעמאַכטע, פאַרגרייזטע (אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער).

מ׳קען עס גאַנץ גוט באַמערקן.

די שווערסטע קלאַנגען פאַר דעם קינד זענען: ג׳. ד׳. ל׳. ס׳. ק׳. ר׳. פּרוּווט זאָגן אַ קינד אַ וואָרט, וואָס באַשטייט פון דידאַזיקע קלאַנגען און ער זאָל עס נאָכמאַכן, נאָכזאָגן, וועט איר הערן ווי אַזוי דאָס קינד בילדעט זיינע „אייגענע" ווערטער, ריכטיקער: ווי אַזוי ער פאַרגרייזט די געהערטע שווערע פאַר אים ווערטער.

און איר וועט דערביי קענען זען טאַקע ביידע מינים פון דער פאַרגרייזונג: באַשטייט אייער וואָרט נאָר טיילוויז פון די שווערע קלאַנגען, וועט דאָס „אייגענע" קינדערשע וואָרט זיין מער ענלעך צו אייער וואָרט, ד. ה. ווייניקער פאַרגרייזט, ווען אָבער דאָס וואָרט אייערס באַשטייט אינגאַנצן פון די שווערע קלאַנגען וועט ממילא דעם קינדס „אייגענע" וואָרט זיין אינגאַנצן ניט ענלעך צו אייער וואָרט, אינגאַנצן אַן אַנדער וואָרט.

אַלזאָ, די אַלע „אייגענע" ווערטער פון קינד זענען באמת ניט קיין אייגענע, נאָר פרעמדע, אונזעריקע, זיי זענען ווי, אין אַלע אויסערונגען פון קינד, אַ נאָכמאַכונג צו דעם, וואָס דאָס קינד נעמט אויף פון דער דרומיקער וועלט.

ס׳קען שוין ממילא ניט זיין קיין רייד וועגן אַן׳אַלגעמיינע שפּראַך פון אַלע קינדער, — אַן אַלגעמיינע שפּראַך אין דעם זין ווי מיר פאַרשטייען שפּראַך, אין זין פון ענלעכע, פון זעלביקע ווערטער.

פאַרוואָס פאַרשטענדיקן זיך צווישן זיך קינדער בעסער און גיכער? דאָ ליגט גאָר אַן אַנדער סיבה: ניט די אויסערלעכע ענלעכקייט פון שפּראַך, נאָר די אינערלעכע ענלעכקייט פון באַדינגונגען, פון אינטערעסן. כ׳קען דאָ אויף דער פראַגע ניט אָפּשטעלן זיך לאַנג, ס׳קען אָבער קלאָר ווערן, ווען מיר זאָלן זיך אַליין שטעלן די פראַגע! מיט וועמען וואָלט אונזער איינער זיך געקענט לייכטער פאַרשטענדיקן, מיט אַ מענטשן פון אונזער ערד-טייל אָדער פון אַן אַנדער ערד-טייל? דער ענטפער וועט זיכער זיין: מיט א מענטשן פון אונזער ערד-טייל: אַ אייראָפּעער מיט אַ אייראָפּעער, אַן אַפריקאַנער מיט אַן אַפריקאַנער א. א. וו. איז דאָך די פראַגע: די שפּראַך טיילט דאָך אָפּ דעם אייראָפּעער פון אַפריקאַנער ניט אין קיין סך גרעסערער מאָס, ווי זי טיילט אָפּ דעם אייראָפּעער (פון מיין פאָלק) פון דעם אַנדער אייראָפּעער (פון אַן אַנדער פאָלק). קען דאָך שוין ממילא די שפּראַך אַלס דערקלערונג דאָ נישט דינען און ס׳מוזן זיין אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס דערנענטערן צוויי מענטשן פון איין ערד-טייל און דערווייטערן צוויי מענטשן פון באַזונדערע ערד-טיילן. וועלכע זענען עס דידאָזיקע פאַקטאָרן?

איז דער תּירוץ: אַזעלכע פאַקטאָרן זענען ענלעכקייט פון אינטערעסן, פון באַדינגונגען, פון באַדערפעניש. און פונקט די זעלביקע באַציונג הערשט אויך צווישן קינדער: אַלע קינדער זענען בירגער פון איין ערד-טייל, מיט דיזעלביקע באַדינגונגען, אינטערעסן און באַדערפענישן, די ענלעכקייט אין די באַדינגונגען אויף דעמדאָזיקן ערד-טייל איז אַסך, אַסך גרעסער ווי אויף אַ וועלכן ס'איז ניט אַנדערן ערד-טייל, דער נאָמען פון דעמדאָזיקן מערקווירדיקן ערד-טייל איז „די מענטשלעכע קינדהייט". אַלע פרי קינדערשע ווערטער האָבן איין אַלגעמיינע אייגנשאַפט: זיי זענען אַ אויסדרוק פון באַגער, פון באַדערפעניש, פון אַ געפיל.

מיר דערוואַקסענע קענען זיך דערלויבן דעם פאַרגעניגן צו באַנוצן ווערטער אָן קיין באַזונדערן טעם. אונזערע ווערטער קענען דינען אַלס פשוטע קאָנסטאַטירונגען: דאָס איז דאָס ערשטע און דאָס איז דאָס אַנדערע א. א. וו. קינדערשע ווערטער האָבן אָבער שטענדיק אַ טעם, אַ ציל, זיי באַדייטן שטענדיק ניט סתם: „דאָס איז עס", נאָר „דאָס וויל איך" (אָדער: וויל איך ניט), „דאָס דאַרף איך" (אָדער „דאַרף איך ניט") א. א. וו.

די ערשטע קינדערשע ווערטער זענען, אַזוי אַרום, אויב מ'זאָל זיי באַצייכענען מיט אַ נאָמען פון גראַמאַטיק, ד. ה. מיט אַ נאָמען לויט זייער קוואַליטאַטיוון תּוך, אינטעראַיעקציע-ווערטער, מלות הקריאה, ווערטער, וואָס דינען אַלס אויסדרוק פון געפיל, פון אינערלעכן באַגער, פון רעאַגירן אויף לוסט אָדער אומלוסט.

קיין פאַרצווע, קיין נייטראַלע ווערטער ווי בײַ אונז, זענען דעריבער בײַם קינד ניט פאַראַן. אויב מ'זאָל זיך באַנוצן מיט דער פאַרשפרייטסטער פאַרגלײַכונג וואָס שטעלט די שפּראַך בכלל פאַר אַלס מוזיק און די מענטשלעכע נשמה אַ׳ס אינסטרומענט, פון וואַנען די מוזיק קומט אַרויס, דאַן קען מען זאָגן: דעס קינדס ווערטער זענען שטענדיק אַ אָפּקלאַנג פון אַ אָנגעריפּטער סטרונע אין קינדס-נשמה: אַמאָל אַ פרײַלעכער אָפּקלאַנג, ווען די באַרירונג איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ צערטלעכער האַנט, אַמאָל אַ טרויעריקער, ווען די באַרירונג האָט פאַרשאַפט שמערץ. אָבער אַלע מאָל איז דאָס קינדערשע וואָרט אַ סיבה פון אַ אָנרירונג, אַ סיבה פון אוממיטלבאַרן געפיל. און ס'איז פאַלש ווען מ'מיינט, אַז די ערשטע קינדערשע ווערטער זענען בלויז אָנרופונגען פון נעמען סתם, אָן אַ כּוונה דערבײַ, אָן אַ זייטיקן צוועק.

ס'איז אַ טעות, ווען מ'וויל פון קינד מאַכן אַן אדם-הראשון, וועלכער „גיט נעמען" די באַשעפענישן פון דער וועלט: דאָס זאָל הייסן אַזוי און דאָס אַנדערש.

ווען אַ קינד זאָגט למשל „מאַמע" הייסט עס ניט: „דאָס איז די „מאַמע" ד. ה. ניט קיין רויקעס מודיע זיין פון אַ נאָמען. עס קען אָבער הייסן: „מאַמע, העלף אַרויס פון שלעכטס" (גיב עסן: איך בין הונגעריק, מאַך מיך טרוקן: איך בין נאַס א. א. וו.) אָדער „מאַמע, זיי ממשיך דאָס גוטס" (גיב נאָך עסן, זינג ווייטער דאָס לידעלע א. א. וו.) די ערשטע קינדערשע ווערטער זענען, אַלזאָ, ניט קיין ווערטער, ווי בײַ אונז, נאָר זאַצן, פאַרקירצטע זאַצן. יעדעס וואָרט איז אַ „מועט המחזיק את המרובה", יעדער וואָרט איז אַ שליסל צו אַ גאַנצער איבערלעבונג. מ׳דאַרף קענען פון „מועט" פאַרשטיין דאָס „מרובה", מ׳דאַרף מיטן געגעבענעם שליסל קענען געפינען דעם וועג צו פאַרשלאָסענע טויערן פון באַגערן. דאָס זענען ניט אַלע בכח צו טון. דאָס קענען נאָר די יעניקע, וואָס זענען אָמנאָנטסטן צום קינד, אין דער ערשטער ריי ווידער אַמאָל די מאַמע. די מאַמע ווייסט טאַקע אַמבעסטן, אַז דאָס „וואָרט" ביים קינד איז אַ גאַנצער „ספור המעשה". נאָך קליינע, קוים באַמערקבאַרע, שנויים אין וואָרט (אַן אַנדער טעמפּאָ פון קול: אַמאָל העכער, אַמאָל נידריקער, אַ מינע אויף דעם פּנים, אַ באַוועגונג א. א. וו.) קען זי פאַרשיידענע פּשטים און פאַרשיידענע מאָמענטן לערנען אין דעמזעלביקן וואָרט.

זענען דעם קינדס ערשטע ווערטער מוזיק-אויסערונגען, דאַן דאַרף מען ממילא האָבן אַ קאָמערטאָן, כדי צו קענען דידאָזיקע מוזיק פאַרשטיין. אַזאַ קאָמערטאָן האָט די מאַמע.

שפּעטער גייט דעם קינדס שפּראַך-אַנטוויקלונג אַלץ ווייטער פאָרויס, זיין שפּראַך ווערט אַלץ פולקאָמער, און פון איינציקע ווערטער באַקומען זיך שוין פאַרבינדונגען פון ווערטער, ס׳שאַפן זיך זאַצן. צווישן די איינצלנע ווערטער קומען די פאַרבינדונגס-ווערטער, די ווערטער וואָס באַצייכענען אַ געגנשטאַנד, צו די אַזוי גערופענע „סובסטאַנטיווע", זאַך-ווערטער קומען צו אַדיעקטיוון (אייגנשאַפטס-ווערטער) און ווערבן (צייט-ווערטער, פּועלים).

ס׳דאַרף בכלל באַמערקט ווערן, אַז אין דער אַנטשטייונג פון די ווערטער לויט זייערע מינים, איז בײַ אַלע קינדער חל די זעלביקע געזעצ-מעסיקייט, אָבער בנוגע דער אַנטשטייונג פון קאָנקרעטע ווערטער איז בשום אופן ניט צו זוכן דעמזעלביקן סדר בײַ אַלע קינדער: אין אַ געוויסן עלטער זאָל איין קינד באַנוצן אַזעלכע ווערטער, ווייל ס׳האָט זיי באַנוצט אין זעלביקן עלטער אַן אַנדער קינד.

יעדעס קינד — אין אָפּהענגיקייט פון אַ ריי סיבות — אויסערלעכע ווי

אינערלעכע — ווילט זיך אויס און אייגנט זיך צו אינדיווידועל, אויף זיין אייגענעם שטייגער, די ווערטער.

מ׳זאָל אין דעם פּרט קיין אַלגעמיינע געזעצן ניט זוכן, מ׳זאָל פון איין קינד אויף דעם אַנדערן ניט לערנען.

די אַלע ביישפּילן, וואָס מ׳קען ברענגען לגבי קאָנקרעטע ווערטער, דאַרפן דעריבער נאָר פאַרהעלטניסמעסיק, אָבער בשום אופן ניט אַבסאָלוט פאַרשטאַנען ווערן.

און יעצט עטלעכע ביישפּילן צום געזאָגטן.

פאַרבינדונגס-ווערטער, ווי „און" איז צו באַמערקן צום ערשטן מאָל בײַ קינדער אין עלטער פון $1^1/_2$—2 יאָר. „ניין" אַלס פאַרבינדונג (ניט דאָס און ניט דאָס) איז זעלטן צו באַמערקן פאַר צוויי יאָר. גראַמאַטיקאַלישע מינים איז שוין צו מערקן אין די ערשטע צוויי יאָר און אין פאָלגנדיקן סדר: אויפן ערשטן פּלאַץ: סובסטאַנטיוו (זאַכווערטער), ווייניקער: ווערבן (צייטווערטער, פּועלים), נאָך ווייניקער: אדיעקטיוון (אייגנשאַפטס-ווערטער) און ווייניקער פון אַלץ-אייגנגעמען. (דער זעלביקער סדר, אגב, פאַרבלייבט אין משך פון דער גאַנצער פריסטער קינדהייט ביזן סוף פון 6 לעבנס-יאָר פון קינד).

ווען מ׳רעדט וועגן דער גראַמאַטיקאַלישער פאַרטיילונג פון קינדס ווערטער, וועגן זייער פאַרטיילונג לויט דעם אינערלעכן זין, דאַרף מען האָבן בדעה אַט וואָס: דער הצד השוה פון אַלע מינים איז די טעטיקייט. הגם די אייגנטלעכע צייטווערטער, ווי כ׳האָב שוין אָנגעוויזן, פאַרנעמען דעם צווייטן פּלאַץ, זענען זיי אָבער, באמת די וויכטיקסטע פאָרמאַציע פון דער פריקינדערשער שפּראַך. אפילו די סובסטאַנטיוון האָבן אין דער פריסטער תקופה פון קינדס שפּראַך-אַנטוויקלונג דעם כאַראַקטער און דעם זין פון טעטיקייט, זיי זענען אומבאַדינגט פאַרבונדן מיט טעטיקייט. („מאַמע" הייסט, ווי געזאָגט ניט „מאַמע" סתם, נאָר דווקא „מאַמע, גיב! מאַמע, טו") און דאָס זעלביקע באַציט זיך אויך צו די אייגנשאַפטס-ווערטער. די לעצטע זענען פאַר דעם קינד קודם כל אַ אויסדרוק פון טעטיקייט.*)

טעטיקייט — דאָס איז בכלל ניט נאָר דאָס וויכטיקסטע, נאָר דאָס איינציקע פאַר דעם קינד אין דער אַרומיקער וועלט. דאָס קינד איז אַליין כסדר טעטיק און ער זעט אין אַרום בלויז טעטיקייט, ער מאַכט נאָך נאָר דאָס טעטיקע אין אַלע זיינע אַנטוויקלונגס-פאָרמען, דאָס איז דער אינהאַלט

*) אין דעם פּרט איז ווידער פאַראַן אַ פולשטענדיקער פּאַראַלעליזם צווישן קינד און אוראַלטן מענטשן. די אייגנשאַפט פון אַ געגנשטאַנד איז פאַר זיי ביידן, קודם כל, די פונקציע פון געגנשטאַנד, זיין ערשיינען אין טעטיקייטס-פאָרם, דאָס זעלביקע, ווי אייגנשאַפט ווערט, אגב, פאַרשטאַנען אין דער אַלטער און נייער פילאָזאָפיע.

פון זיין שפּיל און דאָס איז אויך דער אינהאַלט פון ערשטן ריידן. אַז דער געגנשטאַנד איז פאַר דעם קינד ניט קיין, צופעליקע איזאָלירטע, ניט קיין רויקע זאַך, נאָר דוקא פאַרבונדן מיט זיין ווירקן, מיט זיין קראַפט און צוועק, מיט זיין באַוועגונג און טעטיקייט קען מען דאָך זען נאָך אפילו דאַן, ווען דאָס קינד איז שוין אַ סך עלטער, אפילו נאָך באַ זיין אָנקומען אין שול.

איינער אַ קינדער פאָרשער, *) בינע, דערציילט פון זיינע קינדער (ווען זיי זענען אַלט געווען 2½—3½—4½—5 יאָר) דאָס, וואָס יעדע טאַטע-מאַמע קען, אייגנטלעך, דורכקאָנטראָלירן באַ זיינע אייגענע קינדער: ווען ער פלעגט באַ די קינדער פרעגן וועגן אַ געגנשטאַנד, וואָס דאָס איז, פלעגן די קינדער ענטפערן שטענדיק מיט דער פונקציע פון געגנשטאַנד. „וואָס איז דאָס? (אויף אַ מעסער) — דאָס איז מיט וואָס מ'שניידט... אויף אַ שער — מיט וואָס מ'שערט... א. א. וו. און פּרוווט אדרבא פרעגן שוין באַ עלטערע קינדער (פון 6-7 יאָר):

וואָס איז אַ טאַטע?

און איר וועט באַקומען אַ תשובה אומגעפער אַזאַ:

„דער וואָס פאַרדינט געלט” **)

פאַר דעם קינדס באַנוצן פון ווערטער — אפילו אין דער תקופה פון זיין זאַצן-שפּראַך — איז נאָך אינטערעסאַנט צווישן אַלעם אַנדערן, פאָלגנדי-קעס: דאָס קינד האַלט געוואַלדיק פון „גזירה שוה”, פון איבערטראָגן אַ וואָרט פון איין געגנשטאַנד אויף דעם אַנדערן לויט דער ענלעכקייט צווישן די געגנשטאַנדן. ס'איז גענוג, אַז דאָס קינד זאָל ערפאַסן דעם נאָמען פון איין באַשטימטן געגנשטאַנד, ער זאָל נאָכדעם מיט דעם זעלביקן נאָמען אָנרופן און באַצייכענען אַ ריי אַנדערע געגנשטאַנדן, וועלכע האָבן מיט דעם ערשטן אַ געוויסע שייכות, אַ געוויסע ענלעכקייט אין פאָרם אָדער אין פונקציע. באַ דערדאָזיקער איבערטראָגונג קומען אפילו פאָר קוריאָזן, ווייל דאָס קינד איז נאָך ניט בכח ווי געהעריק און פולשטענדיק צו ערפאַסן די פאַקטישע אידענטיטעט פון די פאַרשיידענע געגנשטאַנדן און דערשיינונגען. פאַר אים איז גענוג די לייכטסטע, די מכלומרשטע ענלעכקייט, כדי ער זאָל די פאַר-שיידענע געגנשטאַנדן אָנגעמען פאַר די זעלביקע. דאָס קינד פאַראַלגעמיינערט דאָס רוב אַזעלכע געגנשטאַנדן און דערשיינונגען, וועלכע האָבן אין דער ווירקלעכ-

(* A. Binet: Preceptions a l'Enfants Rev. Philos. 30. 1890.

**) און אַמאָל אויך: „דער וואָס שרייט, וואָס שלאָגט זיך”. אַ גוטער מיטל פאַר דעם טאַטן און אַנדערע צו באַקומען זייער אמתע אַטעסטאַציע פון קינדס מויל. —

קײט קײן ענלעכעס ניט אָדער — אַלנפֿאַלס — זײער װײניק ענלעכעס צװישן זיך. ער איז אין דעם פּרט אַ זעלטענער און מערקװירדיקער „מקרב רחוקים״, אַ זעלטענער מזווג און די װײטסטע זיווגים.

דאָס נעמט זיך, פֿאַרשטײט זיך, פֿון מאַנגלהאַפּטער דערפֿאַרונג, פֿון ניט גענוגנדיקער פֿעיקײט צו מאַכן פּינקטלעכע און גענױע פֿאַרגלײכונגען, פֿון דעם „אננעמען שאָטנס פֿון בױמער פֿאַר בױמער״.

אויך אין דער הינזיכט איז דאָס קלײנע קינד גלײך צום אורמענטש, װײל דער אורמענטש האָט אויך צוליב די אײגענע סיבות פֿון מאַנגלהאַפּטער דערפֿאַרונג און ניט גענוגנדיקער פֿאַרגלײכונגס-פֿעיקײט שטאַרק באַנוצט די איבערטראָגונג פֿון די זעלביקע װערטער אויף גאַנצע גרופּן פֿון געגנשטאַנדן. און מיט דעם דערקלערט זיך, הױפּטזאַכלעך, אויך דאָס, װאָס דער אורמענטש — װי דאָס קינד — האָבן זײער אַ באַגרענעצטן לעקסיקאָן, זײ באַזיצן זײער אַ קלײנע צאָל װערטער.

די אָרעמקײט פֿון שפּראַך איז דאָ אַ רײן אָביעקטיװע דערשײנונג: ניט מ׳באַנוצט װײניק װערטער, װײל מ׳האָט ניט קײן סך װערטער, נאָר בעיקר, װײל מ׳דאַרף ניט קײן סך װערטער.

ס׳איז ניט קײן עקאָנאָמיע צוליב נױט, ס׳איז ניט קײן עקאָנאָמיע, בײַ װעלכער די הוצאה (דאָס געברױכן פֿון װערטער) מוז מיט אָנשטרענגונג פֿאַרקלענערט װערן, װײל די הכנסה (דער באַזיץ פֿון װערטער) איז קלײן, ס׳איז, פֿאַרקערט, אַ זײער נאַטירלעכע עקאָנאָמיע: די הוצאה איז קלײן, װײל ס׳איז גאָר קײן נױטיקײט ניט פֿאַראַן אין אַ גרעסערע הוצאה.

און זאָל בײַ דער געלעגנהײט באַטאָנט װערן, אַז ס׳איז שטאַרק איבער-טריבן די מײנונג, אַז דאָס קינד — װי דער אוראַלטער מענטש אַמאָל — לײדן פֿון חבלי לשון, פֿון דעם, װאָס זײער לעקסישער אײגנס איז אַסך קלענער פֿון זײער אַלגעמײנעם אַנטװיקלונגס-פֿאַרמעגן, פֿון יענעם פֿאַרמעגן, װעלכן זײ מוזן ברענגען צום אױסדרוק מיט דער הילף פֿון זײער שפּראַך. אַ געװיסע אַנשטרענגונג אין דעם פּרט איז יאָ פֿאַראַן, די פֿאַרשטענדניש פֿאַר געגנשטאַנדן און דערשײנונגען אין דער אַרומיקער װעלט קומט, אמת, װי געזאָגט, פֿריער, װי די נעמען פֿון די דאָזיקע געגנשטאַנדן און דער-שײנונגען, די אָנשטרענגונג איז אָבער ניט און קען ניט זײן אַזױ גרױס, װי בײַ אונדז דערװאַקסענע, װײל דער אונטערשײד צװישן דער פֿאַרשטענדניש און איר שפּראַכלעכער פֿאַרטײטשונג איז ניט אַזױ גרױס, װי בײַ די דער-װאַקסענע.

דאָס קינד, װי דער אורמענטש בכלל, פֿילט זײער װײניק מאַנגל

אין שפּראַך-מעגלעכקייטן, דאָס וואָס ער דאַרף קען ער אויך אויסדריקן שפּראַכלעך.

די שפּראַכלעכע אַנטוויקלונג גייט דאָ — בכלל גענומען — האַנט בײַ האַנט מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג: קומט צו אַ נײַע דערפאַרונג, קומט צו אַ נײַער באַגריף, ווערט מיט עפּעס באַרייכערט דער אינווענטאַר פון פאַרשטאַנד, דאַן קומט אויך צו דאָס נייטיקע וואָרט, דער נויטיקער שפּראַכלעכער אויסדרוק. און מערקן מיר אַ נײַע שפּראַכלעכע דעראָבערונג, איז עס פאַר אונדז צוגלייך אַ באַווײַז פון אַ צוגעקומענעם באַגריף, פון אַ דורכ-געמאַכטער, נײַער דערפאַרונג.

קיין שפּראַך איז נאָך ניט אַזוי אינערלעך-וואָר, אַזוי ערלעך, אַזוי אָרגאַניש געבונדן מיט דעם דענקען, קיין שפּראַך איז נאָך ניט אַזאַ פּינקט-לעכער שפּיגל פון אינערלעכן, ווירקלעכן לעבן, ווי די שפּראַך פון קינד און אורמענטשן. דאָס קינד, ווי דער אורמענטש, זעען נאָך ניט אין דער אַרומיקער וועלט יענע גרויסע, יענע אומענדלעך גרויסע פילהייט פון געגנ-שטאַנדן און דערשיינונגען, ווי מיר, דאָס קינד, ווי דער אורמענטש, באַזיצן נאָך ניט אין דער געהעריקער מאָס די פעיקייט אויפצונעמען די פאַרשיידנהייט אין דער אַרומיקער וועלט, פאַר זיי עקזיסטירן נאָך זייער אין אַ קלענער מאָס די „לא הרי כהרי" און דער „צד השוה", פאַרקערט, קומט נאָך בײַ זיי פאָר אַ סך הויפיקער ווי בײַ אונדז.

און דעריבער איז זייער שפּראַך די שפּראַך פון אמאַנימען, די שפּראַך פון דיזעלביקע, גלײַכקלינגנדיקע ווערטער פאַר מערערע געגנ-שטאַנדן, דעריבער באַנוצן זיי אַזוי שטאַרק די איבערטראָגונג פון די זעלביקע נעמען אויף אַ סך אָביעקטן.

דאָס געבראַכטע וואָרט „אמאַנימען" דאַרף אָבער דאָ לגבי דער שפּראַך פון קינד און אורמענטש פאַרשטאַנען ווערן אויך ניט אַזוי, ווי לגבי אונדזער שפּראַך: בײַ אונדז זענען די גלײַכקלינגנדיקע אמאַנימען פאַר גאָרניט גלייך קלינגנדיקע געגנשטאַנדן אַ רעזולטאַט פון שפּראַכלעכער מאַנגלהאַפטיקייט, פון אַ איבערוואַקס פון אונזער באַגריפן-הכנסה איבער אונזער שפּראַכלעכער הוצאה, בײַ קינדער (און אורמענטשן) זענען אָבער די אַמאַנימען אַ בפירושע פאָלדעקונג פון זייערע באַגריפן, ניט נאָר די אמאַנימען זענען שפּראַכלעך גלייך קלינגנדיק, נאָר אויך די באַצייכנטע דורך זיי געגנשטאַנדן זענען פולשטענדיק אינהאַלטלעך, באַגריפלעך גלײַכקלינגנדיק. זיי טראָגן איבער די נעמען פון איין געגנשטאַנד אויף אַנדערע ניט דערפאַר, וואָס די אַנדערשקייט גופא איז יאָ אָנערקענט, נאָר די אַנדערשקייט צו פאַרצייכנען איז ניט מעגלעך, נאָר פּשוט דערפאַר,

וואָס די אַנדערשקייט גופא ווערט גאָרניט — אָדער זייער ווייניק — אַנערקענט און די עצם-נויטיקייט פון באַצייכענען דידאַזיקע אַנדערשקייט פעלט און פאַלט אָפּ.

ביישפּילן צו דער איבערטראָגונג, צו דער אייגנאַרטיקער באַנוצונג פון אָמאַנימען אין קינדס-שפּראַך איז גאָרניט נויטיק צו ברענגען אַ סך. אַזעלכע איבערטראָגונגען קען יעדער באַאָבאַכטער לייכט געפינען. טאַטע-מאַמע קענען זיי אָנצייכענען זייער פיל בײַ זייער אויפמערקזאַמען נאָכפאָלגן די שפּראַך-אַנטוויקלונג פון זייערע קינדער. כ׳באַנוגן זיך דאָ בלויז, בדרך משל, מיט עטלעכע ביישפּילן.

ביים קינד הייסט האַם-האַם, למשל, עסן בכלל, און אַלע, אַלע, אָן אונטערשייד שפּייזן און אַפילו אויך אַלע מכשירים ביים עסן: די מילך-פלאַש, ווי די לעפל, גאָפל, טעלער, וועלכע ער זעט ביי די דערוואַקסענע.

„האַוו-האַוו" הייסט ביים קינד אַ היפּשע צייט ניט בלויז אַ הונט נאָר יעדע פּירפּיסיקע חיה בכלל און אַפילו דאָס שפּילצייג מיט וועלכן ער שפּילט זיך.

דאַרווין דערציילט וועגן זיין קינד, אַז פריער האָט „עסן" ביי אים געהייסן: „נעמבי", שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַקאַנט אָנצורופן שפּראַכלעך אויך צוקער, האָט דאָס לעצטע בײַ אים געהייסן: „צונעמבי" (ד. ה. בלויז צוגעגעבן צו זיין אַלג. וואָרט פאַר עסן דעם אָנהייב-טראַף פון צוקער) און נאָך שפּעטער האָט ער שאָקאָלאַד אָנגערופן: „שוואַרצע צונעמבי". אין די אַלע פאַלן איז „נעמבי" די פאַראַלגעמיינערונג, די איבערטראָגונג פון איין וואָרט אויף באַזונדערע געגנשטאַנדן, לויט דער פאַראַנענער צווישן זיי שייכות.

לינדער דערציילט, אַז זיין קינד האָט אויפן 24-טן לעבנס-חודש אָנגערופן די דעקן-גלעזלעך פון לאַמפּ — „ברילן". אויף דעם 36-טן חודש האָט אַ קאָנווערט בײַ אים געהייסן ניט אַנדערש, ווי „ברילן פון בריוו".

פרייער דערציילט, ווי זיין קינד האָט דאָס איינמאָל געהערטע (אויף זיין געבורטסטאַג) וואָרט „געבורטסטאַג", זיך צוגעאייגנט אין אַ פאַרגרייזטער פאָרם: בורטסאַ. און מיט דעמדאָזיקן וואָרט האָט ער שפּעטער באַצייכנט אַלעס, וואָס ס׳האָט אים פאַרשאַפט פרייד.

אַ ענלעכע באַאָבאַכטונג פון אַ יידישן קינד: ער האָט איינמאָל מוצאי יום-כפור, ווען מ׳האָט געטיילט, ווי דער מנהג איז, ביים אָפּפאַסטן זיך לעקעך און מ׳האָט געווונטשן איינע די אַנדערע אַ „גוט יאָר", זיך צוגעאייגנט דאָס געהערטע וואָרט („אַ גוט יאָר") און האָט שפּעטער אין משך פון אַ גאַנץ לאַנגער

צייט מיט דעמדאָזיקן וואָרט באַצייכנט אַלע זיסע זאַכן און נאַשערייען בכלל:

„מאַמע איך וויל אַ זיס יאָר״! —

ראָמאַנעס דערציילט אַ מערקווירדיקן פאַקט פון זיין קינדס שפּראַכלעכער פאַרפלעמיינערונג. דאָס קינד האָט אַמאָל צופעליק, זעענדיק אַ ענטל אויפן טייך, געהערט דאָס וואָרט „krak“, האָט ער עס פאַרבונדן מיט דעם געזעענעם ענטל. און שפּעטער אָבער האָט ער אין משך פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט מיט דעמזעלביקן וואָרט אָנגערופן אַלע בכלל פייגל און אַפילו אינזעקטן, און ניט נאָר זיי אַליין, נאָר אַפילו אַלע פליסיקייטן און נאָך שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט דערזען אַ אָדלער אויף אַ מטבע, האָט ער אָנגעהויבן אויך אַלע מטבעות מיט דעמזעלביקן נאָמען צו פאַרצייכענען.

מיימאַן באַמערקט מיט רעכט, אַז „באַבע״ הייסט ביים קינד יעדע פרוי וואָס טראָגט אַ הויב, יעדע אַלטע פרוי בכלל.

אַ קוריאָזן פאַקט אין דעם פּרט געפינט מען אויך ביי אַ פאָרשער שוין פון עלטערע קינדער, סאָהלמאַן. ס׳האַנדלט זיך דאָ שוין וועגן אַ זעקס יאָריקן-קינד — און די איבערטראָגונג ווי ס׳איז צו זען פון דעם פאַל דויערט נאָך גאַנץ לאַנג אין קינדס לעבן. ווען מ׳האָט ביים קינד געפרעגט: וואָס איז גאָט? האָט ער תּיכּף אָן פאַרלעגנהייט געענטפערט: האַרמאָניקא. די סיבה פון אַזאַ געשאַפענער מערקווירדיקער פאַרבינדונג צווישן גאָט און האַרמאָניקא איז פאָלגנדיקע: ביי זיי אין שטוב איז געווען אַ שכן, וועלכער האָט שטאַרק באַאומרויקט די איבעריקע איינוווינער פון שטוב מיט זיין אומאויפהערלעכן שפּילן אויף זיין האַרמאָניקע. איינמאָל איז די מאַמע אַרויס פון געדולד און האָט אויסגעשריען אין פאַרצווייפלונג, דערזעענדיק ווי יענער נעמט די האַרמאָניקע: „אָ, מיין גאָט״! — און דאָס איז גענוג געווען, אַז ביים קינד זאָל אין משך פון אַזאַ לאַנגער צייט, ביז זיין זעקסיאָריקן עלטער אַריין, „גאָט״ פאַרבונדן זיין מיט „האַרמאָניקע״.

דער לעצטער פאַל איז, פאַרשטייט זיך, אַ אויסנאַם-פאַל. דאָס קינד האָט געמוזט זיין אַ שטאַרק אָפּגעשטאַנעס, אויב ביי אים האָט זיך אַזאַ זינלאָזע איבערטראָגונג געקענט איינהאַלטן ביז צום עלטער פון פאַרהעלטנסמעסיק גרעסערער און פולערער שפּראַך-אַנטוויקלונג. ער איז אָבער זייער באַלערנדיק פאַר דעם, ווי אַזוי ביי קינדער ווערן די איבערטראָגונגען געמאַכט: גענוג די קלענסטע, די צופעליקסטע שייכות צווישן צוויי אָדער מערערע געגנשטאַנדן, זיי זאָלן אַלע באַקומען איין און דעמזעלביקן נאָמען.

ווען טאַטע-מאַמע זאָלן גוט באַטראַכטן און נאָכפאָלגן די שפּראַכלעכע אַנטוויקלונג פון זייער קינד, די אַנטשטייונג פון איינצלנע ווערטער, וועלן זיי

אַלע זיכער אויסגעפינען ביידע פאַקטן: 1) די איבערטראָגונג פון איין וואָרט אויף מערערע געגנשטאַנדן און 2) וואָס איז נאָך פיל אינטערעסאַנטער — אַז די באַנוצטע ווערטער נעמען זיך פון אַ צופעליק אויפגעכאַפּטן וואָרט ביי זיי גופא, פון אַ לייכטער און קנאַפּער שייכות צווישן די באַצייכנטע מערערע געגנשטאַנדן.

דאָס קינד איז אַלזאָ זייער שפּאָרזאַם אין זיין שפּראַך. און דידאָזיקע שפּאָרזאַמקייט נעמט זיך בעיקר דערפון, וואָס ער האָט נאָך אַ קנאַפּע דערפאַרונג, וואָס ער אונטערשיידט נאָך ווייניק צווישן די באַזונדערע געגענשטאַנדן פון דער אַרומיקער וועלט.

אַ ראיה צום פעלן פון פאַרשידנהייטס-באַגריף איז אויך דאָס שפּעטע באַנוצן אין דער קינדלעכער שפּראַך פון וואָרט „איך" בפּרט און פון ערשטער און צווייטער פּערזאָן בכלל.

אַ קינד באַנוצט גאַנץ לאַנג ניט די נאָמען-ווערטער: דו, איך, איר, מיר — ווען ער ווענדעט זיך צו די נאָענסטע מענטשן מענטשן אַפילו אָדער ווען ער רעדט וועגן זיך. אָנשטאָט די נאָמען-ווערטער קומען די סובסטאַנטיוו-ווערטער: פּאַפּע, מאַמע א. א. וו.

וועגן זיך רעדט ער אויך ניט מיטן לשון „איך", נאָר רופט זיך אַליין שטענדיק אָן ביים נאָמען און גראָד ביי יענעם נאָמען, פאַרצערטלטן און פאַרציגענעם נאָמען, וועלכן ער הערט ווידעראַמאָל פון די אַרומיקע: „יענקעלע וויל דאָס און דאָס", „שרהלע האָט דאָס און דאָס געמאַכט".

די פאָרם פון ערשטער און צווייטער פּערזאָן פעלט דעם קינד דערפאַר, וואָס ביי אים איז נאָך אַ קנאַפּ-אַנטוויקלטע אונטערשיידונגס-פאַרשטענדעניש, וואָס ביי אים הערשט נאָך די פאַראַלגעמיינערונג. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט גראָד דאָס שפּעטע באַנוצן פון וואָרט „איך".

דאָס קינד רעדט וועגן זיך אַליין אין דריטער פּערזאָן, ווייל ער אַליין איז נאָך פאַר אים פּונקט אַזאַ אַנדערער, ווי אַלע איבריקע אַרום אים. נאָך מער: ער האַלט זיך אַליין אַפילו ניט פאַר אַ לעבעדיקן געגנשטאַנד און אונטערשייד פון אומבאַלעבטע. ער מאַכט אפילו דידאָזיקע אויסטיילונג לגבי זיך ניט. ער שפּילט מיט זיך אַליין, ער שפּילט מיט דעם אייגענעם הענטל און פיסל, ווי מיט זייטיקע שטומע געגנשטאַנדן, פּונקט אַזוי ווי ער שפּילט מיט דעם שטעקן. ער קען איינער אַליין אויספילן פאַרשיידענע ראָלן אין שפּיל. ער איז אַליין דאָס פערדל, למשל, אַליין דער אָנטרייבער און אַליין דער וואָגן — און ווען מ׳דאַרף, אויך דער פּאַסאַזשיר, וואָס זיצט אין וואָגן.

אַזעלכעביישפּילן קען מען ברענגען זייער פיל. זיי זענען אָבער באַקאַנט אַלע, וואָס האָבן צו טון מיט קליינע קינדער און טאַטע-מאַמע אין דער

ערשטער ריי. און ווען אפילו דאָס קינד באַנוצט שוין צום ערשטן מאָל דאָס וואָרט „איך", איז עס נאָך כלל ניט קיין באַווייז פון זעלבסטבאַשטימונג, ווי מ'האָט פריער געטראַכט און דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע. ס'איז נאָך כלל ניט קיין ראיה, אַז דאָס קינד האָט זיך געפונען, אַז ער האָט באַקומען די פעיִקייט פון אונטערשיידן זיך פון אַנדערע, ס'איז אָפט נאָר אַ נאָכמאַכונג און ניט מער. ער האָט דאָס וואָרט „איך" געהערט אין דער שפּראַך פון די דערוואַקסענע און ער חזרט עס איבער ווי אַ סך אַנדערע געהערטע ווערטער, ניט אַריינלייגנדיק אין זיי דעם אמתן ווירקלעכן זין, נאָר צוגעבנדיק זיי גאָר פאַרקערט, אַ פאַלשן, אַן אייגענעם זין.

אַ באַזונדער אינטערעסאַנטע דערשיינונג אין קינדס שפּראַך־אַנטוויקלונג איז די פאָרליבע צו גראַמען, צום אויסערלעכן ריטם פון די ווערטער.

שוין דאָס ערשטע מורמלען פון קינד איז, אייגנטלעך, אַ גראַמען קאָמבינאַציע. די ערשטע קלאַנגען, וואָס מיר הערן פון קינד, זענען דאָך שטענדיק אַן איבערחזרונג פון איין און דעמזעלביקן קלאַנג, דאָס רוב פון וואָקאַלן (ווייל זיי זענען לייכטער) אַ — אַ — אַ א. א. וו, די ערשטע ווערטער פון קינד זענען אַ איבערחזרונג פון די זעלביקע טראָפן: מאַ־מאַ, פּאַ־פּאַ, האַם־האַם, האַוו־האַוו א. א. וו. נאָך שפּעטער, ווען דאָס קינד האָט שוין אַ אינטערעס פאַר מעשה'לעך, געפעלן אים אַממערסטן יענע, וועלכע זענען לויט זייער פאָרם — מעשהלעך־לידעלעך מיט געגראַמטע שורות. מ'דאַרף קיין סך ביישפּילן ניט ברענגען. גענוג זיך איינמאָל צו שטעלן די פראַגע: פאַרוואָס האָבן קינדער אַזוי ליב די וויג־לידעלעך, ערשטנס — דאָס געזאַנג. דאָס געזאַנג גופא איז אַ אויסדרוק פון ריטמיק, אָבער ניט נאָר דאָס געזאַנג, אַ גרויסע ראָל שפּילן דאָ אויך די געגראַמטע שורות (אַלע וויג־לידעלעך זענען דאָך געגראַמטע): שלאָף, שלאָף, מיין פייגעלע, מאַך צו דיין אויגעלע, דער מלאך דער גוטער, ער וועט זיין דיין היטער א. א. וו. און שפּעטער, שוין אין וואָר, פאָדערט דאָס קינד ווידער געגראַמטע מעשה'לעך. מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן, למשל, כאַפּן די קינדער שוין אַליין אונטער דעם נויטיקן גראַם, דעם נויטיקן געגראַמטן ענטפער אויף דער פראַגע:

(דער טאַטע וועט קומען פון דאָרף)

— וואָס וועט ער ברענגען? אַפּלעשעלע ביר.

ווו וועט ער שטעלן? — קינדס ענטפער: אונטערן טיר א. א. וו.

ס'מאַכט ניט אויס, וואָס דער קליינער צוהערער פון די געגראַמטע מעשהלעך־לידעלעך פאַרשטייט ניט זייער זין, וואָס דאָס רוב קינדער־מעשה'לעך זענען זינלאָז אָדער, אַלנ־ פאַלס, שווער באַגרייפלעך: פאַר דעם

קינד איז אויך דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע אָרטן, וויכטיק דאָס געהערטע אַלס נאָכמאַכונגס־מאַטעריאַל, און גאָכמאַכן איז אַסך לייכטער דאָס געהערטע, נאָר דאַן ווען ס'איז שוין אַליין אַ פאַרטיקע שטיק נאָכמאַכונג, ווען ס'איז אין אַ געגראַמטער פאָרם.

די גראַמען זענען אַ הילפס־מיטל צו דער נאָכמאַכונג און דאָס איז זייער הויפט באַדייטונג.

און נאָך שפּעטער, ווען דאָס קינד נוצט אויס די שפּראַך אין זיין שפּיל, פאַרווענדעט ער זי ווידעראַמאָל אין אַ געגראַמטער פאָרם.

ביי דעם, אַזוי באַקאַנטן, למשל, גורל־וואַרפן פון נאָך גאָר קליינע קינדער (4—5 יאָר) — אַ מיטל פאַר דער ראָלן־פאַרטיילונג ביים שפּילן — זענען געגראַמטע — אָפט זינלאָזע זאַצן — אין אויסשליסלעכן געברויך.

„אָדער לידער ליי" א. א. וו.

„האָקום־באָקום בענדזע גלאָקן" א. א. וו.

די פאַרליבע צו גראַמען איז ביי אַלע קינדער — אומאָפּהענגיק פון סאָציאַלן שיכט, פאָלק און לאַנד — פאַראַן. ס'איז אַ אינטערנאַציאָנאַלע דערשיינונג, פּונקט אַזוי ווי ס'איז פאַראַן אַ באַשטימטע צאָל ווערטער, וועלכע זענען, לויט דער אָנווייזונג פון קינדער־פּסיכאָלאָגן, אינטערנאַציאָנאַל אין ערשטן קינדערשן שפּראַך־געברויך. די סיבה פון אַזאַ מערקווירדיקן אינטער־נאַציאָנאַליזם איז דיזעלביקע געזעצמעסיקייט, וועלכע ווירקט בא אַלע קינדער און די נאָכמאַכונג אין דער ערשטער ריי.

כ'האָב שוין אויבן אָנגעוויזן, אַז די ערשטע פיר יאָר פון קינדס לעבן זענען אַ באַזונדער אָפּשניט לגבי דער שפּראַך־אַנטוויקלונג. דאָס איז ערשטנס צוליב דעם, וואָס אין משך פון דידאָזיקע ערשטע פיר יאָר ווערן דורכגעמאַכט אַלע שווערסטע פאַרשטופן בכלל פון קינדס שפּראַך־אַנטוויקלונג און באַזונדערס צוליב דעם, וואָס צום סוף פון פערטן יאָר באַקומט דאָס נאָרמאַלע אַנטוויקלטע קינד זיין פולע דיקציע. ביז דער צייט פעלן נאָך דעם קינד געוויסע קלאַנגען. ער קען נאָך געוויסע קלאַנגען נישט גענוג שאַרף אויסדריקן. ס'זענען באַקאַנט די אייגנאַרטיקייטן פון קינדס אַרטיקולירן. כ'האָב זיי פריער שוין דערמאָנט: ק' און ג' ווערן אויסגערעדט ווי ט', ס' און ש' — ווערן ניט אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע א. א. וו. צום סוף אָבער פון 4־טן יאָר, אין 5־טן געבורטס־טאָג זיינעם איז שוין דאָס קינד אַ באַזיצער פון אַ גענוג־גוטן „חיתוך־הדבור", ער קען שוין אַלע קלאַנגען ווי געהער צו זיין באַנוצן.

עס טרעפן אָבער אויך אויסנאַמען, ס'קומט אָפט פאָר, אַז קינדער פאַרשפּעטיקן מער אָדער ווייניקער מיט זייער פאַרענדיקטער דיקציע, אַז זיי דריקן נאָך לאַנג אויס ניט ריכטיק דעם אָדער יענעם קלאַנג.

און אַ באַמערקונג צו דעמדאָזיקן פאַל.

טאַטע-מאַמע זענען דאָס רוב פון זאָ פאַרשפּעטיקונג זייער איבערגע-שראָקן. זיי מיינען, אַז ס'איז ניט נאָר אַ פאַרשפּעטיקונג, נאָר אַן אָרגאַנישער פעלער. זיי ווענדן זיך צו דאָקטוירים און נעמען אַן מיטלען.

זייער זעלטן, אָבער, איז עס באמת אַן אָרגאַנישער פעלער (מאַנגל אין געוויסע פאַרטיען פון די שפּראַך אָרגאַנען). דאָס רוב, אין דער איבערוויגנ-דיקסטער צאָל פאַלן, איז עס פשוט אַ פאַרשפּעטיקונג און ניט מער. ס'וועט מיט דער צייט פאַריבערגיין און דאָס קינד וועט רעדן גוט, ווי ס'דאַרף צו זיין.

אָבער נאָך וויכטיקער איז צו געדיינקען אין אַזעלכע פאַלן אָט וואָס:

אויך דאָ דאַרף מען זיך ניט ווענדן צו ווייטע דאָקטוירים, צו פאַרריכטן דעם פעלער, נאָר בעסער איז אַליין לכתחילה צו זיין דאָקטוירים און פון אָנהויב און צו פאַרהיטן פון פעלערן.

אָפט טראָגן די שולד פאַר דעם קינדס פאַרשפּעטיקטער דיקציע טאַטע-מאַמע און די נאָענסטע מענטשן אַליין, זיי ריידן מיטן קינד ניט גענוג שאַרף, זיי מאַכן זיך לוסט פון ריידן מיטן קינד—„קינדיש". ס'איז פאַר זיי גרויסער פאַרגעניגן און אויך אַ בכוהדיקער מיטל כדי פאַרשטענדלעכער און צוגעגנגלעכער צו מאַכן דאָס ריידן פון דעם נאָך ניט גענוג פאַרפאָלקאָמטן קינד. ס'איז אָבער טעות, וואָס ברענגט אומגעהויערן שאָדן.

טאַטע-מאַמע דאַרפן אויך אין דער הינזיכט געדענקען, אַז זיי זענען לערער און ווי אַזוי דער לערער לערנט, אַזוי נעמט איבער דער תלמיד, דאָס קינד. דאָס קינד מאַכט נאָך און וואָס ער הערט, דאָס ווערט פון אים באַכגעמאַכט: ריידן די עלטערן שאַרף, מאַכט ער נאָך געצוי און לערנט זיך אַסך פריער אויס אַליין שאַרף צו ריידן. שפּילן זיי זיך אָבער אין שפּראַך-„פאַרלייכטערונגען" און ריידן מיט פאַרשיידענע באַוווסטזיניקע אומפּינקטלעכ-קייטן—וועט דאָס קינד ממילא אויך שפּעט אָנהויבן צו ריידן גוט, ווייל ער מאַכט נאָך אַ לאַנגע צייט דעם פאַלשן מוסטער.

ווייל מען, אַז דאָס קינד זאָל אין דער געהעריקער צייט באַקומען זיין פולע דיקציע, מוז מען, קודם-כל אַליין ריידן מיט און אַרום דעם קינד שאַרף און זען ניט צו פאַרשלינגען קיין קלאַנגען.

דאָס איז דער הויפּט כלל פאַר פאַרשנעלערן די גוטע דיקציע אין קינדס-שפּראַך. דאָס איז אָבער צו דער גלייכער צייט אויך דער הויפּט-כלל פאַר פאַרשנעלערן דאָס ריכטיקע בכלל ריידן פון קינד.

כ'האָב שוין אויבן אָנגעוויזן אויף דער פאַרגרייזונג אין קינדס-שפּראַך. אויף דעם, ווי אַזוי געטרופענע קינדערשע „אייגענע" ווערטער זענען בעצם נאָר אַ פאַרגרייזונג פון די געהערטע ווערטער. אַ גרויסן טייל פון שולד

אין דערדאָזיקער פאַרגרייזונג איז ווידער דאָס ריידן מצד די עלטערן און אַרומיקע מיט אַ ספּעציעל קינדערשער שפּראַך.

עלטערן מאַכן דאָ אַ גרינטלעכן טעות: אַנשטאָט דאָס קינד זאָל זיי נאָכמאַכן, מאַכן זיי אַליין נאָך דעם קינד, באַמיען זיך צו ריידן מיטן קינדס לשון און זיי גיבן דערמיט אַ פאַלשן מוסטער דעם קינד, וועלכער זעט אין דעם דערוואַקסענעמס שפּראַך פריער פאַר אַלץ אַ מוסטער פאַר זיך, פאַר זיין נאָכמאַכונג.

און דעריבער איז די פאָדערונג אויך אין דעם פּרט: ר י י ד מ י ט ן פּ ו נ ק ט ו ו י ד ו ר ע ד ס ט ב כ ל ל.

מ'דאַרף זיך אַלעמאָל צופּאַסן צום קינדס אַנטוויקלונג, מ'דאַרף ניט באַנוצן ק י י ן צ ו ש ו ו ע ר ע, ווערטער, קיין לכתחילה-אומבאַגרייפלעכע ווערטער אָבער די יעניקע ווערטער, וועלכע מ'באַנוצט יאָ, דאַרפן אומבאַדינגט זיין ריכטיק און פולקלאַנגיק!—

ווי גרויס איז דעם קינדס לעקסיקאָן צו פאַרשיידענע צייטן? ווי רייך איז דער סכום ווערטער, וועלכן אַ נאָרמאַל קינד דאַרף באַזיצן?

מ'קען עס באַשטימען, פאַרשטייט זיך, נאָר אומגעפער, נאָר אין אַלגעמיינע ראַמען, פון וועלכע ס'זענען פאַראַן קלענערע אָדער גרעסערע אויסנאַמען.

פריער פאַר אַלעס איז וויכטיק פאַר דער רייכקייט פון קינדערשן לעקסיקאָן די ס ב י ב ה, אין וועלכער דאָס קינד לעבט, ס'איז אָפּהענגיק פון דעם וו י פ י ל מ'רעדט אַרום אים. דאָס קינד אין דאָרף באַזיצט אַ קלענערן סכום ווערטער, ווייל דער דאָרפסמאַן בכלל, די מענטשן, וואָס רינגלען אַרום דאָס קינד ריידן, אין פאַרגלייך מיט דער שטאָט-באַפעלקערונג, אַ סך ווייניקער. אַ קינד פון אַ בורזשואַז-אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע וועט זיין באַרעדעוודיקער פון אַ פּראָלעטאַרישן קינד, ווייל די פּראָלעטאַרישע עלטערן זענען ערשטנס דאָס רוב ניטאָ אין דערהיים און דאָס קינד ניט נאָר ער הערט זיי ניט ריידנדיק, נאָר ער זעט זיי אפילו זעלטן. אויב פּראָלעטאַרישע עלטערן קענען אויף זיך זאָגן מיט ראָזענפעלדס ווערטער:

„כ'האָב אַ קליינעם יינגעלע, אַ יינגעלע אַ פראַכט,

זעלטן, זעלטן זע איך אים, איך זע אים נאָר ביינאַכט". —

איז פון וועמען זאָל דאָס קינד שעפּן זיין ווערטער-אינווענטאַר? אָבער אפילו ווען זיי זענען שוין יאָ אינדערהיים, זענען זיי מידע, זענען זיי ווייניק, אַ סך ווייניקער אַלענפאַלס ווי די לײַדיקגײערישע רייכע עלטערן, אויפגעלעגט צום ריידן. זיי ריידן נאָר דאָס אומבאַדינגטסטע, און דאָס קינד הערט ווידער ווייניק ריידן אַרום זיך און ממילא האָט ער ווייניק מוסטערן פאַר זיין נאָכמאַכונג, ווייניק מאַטעריאַל פאַר זיין שפּראַך-באַרייכערונג.

אַ גרויסע ווירקונג אויף דער באַרייכערונג פון קינדס ווערטער-סכום האָבן אויך דעם קינדס ברידער און שוועסטער. אַ קינד, וואָס וואַקסט אַ בן-יחיד, למשל, אָדער, אַ קינד, וועמענס ברודער אָדער שוועסטער איז עלטער פון אים מיט אַ סך יאָרן — וואָס מ'טרעפט איצט זייער, זייער אָפט — וועט זיין אָרימער אין שפּראַך ווי דאָס קינד מיט אַ סך געשוויסטער, מיט אַזעלכע געשוויסטער, פון וועלכע ס'טיילט אים ניט אָפּ קיין צו גרויסער עלטער-אונטערשייד, (איינער פון אַנדערן זאָל זיין עלטער מיט אַ יאָר—צוויי).

אַ קינד אונטערהאַלט זיך אַמליבסטן מיט קינדער פון זיין עלטער און נאָך מער: מיט אייגענע געשוויסטער, דורך אַזאַ אונטערהאַלטן וועט דאָס קינד ווערן פיל באַרעדעוודיקער, פון דעם און דורך דעם פאַרגרעסערט ער זיין שפּראַך-פאַרמעגן*).

מיידלעך לערנען זיך גיכער אויס צו ריידן פון ייִנגלעך און זייער שפּראַך איז אויך רייכער, מער אין ווערטער-צאָל פון דער שפּראַך ביי ייִנגלעך.

ס'טרעפן זיך אָבער אויך פאַרקערטע פאַלן.

דאָס וויכטיקסטע ביי דער צאָל פון ווערטער אין קינדס שפּראַך איז, ווי געזאָגט, דאָך די סביבה און דער פאַקט צי האָט דאָס קינד אַרום זיך שטענדיק מענטשן אָדער ער וואַקסט אין איינזאַמקייט.

ס'דאַרף נאָך באַמערקט ווערן, אַז איינזאַמקייט איז בכלל ניט דער אויסשליסלעכער גורל פון אָרעמען קינד. זי איז אויך אָפט ביי רייכע קינדער. די רייכע מאַמעס זענען זיך נוהג זייערע קינדער גאַנץ פרי אָפּצוגעבן אויף די הענט פון ספּעציעלע „דערציערינס". זיי פאַרשפּאַרן דאָס קינד צוזאַמען מיט זיין דערציערין אין שטוב-אַרעסט, אין „קינדער-צימער", גיבן דעם אַרעסטירטן מיט דעם צו אים צוגעשטעלטער היטערן, ווו אין אַלע טורמעס, אַ באַגרעניצטע צייט פון שפּאַצירן, פון פאַרקער מיט דער אַרימיקער וועלט און, קודם-כל, מיט די נאָענסטע מענטשן; אַלע טאָג, אין אַ באַשטימטער צייט, גייט די דערציערין מיטן קינד שפּאַצירן, האַלטנדיק דערביי דעם זייגער, כדי ניט איבערצוכאַפּן די מאָס, חלילה. די מאַמע וויזט זיך דעם קינד זייער זעלטן, ער איז פאַר איר בלויז איינער פון אירע מערערע פאַרווייַלונגס-מיטלען, פון פאַרווייַלונג צו פאַרווייַלונג „כאַפּט זי זיך אַריין" צום קינד, כדי מיט אים זיך אַביסל צו שפּילן. אַזאַ קינד הערט ווייניק ריידנדיק, האָט ווייניק שפּראַך-ביישפּילן און וועט באַזיצן אַן אָרעמע שפּראַך, פּונקט ווי זיין גאַנצע אַנטוויקלונג בכלל וועט זיין אַ אָפּגעשטאַנענע.

די אומגעפּערע צאָל ווערטער פון קינדס שפּראַך איז, ווי ס'גיט אָן איין קינדער פּסיכאָלאָג, סיעללי, אַזאַ:

ביי 1 יאָר — 50 ווערטער. צו אַנדערטהאַלבן יאָר — פון 120 ביז 210

*) זע אין ביכל: „די טראַגעדיע פון בן-יחיד", „עלטערן-ביבליאָטעק". 1926, בערלין.

ווערטער. אַן אַנדער קינדער באָאָבאַכטער*) גיט אָן אַזעלכע צאָלן לויט די איינצעלנע יאָרן:

אין משך פון די ערשטע צוויי יאָר — ס״ה 357 ווערטער
" " " דריטן יאָר — 785 "
" " " פערטן " — 462 "
" " " פינפטן " — 306 "
" " " זעקסטן " — 587 "

כ׳האָב שוין אָנגעוויזן, אַז די אַלע אויפגעגעבענע צאָלן זענען נאָר אומגעפערע. זיי קענען אָבער געבן אַן אַלגעמיינע אַנונג וועגן דער לעקסישער אַנטוויקלונג פון קינדס שפּראַך.

אינטערעסאַנט איז דערביי אויך די טיילונג פון די ווערטער לויט זייערע שפּראַכלעך-גראַמאַטיקאַלישע מינים. מיר נעמען דידאַזיקע טיילונג פון באָאָבאַכטונגען, וואָס עלטערן האָבן געמאַכט איבער זייערע אייגענע קינדער**).

די ווערטער ווערן דאָ לויט זייער שפּראַכלעך-גראַמאַטיקאַלישער טיילונג אויפגעשטעלט אין פאָלגנדיקן סדר:

יאָר	ס״ה	סובסטאַנטיווע ווערטער (שמות-עצם. זאַכווערטער)	ווערבן (פּעלים טוּאונגען)	אדיעקטיוון. (תאַר, אייגנשאַפטס-ווערטער)	אדווערבן	פּראָנאָמינא (שמות הגוף אייגנצמען)	פאַרשיידענע
1—2	366	179	70	29	22	22	34
3	785	392	175	78	42	29	69
4	462	266	105	49	28	—	14
5	306	200	51	26	17	—	12
6	587	370	112	68	27	—	10
30***)	2506	1407	523		136	51	139
0/0	100	561/8	201/14	10	51/2	2	51/2

*) סקופּין

**) Sbido

***) דער סך-הכל איז דאָ בלויז אַרעלאַטיווער, ווייל בעצם איז אין די ווייטערע יאָרן ניט פאַראַן אַזאַ ווערטער-צאָל: צווישן די גרעסערע צאָלן פון די ווייטערע יאָרן געפינען זיך דאָך אויך די זעלביקע ווערטער וואָס זענען פאַררעכנט געוואָרן אויך אין די קלענערע צאָלן פון די יינגערע יאָרן.

פון די געבראַכטע צאָלן, הגם זיי זענען אומגעפּערע, קען מען אַסך לערנען. די גרעסטע צאָל ווערטער זענען סובסטאַנטיוון, שמות-עצם. דאָס איז דערפאַר, וואָס דאָס קינד האָט פאַר זיך בלויז אַ קאָנקרעטע וועלט. זיין באַאָבאַכטונג ווערט צוגעצויגן און פיקסירט בעיקר פון קאָנקרעטע געגנשטאַנדן, פון אַ זעלכע געגנשטאַנדן, וועלכע ווערן אויפגענומען און ערפאַסט מיט דער הילף פון די חושים.

אָבער אויך די אַלע קאָנקרעטע געגנשטאַנדן נעמט דאָס קינד ניט אויף אין זייער איזאָלירטהייט, אין זייער מחוץ-למחנה'דיקייט אין באַצוג אויף אַנדערע געגנשטאַנדן, אויסער אויף זייער פונקציאָנירן אוןווירקן. אַלע געגנשטאַנדן פון דער אַרומיקער וועלט זענען פאַר דעם קינד דער פאַקטאָר בלויז אין זייער טעטיקייט, בלויז צוזאַמען מיט זייערע אייגנשאַפטן. און ס'איז דעריבער ניט קיין צופעליקייט וואָס די צווייטע גרופּע ווערטער, לויט איר גרויס, איז די גרופּע פון צייט-ווערטער, פון פּועלים (ווען מ'זאָל צו איר צוגעבן נאָך די פערטע גרופּע פון אַדווערבן, וועלכע געהערן צו איר לויט זייער תּוך, וועט זי ווערן נאָך גרעסער. די אַדווערבן קומען אָבער שפּעטער, ווייל זיי באַצייכענען שוין ניט די עצם טעטיקייט, נאָר געוויסע באַציונגען, געוויסע גראַדירונגען פון דער טעטיקייט, וואָס ס'איז נאָך פאַר דעם קינד, אין זיין ערשטער דערפאַרונגסלאָגיקייט ניט לייכט צוגענגלעך), און וואָס די דריטע גרופּע, לויט איר גרויס, בילדן די אייגנשאַפטס-ווערטער. ס'דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז די געבראַכטע פאַרטיילונג פון די ווערטער, לויט זייערע אָנגענומענע ביי אונז, דערוואַקסענע, גראַמאַטיקאַלישע לאָגישע רובריקן, אַנטשפּרעכט ניט אינגאַנצן דעם אַנטוויקלונגס-גאַנג פון קינדס-שפּראַך.

גבי דעם קינד איז אַזוי טיילונג ניט אינגאַנצן ריכטיק, ווייל פאַר אים האָבן אויך די סובסטאַנטיוון, ווי כ'האָב שוין, אַגב. פריער. באַמערקט (ביי קלענערע קינדער מער, ביי גרעסערע — ווייניקער) דעם כאַראַקטער פון פּועלים. די אָנרופונג פון שמות-עצם גופא האָט ביים קינד ניט דעם זין פון אַ בלויזער קאָנסטאַטירונג וועגן דעם עצם זיין פון דעם געגנשטאַנד, ניט קיין סתם נאָמינירונג, נאָר בעיקר טאַקע דעם זין פון קאָנסטאַטירן דעם געגנשטאַנדס ווירקן, דעם געגנשטאַנדס טעטיק זיין. דאָס סובסטאַנטיווע וואָרט ביים קינד, ווען עס קומט אפילו אַליין, אָן פאַרבינדונג מיט צייטווערטער, אין דעם פּעריאָד ווען דאָס קינד רעדט נאָך ניט מיט געבונדענע זאַצן, נאָר מיט איינצעלע ווערטער איז אויך בלויז אַ קורצע באַצייכנונג פון אַ גאַנצן זאַץ, דאָס סובסטאַנטיווע וואָרט אין מויל פון קינד איז, אַזוי, שטענדיק דער טרעגער פון אַ געשעען, פון אַ טעטיקייט, אַלע די

נעמען פון דעם געשריבענעם געשען, פון די אַנדערע טיילן פון זאַץ ווערן נאָך ניט אַרויסגעזאָגט.

און דאָס זעלביקע איז אויך מיט די אייגנשאַפטן פון געגנשטאַנד, אייגנשאַפטס ווערטער קענען פון קינד אָנגעהויבן צו באַנוצט ווערן שפּעטער, אַן אַנונג וועגן די אייגנשאַפטן אָבער באַזיצט דעם קינד שוין אַסך, אַסך פריער, שוין דאַן ווען ער באַנוצט די סובסטאַטיווע ווערטער. קיין איינציקער סובסטאַנטיוו איז פאַר דעם קינד ניט אָפּטיילבאַר, ניט זינבאַר אָן געוויסע מיט אים פאַרבונדענע אייגנשאַפטן. ווייל די אייגנשאַפטן גופא זענען דאָך בעצם אַ רעזולטאַט פון באַאָבאַכטן דעם געגנשטאַנד אין זיין טעטיקייט, אין זיין ווירקן. אייגנשאַפט איז ניט אַנדערש, ווי די אַנטפּלעקונג פון איכות ביי דער אָדער יענער טעטיקייט פון געגנשטאַנד.

אין דער פילאָזאָפיע (אין דער עמפּיריסטישער פילאָזאָפיע פון לאַק־בערקליי, יונג א. אַ.) האָט מען זייער פיל זיך באַשעפטיקט מיט דער פראַגע פון אייגנשאַפטן בכלל און פון דער קעגנזייטיקער באַציונג צווישן געגנשטאַנד און אייגנשאַפט בפרט. מ׳האָט געפּרוּווט צו דערווייזן, אַז קיין געגנשטאַנד איז ניט מעגלעך און ניט זינבאַר אָן אייגנשאַפטן און אַז אייגנשאַפטן זענען די באַשטימטע פונקציע־אַנטפּלעקונגען פון געגנשטאַנד.

דאָס וואָס די פילאָזאָפן האָבן זיך באַמיט צו דערווייזן מיט די קאָמפליצירסטע טעאָרישע ראיות, באַווייזט דאָס קינד אין אַלע זיינע אויסערונגען און באַזונדערס אין זיין שפּראַך־אַנטוויקלונג אויף דעם בולטסטן, פּראַקטישן אופן נאָך אַ פאַר באַמערקונגען וועגן גראַמאַטיקאַלישן בוי פון קינדס־שפּראַך, גראַמאַטיק בכלל באַצוועקט, ווי באַקאַנט, די עקאָנאָמיע און די גענויקייט פון דער שפּראַך. אַלזאָ: צוויי הויפּט־צוועקן: איינער וואָס האָט בדעה די פולקאָמהייט פון דער שפּראַכלעכער כמות (מ׳זאָל אַ געדאַנק קאָנען אויסדרוקן אין מעגלעך ווייניק ווערטער, מ׳זאָל פאַר דער אינערלעכער כונה פון דעם, וואָס מ׳האָט צו זאָגן, קענען זיך באַנוצן קלענסטער צאָל פון אויסערלעכע מיטלען, פון ווערטער) און די אַנדערע, וואָס האָט בדעה די פולקאָמהייט אין איכות (אַז דאָס וואָס מ׳וויל אַרויסזאָגן זאָל פאַרשטאַנען ווערן פון די הערער פונקט אַזוי, ווי דער זאָגער האָט עס געוואָלט, ס׳זאָל ניט בלייבן קיין בלויז פון ניט דערזאָגטן. קיין פלאַץ פאַר טוישונגען און פאַר ספקות איבער דעם „פשוטו של מקרא״). גראַמאַטיק איז, אַלזאָ, יענע ראַם, אין וועלכער ס׳פּאַסט זיך אַמבעסטן איין דאָס בילד פון שפּראַכלעכן אויסדרוק, יענער אויסגעטראָטענער וועג, איבער וועלכן דער צוג, וואָס ליפערט צו דעם געדאַנקלעכן באַגאַזש פון איין סטאַנציע, ווו דער באַגאַזש

ווערט אָנגעלאָדן (די פסיכיק פון דעם, וואָס רעדט) צו דער אַנדערער סטאַנציע ווו דער באַגאַזש ווערט אויסגעלאָדן און אויפגענומען (די פסיכיק פון דעם, וואָס הערט), קען גיין סיי גיכע, סיי זיכערער.

די גראַמאַטיקאַלישע זייט פון אונזער שפּראַך שפּיגלט אָפּ נישט בלויז דעם לאָגישן פּנים, נאָר אויך דעם פּסיכאָלאָגישן פּנים פון אונזער דענקען. און סימנים פון גראַמאַטיקאַלישן בוי זענען פאַראַן שוין אין ערשטן אָנהייב פון דער שפּראַך-אַנטוויקלונג, שוין די ערשטע פריקינדערשע אומבאַהאָלפענע שפּראַך-אויסערונגען זענען ניט הפקר און ניט צופעליק, נאָר האָבן געוויסע גראַמאַטיקאַלישע גרעניצן. דעם קינדס שפּראַך האָט זיך איר גראַמאַטיק. דער באַקאַנטער קינדער-פּסיכאָלאָג שטערן טיילט איין די גראַמאַטיקאַלישע אַנטוויקלונג פון קינדס שפּראַך אין 4 באַזונדערע פּעריאָדן. דער ערשטער פּעריאָד (צווישן איין יאָר און איין יאָר זעקס חדשים) קען כאַראַקטעריזירט ווערן אַזוי: דאָס וואָרט איז אַ סכום פון קלאַנגען, וועלכע זענען שוין פאַרבונדן מיט אַ געוויסן שפּראַכלעכן אינהאַלט, נאָר האָט נאָך אַ שוואַכע גראַמאַטיקאַלישע פאָרם. בײַ דעמדאָזיקן ערשטן פּעריאָד שפּילט אַ אײַנערוויגנדיקע ראָל די הילפס-שפּראַך פון במקום-ווערטער. די שפּראַך פון באַוועגונגען (זשעסטן), מימיק, אינטאָנאַציע. דאָס ערויסגערעדטע איינצעלנע וואָרט, ווי שוין אויבן געזאָגט, איז דאָ נאָר אַ טייל פון אַ גאַנצן ניט ארויסגעזאָגטן, אָבער דורך דעם קינד גופא גוט באַגריפענעם זאַץ. דאָס איינצעלנע וואָרט איז בלויז דאָס ערשטע וואָס מיר הערן, ס'איז אָבער כלל נישט דאָס ערשטע, וואָס דאָס קינד האָט באַגריפן. לגבי דעם קינדס באַגרייפן איז דאָס וואָרט, פאַרקערט, דאָס צווייטע און דאָס ערשטע איז גראָד דער גאַנצער זאַץ. א קינד האָט אַ גאַנצן זאַץ און נעמט פון אים אַרויס פאַר זיין אייגענעם געברויך אַ איינצעלן וואָרט, אַ קינד האָט וואָס צו זאָגן עפּעס גאַנצעס און דריקט עס אויס נאָר מיט איין איינציקן וואָרט. דאָס איינציקע וואָרט איז אין ביידע פאַלן נאָר אַ שברי-לוחות שטיק, אַן אַרויסגעכאַפּט שטיקל פון אַ גאַנצן בנין, פון אַ זאַץ, וועלכן דאָס קינד אַליין האָט צעבראָכן, האָט צעגלידערט, כּדי ס'זאָל אים זיין לייכטער און צוגענגלעכער פאַר זיין געברויך. די ערשטע לוחות פון דער שפּראַכלעכער מתן-תורה פאַר דעם קינד זענען די גאַנצע זאַצן און ניט די איינצלנע ווערטער. „זאַץ קודם לוואָרט" — זאָגט ווונדט, ווען ער רעדט וועגן דער אַלגעמיינער שפּראַך-אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. דאָס זעלביקע איז אויך, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אונזער פראַגע, וועגן דער שפּראַך-אַנטוויקלונג פון קינד.

דער צווייטער פּעריאָד פון דער גראַמאַטיקאַלישער אַנטוויקלונג פון קינדס שפּראַך פאַלט אויס אין דער צייט פון 1 יאָר 6 חדשים ביז 2 יאָר

און ווערט כאַראַקטעריזירט אין דעם איבערגאַנג צו באַשטימטע און פאַר־פיקסירטע נעמען. יעדער געגנשטאַנד און דערשיינונג מוזן האָבן זייערע נעמען. דאָס קינד שטעלט פראַגן וועגן דעם, ווי עס הייסט דער אָדער יענער געגנשטאַנד. הגם אויך אין דעם פעריאָד האָבן נאָך, ווי כ'האָב שוין אויבן געזאָגט, די ווערטער ניט יענע גענויע דיפערענצירטקייט לויט אינהאַלט, לויט שפּראַך־טיילן, ווי ביי אונז. הגם אויך דאָ האָט דער נאָמען (דער סובסטאַנטיוו) אָפט די באַדייטונג פון אַ ווערב אָדער איז אַלענפאַלס נאָך צונויפגעבונדן מיט אַזאַ ווערב (סובסטאַנטיוו=סובסטאַנטיוו+ווערב. שטול=שטול פאַלט, מאַמע=מאַמע, גיב עסן א. א. וו.) ס'איז שוין אָבער פאַראַן אַן אָנהויב פון שפּראַכלעכער דיפערענצירטקייט, ריכטיקער פאַר אינהאַלטלעך — שפּראַכלעכער דיפערענצירטקייט, ווען אַפילו די פאָרמעל־שפּראַכלעכע דיפע־רענצירטקייט קומט נאָך ניט צום אויסדרוק.

צום סוף פון זיין צווייטן לעבנסיאָר טרעט דאָס קינד אַריין אין דריטן פעריאָד פון זיין גראַמאַטיקאַלישער אַנטוויקלונג. די ביז דאַן נישט געביטענע איינפאָרמיקע ווערטער הייבן זיך אָן צו בויגן, צו ענדערן, באַקומען די נויטיקע פלעקסן, און פון איין וואָרט קען, מיט געוויסע ענדערונגען, צו־געבונגען צום אָנהייב אָדער צום סוף, ווערן אַ ריי פון ווערטער, ענלעכע לויט זייער אָפשטאַמונג און לויט דער שייכות, וואָס צווישן די דורך זיי באַצייכנטע געגנשטאַנד. דאָס איז דער פעריאָד שוין פון זאַצן, אָבער נאָך פון א י נ פ אַ כ ע זאַצן.

אין דעם פערטן פעריאָד, וועלכער הייבט זיך אָן אין דער עלטער פון 2 יאָר 6 חדשים און קומט פאָר ווייטער, קומט שוין אין קינדס שפּראַך־געבוי אויך אַריין דער צ ו ז א מ ע נ ג ע ז ע צ ט ע ר זאַץ.

די שפּראַך ווערט אַלץ אַ מער עלאַסטישער געצייג פון דענקען, דאָס קינד באַקומט שוין אַלץ מער די נויטיקייט אויסצודריקן איינצלנע ביזאַנסן פון זיינע באַאָבאַכטונגען און דערפאַרונגען, דאָס לעבן ווערט פאַר אים אַלץ מער אויסגעשיילט פון זיין פריערדיקער פאַרהעלטנסמעסיקער עלעמענטאַרהייט. מער אחד'יקער האָמאגעניקייט, ער באַגרייפט אַלץ מער די אומצייליקע פאַרשיידנהייט פון צושטאַנדן און איינגשאַפטן. און דאָס אַלעס דריקט ער אויס אין זיין שפּראַך, וועלכע פאָדערט שוין צוליב דעם אַ סך מער גענוי־קייט. אַ סך מער גראַמאַטיקאַלישע אָפּגעצאַמטקייט און באַשטימטקייט.

פאַר דער אַנטוויקלונג פון פאַרשיידנהייטס־באַגריף באַם קינד און זיין אויסדרוק אין קינדס שפּראַך איז באַזונדערס באַלערנדיק די קינדערשע באַנוצונג פון צאָלן.

מ'דאַרף, קודם כל, אין דעם פרט נעדענקען, אַז דאָס באַנוצן גופא

פון צאָלן איז נאָך ניט שטענדיק קיין ראיה פון דערפאַרענער צייל־באַרקייט, אַז באַנוצן צאָלן אַלס ווערטער באַדייט נאָך ניט דאָס פּראַקטישע קענען ציילן, קענען אָפּערירן מיט צאָלן. אָפט זענען די באַנוצטע צאָל־ווערטער בלויז אַ זאַך פון מעכאַנישער נאָכמאַכונג. דאָס קינד הערט און חזרט איבער אַ סך ווערטער פון דעם דערוואַקסענעמס שפּראַך, הערט ער און מאַכט אויך נאָך די צייל־ווערטער פון דערוואַקסענעמס שפּראַך.

די באַוווסטזיניקע באַנוצונג מצד דעם קינד פון צאָלן קומט ערשט דאַן, ווען ער האָט דערפאַרן די פ א ר ש י ד נ ה י י ט פ ו ן ג ע ג נ ש ט א נ ד ן. דאָס־דאָזיקע דערפאַרן פון פאַרשיידנהייט איז זייער אַ קאָמפּליצירטער און שווערער קאַפּיטל אין קינדס אַנטוויקלונג.

פון אָנהייב אָן, ווי געזאָגט, דערשיינט די אַרומיקע וועלט פאַר דעם קינד אַלס הומאָגענע געבילדע, אַלס אומאָפּטייל־באַרע מענגע. ער זעט דאָס גאַנצע און ניט די טיילן. צוליב דעם גאַנצן גופא זעט ער ניט די איינצעלנע באַשטאַנדטיילן פון גאַנצן. דאָ קען גראָד אויף אַ פאַרענדערטן אופן באַנוצט ווערן דאָס באַקאַנטע פאָלקס־ווערטל: „צוליב דעם וואַלד זעט מען ניט די ביימער“.

פּונקט ווי יענער פּויער, וועלכער קומט אין מוזיי אַריין, זעט פאַר זיך בלויז עפּעס אַן אַלגעמיינעם צוזאַמענמיש פון בילדער און איז נאָך ניט בכח צו זען די איינצעלנע, באַשטימטע בילדער, אַזוי זעט אויך דאָס קינד פון אָנהייב אָן אין דעם פרעמדן וועלט־מוזיי בלויז אַ אויפהויפונג אַ אומגעטיילטע און אומגעאָרדנטע צוזאַמענמישונג פון עפּעס גאַנצן, אָבער ניט פון איינצעלנע באַשטאַנדטיילן. און ערשט ביסלעכווייז—נאָך דורכגעמאַכטע דערפאַרונגען און באַאָבאַכטונגען—צוגייט זיך דער נעבל, וואָס האָט די טיילן אין איין גאַנצן אויפגעהעפט און ס'ווייזן זיך אַרויס די איינצעלנע באַשטאַנדטיילן. ס'קומט די באַציונג צווישן די טיילן, קודם כּל, די רוימלעכע באַציונג: גרעסער און קלענער, „גרויס“ און „גרעסער“ געהערן צו דיערשטע אַגריפן און אויך ווערטער פון קליינעם קינד. „ווי גרויס ווילסטו זיין“? פרעגט מען דעם קינד און ער ענטפערט מיט אַ האַנטבאַוועגונג אין דער הויך.

שפּעטער קומען די באַגריפן „אַ סך“ און „ווייניק“. די דאָזיקע באַגריפן זענען אויך אַ גאַנץ לאַנגע צייט נאָך פון רוימלעכער באַדייטונג („אַ סך“ הייסט דאָס, וואָס פאַרנעמט אַ גרויסן שטיק רוים, דאָס וואָס ס'איז גרויס א. אַ. וו. די צייטלעכע באַשטימונג פון „אַ סך“ אַלס „דויערנדיק“ ווי בכלל אַלע אַנדערע צייט־באַציונגען געהערן צו די שפּעטסטע דעראָבערונגען אין קינדס אַנטוויקלונג). און ערשט דאַן קומען די צאָלן — אַלס מער טיפּקטלעכער מיטל — צו באַצייכענען די רוימלעכע באַציונגען.

פון די צאָלן גופא זענען די ערשטע די כמות-צאָלן: איינס צוויי א. א. ו. ד. ה. יענע צאָלן, וועלכע באַצייכענען ווידעראַמאָל איינפאַכע רוימלעכע באַציונגען, און ניט די סדר-צאָלן: ערשטער, צווייטער א. א. ו. די לעצטע קומען אַריין אין קינדס שפּראַך זייער שפּעט. דאָס ציילן איז פאַר דעם קינד אַ פאַרגלייכונג פון איינאַרטיקע געגנשטאַנדן און דעריבער ציילט דאָס קינד נאָר דאַן, ווען ער האָט פאַר זיך בפירוש נאָר גלייכע געגנשטאַנדן, און פאַרלירט די פעיקייט צו ציילן, ווען מ׳גיט אים פאַרשיידענע געגנשטאַנדן: איין עפּל און נאָך אַן עפּל זענען צוויי עפּל — וועט דאָס קינד לייכטער אויפפאַסן, ווי איין (עפּל) און איין (ביכל) זענען צוויי (זאַכן).

דאָס קינד ציילט אָבער ניט נאָר גלייכאַרטיקע, נאָר אויך נאָנטע געגנשטאַנדן. ער קען זיך מיט זיינע צאָלן אין דער ווייט ניט איבערטראָגן. ער קען ציילן בלויז דאָס וואָס ער זעט פאַר זיך, וואָס ער הערט, וואָס ער נעמט דירעקט אויף מיט זיינע חושים. ציילן פרעמדע ווייטע געגנשטאַנדן איז שוין פאַר אים אַן אַבסטראַקציע, אויף וואָס ער איז נאָך ניט פעיק.

איינער אַ קינדערפאָרשער, פרידריך, דערציילט וועגן אַ ייִנגל פון 4 יאָר 3 און האַלב חדשים, למשל, (מיר קענען אַליין אַזעלכע באַאָבאַכטונגען זייער פיל מאַכן), אַז ווען דער זיידע האָט בא אים געפרעגט: וויפל פינגער האָב איך? האָט דאָס ייִנגל געענטפערט: דאָס ווייס איך ניט, איך קען נאָר מיינע אייגענע פינגער ציילן.

דאָס ציילן אין דער אָנגעוויזענער כמות-ריכטונג, אין דער ריכטונג פון רייען הויבט זיך געוויינלעך אָן אין סוף פון ערשטן לעבנס-יאָר. דערביי ציילט דאָס קינד געוויינלעך נאָך אַזוי: איינס, נאָך איינס, נאָך איינס א. א. ו. אויסער „איינס" ווייסט ער נאָך קיין אַנדערע צאָלן ניט. דעם אויפגעציילטן סכום קען ער נאָך ניט אָנרופן, דער סכום גופא נאָך איז פאַר אים נאָר אַ זאַמלונג פון גלייכאַרטיקע חבור-צאָלן, פון איינס-צאָלן.

אַ גוטע אילוסטראַציע צו דעם גיט שלום-עליכם, ווי אַזוי די ברידערלעך פון „חנוכה-געלט" ציילן זייערע אויפגעזאַמלטע מטבעות, ווי ס׳גייט בא זיי גלאַט כל זמן זיי האָבן צו טון מיטן בלויזן אָנרופן די איינצעלנע מטבעות, די איינצעלנע חבור-צאָלן און ווי אַזוי זיי פאַרפּלאָנטערן זיך, ווי נאָר ס׳קומט אָנצורופן די סומע. די ערשטע צאָל-באַגריפן און צוזאַמענמיט זיי אויך די ערשטע באַוווסטזיניקע צאָל-ווערטער נעמען זיך פון די אַממערסטן באַקאַנטע געגנשטאַנדן אין זייער נאַטירלעכער ריי ד. ה. פון דעם, ווי אַזוי די באַקאַנטע געגנשטאַנדן באַציען זיך איינע צו די אַנדערע אין זין פון צאָל.

„צוויי", למשל, וועט דאָס קינד גיכער באַגרייפן און גיכער בא-

וואוסטזיניק באַנוצן ווי „דריי". „פיר" און „פינף" גיכער ווי „זעקס" און „זיבן", „צען" גיכער ווי ניין-ווייל פאַר צוויי האָט ער אַרום זיך: צוויי אויגן, צוויי פיס, צוויי הענט א. א. וו., פאַר פיר — פיר פיסלעך פון שטול, טיש א. א. וו. פאַר „צען" — צען פינגער א. א. וו. אָבער דריי, זעקס, זיבן, ניין טרעפן זיך אַרום אים זעלטן.

מ'דאַרף אונטערשיידן ערשטע עלעמענטאַרע צאָלן פון צאָלן, וועלכע זענען שוין אַ רעזולטאַט פון רעכענען. מ'דאַרף אונטערשיידן חבור-צאָלן פון צאָלן, וועלכע זענען שוין אייגנטלעך אַ סומע פון אַ געמאַכטן חבור-אַקט. די ערשטע און נאַטירלעכסטע צאָל וואָס דאָס קינד באַגרייפט אַם-ערשטן און אַמבעסטן זענען איינס, פינף, צוויי.

בכלל אָבער דאַרף מען שטענדיק האָבן אין אַכט, אַז דער באַגריף פון צאָלן גיט זיך זייער שווער, אַז דאָס באַנוצן צאָל-ווערטער באַדייט נאָך ניט קיין באַוווסטזיניקן ערפאַסן די צאָלן אין זייער באַגרייפלעכן זין. ווען די קינדער קומען אָן שוין אין שול אפילו, פעלן זיי נאָך געוויסע צאָל-באַגריפן, אין די ראַמען פון ערשטן צענדליק (זיבן למשל) און אַ פשיטא שוין איבער די ראַמען פון ערשטן צענדליק. אַ גאַנצן האַלב יאָר איז מען אין ערשטן קלאַס פון שול, געוויינלעך, באַשעפטיקט, ביז וואַנען דאָס קינד באַקומט די נייטיקע אַנונג וועגן די צאָלן פון ערשטן צענדליק און לערנט זיך אויס באַוווסטזיניק און אַבזיכטלעך מיט זיי צו אָפערירן. מ'דאַרף דעריבער זייער און זייער פאָרזיכטיק זיין מיט צואיילן דעם קינדס לעקסיקאָן ספּעציעל פון צאָל-ווערטער.

טאַטע-מאַמע האָבן ליב אָפט צו פרי צו פאַרנעמען זיך מיט דער „מאַטעמאַטישער אויסבילדונג" פון זייער קינד. זיי לייגן דעם קינד פאָר שוין אין זיין פריסטן עלטער (קינדער פון 3–2 יאָר) אויפגאַבן אויף חבור און חסור, מ'לערנט די קינדער אויס „ציילן" ביז מערערע צענדליקער און אַפילו ביז הונדערט און מ'איז שטאַרק צופרידן און מ'רימט זיך פאַר פריינט און באַקאַנטע:

— ס'אַר אַ בעל חשבון אונזער יעגקעלע איז!

דאָס קען אָבער זיין אַ „בערישע טובה". אויסלערנען קען מען אַלץ, ווייל אויסלערנען הייסט אייגנטלעך דרעסירן, אָבער אַ אויסלערנען, ווען דער תלמיד איז נאָך ניט פאַרטיק צו דער תורה פון זיך אַליין, ווען זיין פסיכישע איינשטעלונג שאַפט נאָך ניט דעם דאַנקבאַרן באָדן, וועלכער זאָל קענען אויפנעמען די מיט איבערגעוואַלד פאַרזייטע קערנער, מאַכט טעמפ דעם קינדס מוחל, מאַכט זומפיק דעם באָדן פון זיין אַנט-וויקלונג. און ניט נאָר בא צאָלן, נאָר ביי דער שפּראַך אַנטוויקלונג. בכל

דאַרף מען זיך היטן פון „צו איילן", כאַלעס מוז קומען פון זיך אַליין, מיט דער צייט, אין פולן הסכם מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון קינד.

דאָס בעסטע און צוועקמעסיקסטע אין דעם פאַל איז „דאָס גאָלדענע מיטן". מ'דאַרף דאָס קינד ניט איבערלאָזן אינגאַנצן אַליין, אָנגעוויזן אויף זיינע אייגענע כוחות, מ'דאַרף אָבער אויך ניט צו פיל העלפן.

דער דערוואַקסענער — און טאַטע מאַמע אין דער ערשטער ריי — האָבן אַ וויכטיקע אויפגאַבע באַם קינדס שפּראַך-אַנטוויקלונג: זיי דאַרפן זיין שפּראַך-לערער פון קינד, דאַרפן אַרויסהעלפן מיט זייערע אייגענע שפּראַך-מוסטערן דעם קינד פון שוועריקייטן, זיי דאַרפן אָבער אויך ניט זיין קיין צו זריזותדיקע שפּראַך-לערער. דאַרפן ניט קינסטלעך צו איילן דעם קינדס שפּראַכלעכע אַנטוויקלונג.

העלפן דעם קינד — יאָ, אָבער די הילף טאָר ניט איבערוואַקסן די כחות פון קינד! — דאָס איז דער כלל, וואָס דערוואַקסענע בכלל און טאַטע-מאַמע בפרט דאַרפן געדיינקען באַ דער פראַגע פון שפּראַך-אַנטוויקלונג באַם קינד!

נאָכוואָרט

לכתחילה, ווען איך בין צוגעטרעטן צום געגעבענעם ווערק, האָב איך געהאַט בדעה איין מין לעזער, דעם טאַטע־מאַמע־עולם. ס'האָט געזאָלט זיין אַ אויסברייטערונג פון יענער אַרט זייער פּאָפּולערע „בריוולעך צו טאַטע־מאַמע"*) וואָס איך האָב מיט אַ צייט־צוריק אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן פאַר דעם מאַסן־לעזער פון אַטאָג־צייטונג („מאָמענט") און וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען אין אַסקיצירטער פאָרם צו געבן הויפטזאַכלעך אָנרעגונגען צום זעלבסטשטענדיקן פאַרטראַכטן זיך איבער אַקטועלע פּראַקטיש־דערציערישע פראַגן. קיין פּלאַץ פאַר וועלכער ס'איז ניט טעאָרעטיזירונג איז אין די דערמאָנטע בריוו, לויט זייער עצם, ניט געווען. בשעת דער אַרבעט גופא האָב איך אָבער באַשלאָסן אַביסל צו ענדערן דעם נוסח פון די אָפּהאַנדלונגען, כ'האָב איינגעפונען פאַר צוועקמעסיק צו האָבן אין אויג ניט בלויז דעם טאַטע־מאַמע־לעזער, נאָר אויך אַנדערע קרייזן, (לערער, דערציער, קינדער־פריינט), פאַר וועלכע ס'איז נויטיק אַן אַנדערער, אַ מער־טעאָרעטישער צוגאַנג צו די באַהאַנדלטע פראַגן.

איך בין דערביי אַרויס פון דער ריין־צוועקמעסיקייטס־הנחה: מיר זענען אַזוי אָרים אין ליטעראַטור וועגן דערציונג בכלל און אין ליטעראַטור אויפן געביט פון קינדער־פּסיכאָלאָגיע בפרט, אַז ווערק פון דעם מין טאָרן זיך נאָך ניט באַשרענקען מיט איין באַשטימטן לעזער־עולם. זיי מוזן נאָך פאַרפאָלגן דעם צוועק צו זיין, ווי ווייט ס'לאָזט זיך, אַ „דבר השוה לכל נפש", צו זיין אויסגערעכנט פאַר פאַרשיידענע קרייזן.

ס'איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין לייכטע אויפגאַבע צו וועלן גלייכצייטיק באַדינען פאַרשיידענע קרייזן, ס'מוז פון דעם אין אַ גרויסער מאָס ליידן די איינהייטלעכקייט פון טאָן — א שטיקל פאַרלייכטערונג פאַר מיר איז געווען די אנערקענונג, אז די באהאַנדלטע אין ווערק פראַגן זענען, ווידער

*) פון דעם נעמט זיך, וואָס אין טעקסט ווערן די אָפּהאַנדלונגען אָפט דערמאָנט אַלס „בריוו"

צוליב מאַנגל אין ליטעראַטור בײַ אונדז אויף דעם געביט, ניט איבעריק באַקאַנט אַפילו פאַר די אַלע אַנדערע קרײַזן, מחוץ טאַטע-מאַמע.

כ'האָב זיך באַמיט, ווי ווײַט ס'איז געווען מעגלעך, צו האַלטן זיך באַם „נאָלדענעם מיטן" צווישן צו-שטאַרקער פּאָפּולאַריטעט און צו גרויסער טעאָרעטיזירונג, כ'האָב געזען אויסצומײַדן די אַלע צופּראַגלעכע ענינים, וואָס דערוועקן געווײַנלעך אין דער ספּעציעלער ליטעראַטור טעאָרעטישע שטרײַטיקײטן, כ'האָב גענומען בלויז יענע פאַקטן און אינטערפּרעטירונגען, וואָס ווערן געהאַלטן — ווי ווײַט ס'איז מעגלעך אין אַזאַ נאָך ניט גענוג באַאַרבעטער און נײַער וויסנשאַפט, ווי קינדער פּסיכאָלאָגיע, — פאַר אַלגעמײן-אנערקענטע און אָנגענומענע. די באַזונדערע אָפּהאַנדלונגען זענען געבויט לויטן קאָנצענטרישן פּרינציפּ: יעדע פון זײ שטעלט מיט זיך פאָר, פון אײן זײַט, אַ פאַרענדיקטן קאַפּיטל, פון דער אַנדער זײַט איז זי אָבער ניט קײן סכום פון „הלכות פסוקות", ניט קײן אויסשעפּנדיק בילד. פּינקטלעכער פאָרמולירט: יעדעס קאַפּיטל איז ניט קײן פאַרענדיקטע, נאָר אַפּאַרונדיקטע אָפּהאַנדלונג. פאַר דעם אָנפאַנגער איז עס עטוואָס גאַנצעס. פאַר דעם פאָרגעשריטענעם לעזער — אַן אַרײַנפיר צום ווײַטערן לעזן, צום ווײַטערער דערגאַנצונג, אַ שמעלערער התחלה-קאָנצענטער, נאָך וועלכן ס'דאַרפן קומען די ווײַטערע, די ברײַטערע קאָנצענטרען. צום סוף פון געגעבענעם ערשטן טייל ווערט צוגעגעבן אַ ביבליאָגראַפיע רשימה פון ווערק — פאָרלויפיק בלויז אין דײַטש, אין די ווײַטערע טיילן וועט אָבער געגעבן ווערן אַ צוגאָב-רשימה אויך אין אַנדערע שפּראַכן: רוסיש, יידיש, העברעיש, פּויליש — פון וואַנען דער פאָרגעשריטענער לעזער וועט קענען שעפּן מער אויספירלעכע ידיעות וועגן די באַהאַנדלטע פּראַגן.

דאָס ווערק בכלל איז אויסגערעכנט אויף דרײַ טיילן. דער ערשטער טייל*) איז געווידמעט דער ע ר ש ט ע ר ק י נ ד ה י י ט (פון געבוירן ביז אָנהייב 7-טן יאָר), דער צווייטער טייל — דער צ ו ו ײ ט ע ר ק י נ ד ה י י ט (ביז דעם פּובערטעט-עלטער) און דער דריטער טייל: דעם י ו ג נ ט - ע ל ט ע ר (פון פּובערטעט-עלטער ביז 18–20 יאָריקן עלטער).

אַזוי אַרום זאָל דאָס ווערק געבן — דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל אין יידיש — אַ בילד פון דער דערציִונג און פּסיכישער אַנטוויקלונג, וואָס דער מענטש מאַכט דורך פון זײַן ערשטן טאָג אָן ביז זײַן פולן זעלבסטשטענדיק ווערן, — אַ בילד אין זײַן גאַנצן, — לכל הפחות, כראָנאָלאָגיש גענומענעם, — אומפאַנג.

*) דער ערשטער טייל אַליין באַשטייט, צוליב טעכנישע סיבות, פון צוויי באַזונדערע אָפּשניטן. דאָס געגעבענע ווערק איז, אייגנטלעך, דער ערשטער אָפּשניט פון ערשטן טייל.

אלס ערשטער פרווו איז דאָס ווערק זיכער ניט פריי פון פעלערן. כ'מיין אָבער, אַז ביי אַלע מעגלעכע פעלערן איז אַזאַ ווערק אַ העכסט-נויטיקע זאַך. ס'איז דאָך ממש מערקווירדיק, וואָס דווקא ביי אונז, ווו דער פאַרשטאַרקטער אינטערעס צו קינדער-דערציונג איז אַ לאַנגאַנגעגדיקע, כ'וואָלט געזאָגט: היסטאָריש נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, איז נייע ליטעראַטור וועגן דערציונג אייגער פון די פאַרוואָרלאָזסטע געביטן.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אַ סך מאָל קומען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט טיילן פון די אַלע ביי אונז, וואָס שטייען נאָענט צום קינד אין זיין דערציונג: מיט דעם טאַטע-מאַמע-עולם (דורך פּאָפּולערע פאָרלעזונגען וועגן קינדער-דערציונג, דורך פּאָפּולער-פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן און אויסגאַבן) אין דער ערשטער ריי און אויך מיט לערער און דערציער-קרייזן — און איך בין יעדעס מאָל געקומען צום שלוס:

ס'איז פאַראַן אַ שטאַרקער, פיל שטאַרקערער אַפילו ווי ערגעץ אַנדערש, אינטערעס צו פראַגן פון דערציונג, ס'איז אָבער פאַראַן ווייניק מעגלעכקייט דעמדאָזיקן אינטערעס צו פאַרפולקומען, צו רעאַליזירן, ס'פעלט פּאַסיקע ליטעראַטור אויף דעם געביט.

און דאָס געגעבענע ווערק — בעסער צו ערגער — קומט אַביסל אויסצופילן דעם בלייז אויף דעם געביט.

און דאָס איז די באַרעכטיקונג פאַר דעם ווערק, וואָס איך ברענג איצט דעם לעזער-עולם!

יאַנואַר, 1927. מחבר

וואָס צו לייענען וועגן קינדער=פּסיכאָלאָגיע און קינדער=דערציונג?

(ביבליאָגראַפישע רשימה; ע ר ש ט ע קינדהייט)

I. א ל ג ע מ יי נ ע ר ש י מ ה:[1]) גרונטלייגנדיקע ווערק, וואָס יעדער לערער און קינדער=פריינט מוז לייענען.[2])

№№	מחבר	ווערק
1	Buhler K. *	Die geistige Entwicklung des Kindes
2	Duroff	Über d. Seelenleben des Kindes
3	Gross K. *	Das Seelenleben des Kindes
4	Gaupp R.	Psychologie des Kindes
5	Claparide *	Kinderpsychologie u. extp. Paedagogik
6	Hall St. *	Aausgew. Beiträge zur Kinderpsychologie und Pädagogik
7	Hellmuth Hugo	Aus dem Seelenleben des Kindes
8	Klose	Die Seele des Kindes
9	Oppenheim	Die Entwicklung des Kindes
10	Tiedemann	Beobachtungen über die Entwicklung der Seelenfähigkeiten bei Kindern
11	Preyer *	Die Seele des Kindes
12	Stern W. u Cl. *	Psychologie der frühsten Kinderheit
13	Sully I.	Untersuchungen über d. Kindheit

1) פאַרלייפיק בלויז אין דייטש, שפּעטער, אין די ווייטערע אויסגאַבן, וועלן צוגעגעבן ווערן רשימות אויך אין רוסיש, יידיש, העברעיש, פּויליש.

2) די ב ע ס ט ע ווערק ווערן באַצייכנט מיט אַ שטערנדל.

II. וועגן איינצעלע פראגן. (1

פראגן	ביכער

בינדהייט, איר דויער און פארטיילונג.

1. A. Koffka :* Die Grundlagen dor psychischen Entwicklung — פארל. ציקפעלד, אָסטערוויעקאם הארץ 1921, פון זייט 29 א. וו.
2. R. Gaupp :* Psychologie des Kindes — פארל. טויבנער, לייפציק, פון זייט 14 א. וו. פון ז. 72 א. וו.
3. K. Mihler :* Abriss des geistiger Entwiklung des Kindes — פארל. קוועלע עט מייער, לייפציק, 1925 פון ז. 35 א. וו.

ווי זאָלן מיר אונזערע קינדער קענען לערנען.

1. A. Koffka :* — זז. 1—3
2. Paul M.: Für Herz und Gemit des Kleinen
3. Mühler Ch.:* Das Seeleben des Jugendlicher — פארל. פישער, יענא 1923 פון זייט 9—1 א. וו.
4. K. Gross :* — ז. 12—14
5. Kohn-Kelly: Über Misshandlung der Kinderseele — פארל. מאן, 1911.

דאָס נייגעבוירענע קינד.

1. A. Koffka :* — זז. 43—102
2. Paul Häberlin: Kinderfehler als Hemmungen des Lebens — פארל. שפיטערס, באזעל, 1921, ז.ז. 1—15 א. וו,
3. A. Kussmaul:* Untersuchungen über das Seelenlebn des neugeborenen Mentschen — פארל. פעטצצקער, טיבינגען 1896
4. B. Perez :* Die Anfänge des Kindlischen Seelenlebes
5. Silvio Canestrini: Über das Sinnesleben des Neugeborenen — פארל. שפרינגער, בערלין 1913
6. דער זעלביקער : Psycholphysiologische Stadien an Neugeborenen — בראָן 1911
7. Dix :* Körperliche u. geistige Entwicklung eines Kindes
8. A. Koffka :* — זז. 37—43
9. R. Gaupp : — זז. 15—28, 49—54 א. וו.

---

1) די ווערק, וואָס זענען איינמאָל פריער דערמאָנט, וועלן געבראַכט ווערן ווייטער און דעם געגוייעם נאָמען זייערן, בלויז מיטן נאָמען פון מחבר.

די ווערק ווו ס'איז נישט אָנגעוויזן די רעקאָמאנדירטע זייטן, דארפן געלייענט ווערן אינגאנצן.

10. Ch. Mühler .* זז. 52—98 א. וו.
11. K. Bühler :* זז. 23—30 א. וו. 45 31 א. וו.
12. I. Delitsch : Entwicklung der Beweganger פארל. בייער און מאן, לאנגעזאלצא, 1913
13. I. Baldwin :* Entwiklung des Geistes beim Kinoe und bei der Rasse פארל. רויטהער און ריינהארד, בערלין 1898
15. Hellmuth : זז. 1—46 א. וו.
15. W. Stern :* זז. 1—88 א. וו.

מיט וואס קומט דאס קינ אין צווייטן לעבנסיאר.

1. R. Gaupp : זז. 19—33 א. וו.
2. K. Bühler : זז. 40—48 א. וו.
3. W. Perez ; זז. 9—45 א. וו.

שפראך = אנטוויקלונג באם קינד.

1. I. Sully ;* זז. 112—155 א. וו.
2. Cl. u. W. Stern :* Die Kindersprache
3. C. Stumpf :* Eigenartige Sprachliche Entwicklung eines Kindes „צייטשריפט פיר פעדאג. פסיכאלאגיע״, 6, 1901
4. R. Gaupp : זז. 33—47 א. וו.
5. A. Koffka ;* זז. 229—238 א. וו.
6. Gutzmann ; Die Kinderssprache u. ihre Fehler „צייטשריפט פיר קינדערפאר־שונג״. VII, ז. 193 א. וו.
7. דער זעלביקער ; Die Sprachentwicklung des Kindes und ihre Hemmungen
8. E. Hering : Münchhausens Reise und Abendteuer zu Wasser u. zu Lande „הוילערער״, 1910/11
9. Idelberger : Hauptproblem der Kindlichen Sprachentwicklung („צייטשריפט פיר פעדאג. פסיכאלאגיע״, 1903)
10. Meumann ;* Die Sprache des Kindes
11. Hover : Über die Lallsprache des Kindes („צייטשריפט פיר אנגעוואנדטע פסי־כאלאגיע״, 1924)
12. Busemann : Die Sprache der Jugend als Ausdruck der Entwicklungs-rhytmik פערל. פישער, יענא, 1925
13. W. Perez :* זז. 37—45 א. וו.
14. W. Ament :* Die Entwigklung von Sprachen und Denken beim Kinde (פארל. וונדערליך 1899)
15. Hellmuth : זז. 32—35 א. וו.
16. E. Meumann !*
17. Goeh : Pathalogie u. Therapie der Sprachanomalien, 1886
18. Nausester : Das Kind und die Form der Sprache, בערלין, 1904
19. Ders : Die grammatische Form der Kindersprach („צייטשריפט פיר פעדאג. פסיכאלאגיע״, VIII, 1906)
20. Tappolet : Die Sprace des Kinpes („דייטשע רונדשו, 1906/07)
21. Fogel : 10 Monate Kindersprache (אלטנבורג, 1897)

אין צווייטן אָפּשניט פון ערשטן טייל (ערשטע קינדהייט) וועלן אריינקומען, צווישן אנ־דערע פאָלגענדיקע קאַפּיטלען:

1. דאָס עמאָציאָנעלע לעבן אין דער פריסטער קינדהייט.
2. דאָס עסטעטישע לעבן פון קליינעם קינד.
3. דאָס אינטעלעקטועלע לעבן פון קליינעם קינד.
4. קינדערשפּיל אַלס לעבנס־ערנסט.
5. די באַדייטונג פון משפחה פאַר דעם קליינעם קינד.
6. ווער זענען דעם קינדס בעסטע און נוציקסטע פריינט?
7. „שלעכטע“ און „גוטע“ מידות באַם קינד.

ביכער אויפן געביט פון קינדער־פּסיכאָלאָגיע און קינדער־דערציונג.

פון דעמזעלביקן מחבר:

1. דעפעקטיווע קינדער אין דער יידישע ליטעראַטור, פאַרל. פון ליטעראַטן־פאַריין, ווילנע, 1921
2. פון כעזלעס טאַגבוך, פאַרל. „קינד“, וואַרשע, 1923
3. קינד און דערוואַקסענער, פאַרל. קלעצקין, ווילנע־וואַרשע, 1925
4. Kleinkind u. Erwachsener (מיט אַן אַנדער אינהאַלט פון יידישן ווערק פונטער דער זעלביקן נאָמען) יענא, 1926
5. אויסגאַבן פון דער „עלטערן־ביבליאָטעק“, פאַרל. קרימבערג, בערלין, 1926:
   א) די מאַמע און איר ראָל אין דערציונג.
   ב) די טראַגעדיע פון בן־יחיד.
6. מידות און נייגונגען ביי קינדער (גרייט זיך צום דרוק), פאַרל. ח. ברזשאַזא, וואַרשע.